STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00910

FERTSIK YOR FOLKSBINE

Permanent preservation of this book was made possible by
Barbara & Daniel Drench
in memory of
Rose Soifer Drench

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פּערציק יאָר
פֿאָלקסבינע

אַרויסגעגעבן צו דעם פֿערציק יאָריקן יובל
פֿון דער דראַמאַטישער אינסטיטוציע
ביים אַרבעטער־רינג, בראַנטש 555

ווינטער, 1955

רעדאַקציע:

יעקב פֿישמאַן
לואיס מאַן
ביינוש סטײַבין

פון דער רעדאַקציע

אין דעם בוך „פערציק יאָר פאָלקסבינע„ וועט דער לייענער, און פריינד פון אונדזער דראַמאַטישער גרופּע ביים אַרבעטער-רינג, געפינען בילדער און עפּיזאָדן צו דער געשיכטע פון דער פאָלקסבינע. אין די זכרונות פון י. פישמאַן, ב. לעווין, ל. מאַן, און מ. אַדלער זיינען פאַרצייכנט, חוץ דאַטעס און פאַקטן, אויך די ליידן און ראַנגלענישן וואָס די פאָלקסבינע-מיטגלידער, שוישפּילער און טוער, זיינען דורכגעגאַנגען אין לויף פון די פיר צענדליק יאָרן. דער לייענער וועט אויך צווישן די שורות, קענען אַרויסלייענען דאָס ביסל נחת און פרייד וואָס יעדער פאָלקסבינע-מיטגליד האָט געהאַט בעת אַן איינגעגעבענע, געראָטענע טעאַטער-אויפפירונג.

סיי די זכרונות, סיי די באַגריסונגען רעדן פאַר זיך אַליין, און דערציילן, אָן שום פירושים, ווי די פאָלקסבינע איז געוואַקסן, בהדרגהדיק, פון יאָר צו יאָר; אָנגעהויבן ווי אַ פאַראיין, און — אויסגעוואַקסן אין אַ שעפערישן טעאַטער-קאָלעקטיוו, און באַקומען דעם גוטן נאָמען מיט וועלכן די פאָלקסבינע איז היינט צו-טאָג באַקאַנט.

מיט דעם יובל-בוך זיינען מיר אויסן: אי זיך אַליין צו שטאַרקן, אי צו דערמאָנען אונדזערע קולטור טוער, און חסידים פון דעם בעסערן יידישן טעאַטער, נישט צו זיצן מיט פאַרלייגטע הענט, נאָר עפּעס צו טאָן ממשותדיק. נאָר מיט מעשים, און נישט מיט רייד, קען מען פאַרזיכערן דעם קיום פון אַ יידיש-קינסטלערישן טעאַטער אין אַמעריקע.

Printed in U. S. A.
By Grenich Printing Corp.
151 W. 25th St., New York, N. Y.
166

פאָלקסבינע אַנסאַמבל 1955

פאַרוואַלטונג און יובליי־קאָמיטעט — 1955

ערשטער ריי: מאָריס אַדלער, רבקה אַדלער, נחום כאַנין, דוד ליכט, י. בערנשטיין, ז. יעפּרויקין, ראובן אַרנאָו, ל. מאַן.
צווייטע ריי: מרדכי שטראַל, בנימין קרעמער, חנה לעווין, שרה סטייבין,ביינוש סטייבין, אברהם טייך.
דריטע ריי: ב. לעווין, א. בעקער, מ. מאלין, יהושע זעלדיס, שלום ראָזען, און יעקב האָלץ.

בעאַמטע פון דער פאָלקסבינע

ראובן אַרנאָו

פאַרוואַלטער פון פאָלקסבינע

רבקה אַדלער

סעקרעטאַרין פון פאָלקסבינע

מאָריס אַדלער

פאָרזיצער פון פאָלקסבינע

אברהם בעקער

קאַסירער פון ברענטש

שלום ראָזען

פאָרזיצער פון ברענטש

מרדכי שטראַל

סעקרעטאַר פון ברענטש

רעדאַקציע־קאָלעגיום

לואיס מאַן

יעקב פישמאַן

ביינוש סטייבין

אונדזער דאַנק צו ש. ד. זינגער

דער יובילײ־קאָמיטעט, און די רעדאַקציע־קאָלעגיום, דריקן אויס אַ האַרציקן דאַנק צו דעם ליטעראַטור־קריטיקער ש. ד. ז י נ ג ע ר, פאַר זיין טעכנישער און רעדאַקציאָנעלער מיטהילף וואָס ער האָט אונדז געגעבן, ביים אַרויסגעבן דאָס בוך: „פערציק יאָר פאָלקסבינע".

רעדאַקציע־קאָלעגיום
און פאָלקסבינע יובילײ־קאָמיטעט

פערציק יאָר פאָלקסבינע

מיט דעם בוך ציט די פאָלקסבינע אונטער דעם סך־הכל פון פערציק יאָר אַרבעט אַלס דראַמאַטישע אינסטיטוציע פון אַרבעטער רינג און אַלס קולטור־אָרגאַניזאַציע אין ניו־יאָרק. במשך פון פערציק יאָר האָט די פאָלקסבינע ערלעך און געטריי געטאָן איר אַרבעט אויף דעם ליטעראַריש־דראַמאַטישן פעלד, און בייגעטראָגן אַ גרויסן חלק צו דער פאַרשפּרייטונג פון יידישער טעאַטער־קונסט, ניט נאָר אין ניו־יאָרק נאָר אויך אין די אַרומיקע שטעט; פערציק יאָר האָט די פאָלקסבינע באַאַרבעט דעם באָדן פאַר אַ בעסערן יידישן טעאַטער און אַנטוויקלט אַ שוישפּילער־אַנסאַמבל, וואָס קען שטאָלצירן מיט זיינע אויפטואונגען און דערגרייכונגען.

צו אונדזער יובל־פייערונג באַגריסן מיר אַלע אונדזערע פריינד און אָרגאַניזאַציעס; דעם אַרבעטער רינג, וואָס האָט אין די אַלע יאָרן אונדז געשטיצט און געהאָלפן; די יידישע שריפטשטעלער און דראַמאַטורגן, וועמעס פּיעסן מיר האָבן אויפגעפירט, און דעם ברייטן יידישן עולם, וואָס האָט אונדז דערמוטיקט אין דער אַרבעט, און גרינגער געמאַכט אונדזער וועג, וואָס איז ניט שטענדיק געווען מיט בלומען אויסגעשפּרייט.

צו אונדזער פערציק יאָריקן יובליי באַגריסן מיר די מיטגלידער און די שוישפּילער פון דער פאָלקסבינע, די רעזשיסאָרן, מאָלער, מוזיקער און טעכניקער פאַר זייער גלויבן און אידעאַליזם, און פאַר זייער עקשנותדיקן קאַמף פאַר אַ בעסער יידיש־קינסטלערישן טעאַטער אין אַמעריקע.

די רעדאַקציע

באַגריסונג צום 40־יאָריקן יובילעי פון דער אַרב. רינג פאָלקסבינע

טייערע פריינד: —

מיר באַטראַכטן אייער 40 יאָריקן יובילעי אַלס אַ יום־טוב פון דעם גאַנצן אַרבעטער רינג. אין די 40 יאָר האָט איר אַלס אַן אַרבעטער רינג אינסטיטוציע מיט אייער קינסטלערישער אַרבעט זייער פיל בייגעטראָגן, אויף אייער אייגנאַרטיקן געביט, לטובת דעם שיינעם נאָמען פון אונדזער אָרגאַניזאַציע.

ניט נאָר האָט אייער בינע, מיט אירע פאָרשטעלונגען, פאַרשאַפט כבוד, אונדז אַלעמען, און דער ברייטער מיטגלידערשאַפט פון אַרבעטער־רינג, וואָס האָבן בייגעוואוינט די פאָרשטעלונגען, נאָר איר האָט אויך זייער פיל בייגעטראָגן צו דער אַנטוויקלונג פון דער טעאַטער־קונסט אויף דער יידישער גאַס.

איר שליסט איצט אָפּ אַ קאַפּיטל פון 40 יאָר טעטיקייט. מיר ווייסן, אַז אייער טעטיקייט איז געווען ניט קיין לייכטע. מיר וויסן די שוועריקייטן וואָס איר האָט באַגעגנט ביי דער אַרבעט. אָבער די עקשנות, דער אידעאַליזם, און די איבערגעבנקייט פון אייערע טוער, אָנפירער און מיטגלידער האָבן מעגלעך געמאַכט איר זאָלט אויסהאַלטן און אָנהאַלטן די אַרבעט במשך פון די 40 יאָר.

נעמט אָן אונדזער האַרציקע באַגריסונג לכבוד אייער יובילעי. מיר האָפן אַז איר וועט, מיט דעם זעלבן אידעאַליזם, און ליבשאַפט צום יידישן וואָרט און יידישן טעאַטער, פאָרטזעצן אייער אַרבעט אַלס די „אַרבעטער רינג פאָלקסבינע“, נאָך אויף פילע יאָרן.

נאַציאָנאַלע עקזעקוטיוו־קאָמיטע אַרבעטער רינג,

י. ט. צוקערמאַן, פּרעזידענט,
י. ברעסלאַו, וויס־פּרעזידענט,
מ. גאָפּט, טרעזשורער.
נ. כאַניך, גענעראַל סעקרעטאַר,
ב. געבינער, געהילפס גענעראַל סעקרעטאַר,
ז. יעפּרויקין, בילדונגס דירעקטאָר,
וו. סטוירן, דירעקטאָר פון דער ענגלישער אָפּטיילונג א. ר.

י. ט. צוקערמאַן
פרעזידענט פון אַרבעטער־רינג

אַ שיינע בלום אין קראַנץ פון אַרבעטער־רינג

עס איז פאַר מיר אַ גרויסע פרייד אייך צו באַגריסן צו אייער 40 יאָריקן יובילײ.

איך באַזוך אָפט אייערע פאָרשטעלונגען. דער טעאַטער, וואו איר שפּילט, און די גאַנצע אומגעבונג אַרום איז אַן אָרעמע. די בינע איז אַ קליינע, אָבער פון דער בינע שטראַמט צו די צושויערס, אַ ליכט פון פרייד און וואַרעמקייט.



דער צושויער פאַרברענגט אַ פּאָר שעה אין אַן אַטמאָספערע פון פיינער קונסט, אין אַן אַטמאָספערע פון שיינעם יידישן וואָרט.

אין דער צייט ווען אַנדערשוואו פאַרביליקט מען דאָס יידישע וואָרט, ווערט עס ביי אייך דערהויבן.

מיר ווייסן אַז איר אַלע, די שוישפּילערס, זייט אַרבעטס־מענטשן, אָדער געשעפטס־מענטשן, כדי צו פאַרדינען אייער ברויט, אָבער עס לעבט ביי אייך די ליבע צו דעם יידישן טעאַטער. אין אייך לעבט אַ פאַרלאַנג צו זיין שעפעריש און אָט דער דראַנג צו שעפערישקייט, דער דראַנג צו געבן אייערע מיטמענטשן דאָס וואָס לעבט אין אייך — גיט אייך כוחות צו טאָן אייער נאָבעלע אַרבעט. פון דעם נעמט זיך אייער ליבע צום יידישן שוישפּיל, צום יידישן טעאַטער. און דעריבער איז קיין זאַך אייך ניט שווער, כאָטש איר זייט טאָגטעגלעך פאַרנומען מיט אייער פּערזענלעכער באַשעפטיקונג.

מענטשן פון אַזאַ אידעאַליזם ווי איר, האָבן געבויט דעם אַרבעטער־רינג און זיינע פאַרשיידענע אינסטיטוציעס, ווי די שולן, כאָרן און דראַמאַטישע גרופּן.

איר פאַרשאַפט דעם אַרבעטער־רינג גרויס כבוד און פאַר דעם זיינען מיר, די גאַנצע נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע, די גאַנצע פירערשאַפט פון אַרבעטער־רינג, — אייך זייער דאַנקבאַר.

איר זייט איינע פון די שענסטע בלומען אין קראַנץ וואָס רופט זיך דער אַרבעטער־רינג.

נעמט אויף אונדזער האַרציקסטן דאַנק און גרוס צו אייער יום־טוב.

נ. כאַנין
גענעראַל סעקרעטאַר פון אַרבעטער־רינג

40 יאָר פאָלקסבינע

יעדער קולטור־אינסטיטוציע אינעם אַרבעטער־רינג האָט דעם אַרבעטער־רינג פאַרשאַפט אַ סך כבוד און אויך פאַרגעניגן. ניט אַלע מאָל האָבן אונדזערע מיטגלידער די דאָזיקע קולטור־אינסטיטוציעס, ווי געהעריק איז, אָפּגעשאַצט. אָבער דאָס פאַרמינערט ניט, בשום אופן, די וויכטיקייט וואָס די קולטור־אינסטיטוציעס האָבן געשפּילט, און שפּילן נאָך עד היום, אין דעם לעבן פון אַרבעטער רינג. די דאָזיקע קולטור־אינסטיטוציעס גיבן דעם אַרבעטער רינג חשיבות און גענוץ אין יידישן לעבן אין דער גאַרער וועלט.

עס איז אמת אַז די בענעפיטן וואָס דער אַרבעטער־רינג גיט, אין פאָרם פון פאַרזיכערונגס־פּאָליסיס, אין קראַנקען־בענעפיטן, אין מעדיצינישער הילף און האָספּיטאַליזאַציע, האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער אַנטוויקלונג פון אונדזער אָרגאַניזאַציע. אָבער דאָס איז נאָר דער סקעלעט — די ביינער אויף וועלכע מען האָט געדאַרפט אָנטאָן פלייש, וועלכע מען האָט געדאַרפט געבן האַרץ און נשמה. ווייל אָן דעם וואָלט דער אַרבעטער רינג געווען אַ גוף אָן אַ נשמה. די קולטור־אינסטיטוציעס האָבן דעם אַרבעטער־רינג געגעבן אינהאַלט, אַנזען. דער אַרבעטער־רינג איז פאַר דער ברייטער עפנטלעכקייט, אָפּגעשאַצט געוואָרן לויט אונדזערע קולטור אַקטיוויטעטן, ווי, טעטיקייטן אין די אַרבעטער־רינג שולן ; כאָרן ; מענדאָלין־אָרקעסטערט, און אין די דראַמאַטישע סעקציעס.

אַרום די דאָזיקע אינסטיטוציעס זיינען אַלע מאָל געשטאַנען אַ הייפעלע מענטשן וואָס האָבן אַרויסגעצייגט אַ סך עקשנות און אַ סך ליבע צו דער קולטור אינסטיטוציע וועלכע זיי האָבן געבויט, געהאָדעוועט און אַנטוויקלט.

אין דער קולטור־טעטיקייט פון אַרבעטער־רינג האָט אין פאַרלויף פון 40 יאָר געשפּילט אַ גרויסע ראָל די ניו־יאָרקער פאָלקסבינע. אין דער פאָלקסבינע האָבן זיך תמיד געפונען געטרייע מיטגלידער ביי וועמען יידיש טעאַטער פאַרנעמט אַ גרויסן טייל פון זייער לעבן. די דאָזיקע גרופּע איז אָרגאַניזירט אין אַ באַזונדער ברענטש פונעם אַרבעטער־רינג וועלכער טראָגט דעם נאָמען ברענטש „555״. אמת, ניט אַלע באַלאַנגען צו דעם ברענטש,

אַ גרויסע צאָל מיטגלידער פון דער פאָלקסבינע שטייען אַרום דער אַרבעט און זיינען ניט קיין מיטגלידער פונעם אַרבעטער־רינג. עס איז אוודאי אַ שאָד וואָס זיי שטייען אויסער דער אָרגאַניזאַציע, אָבער זייער טרייהייט און ליבע צו דער פאָלקסבינע ווערט פון דעם ניט געמינערט.

די פאָלקסבינע, ווי איך האָב פריער געזאָגט, איז אַן אַרבעטער־רינג אינסטיטוציע. אין פאַרלויף פון די גאַנצע 40 יאָר איז זי געבליבן געטריי אונדזער אָרגאַניזאַציע. אין פאַרלויף פון די 40 יאָר האָט די אָרגאַניזאַציע ווי אַ גאַנצע, געהאַט אַ סך אינערלעכע שטורעמס. די פאָלקסבינע איז פון די שטורעמס ניט באַרירט געוואָרן. פאַרקערט, די שוישפּילער און טוער פון דער פאָלקס־בינע זיינען געגאַנגען זייער גאַנג אין לעבן, און האָבן זיך ניט געמישט, און זיך ניט באַטייליקט, אין די אינערלעכע קאַמפן, ווייל זיי האָבן פאַר זיך געהאַט איין ציל אין לעבן. דאָס איז; אויסבילדן און שאַפן, אין אַ קליינעם מאַסשטאַב, אַ בעסער יידיש טעאַטער.

ווען עס האָט זיך אָנגעפאַנגען דער קאַמף אינעם אַרבעטער־רינג, מיט אַן ערך 35 יאָר צוריק, צווישן רעכטס און לינקס, האָבן מיר שטילערהייט שטאַרק מורא געהאַט פאַר דער פאָלקסבינע. כאָטש די מענטשן זיינען ניט קיין פּראָפעסיאָנעלע אַרטיסטן, האָבן מיר געטראַכט, דאָך פאַרמאָגן זיי מסתמא אַרטיסטישע שטימונגען אין זיך, און זיי קענען, ווי ס'רוב שטימונגס־מענטשן, מיטגעריסן ווערן פון שטאַרקע לעבנס־שטורעמס. אונדז האָט זיך געדוכט, אַז אין דעם דאָזיקן קאַמף צווישן רעכטס און לינקס, וועלן אַ סך מיטגלידער פון דער פאָלקסבינע מיטגעריסן ווערן פון דעם פאַלשן סאָוועט־רוסלענדישן צויבער אין די דרייסיקער יאָרן.

היינט צו זייער 40־יאָריקן יובילייאום, קענען מיר מיט אמתן פריייד זאָגן, אַז דוקא די, פאַר וועלכע מיר האָבן זיך צום שטאַרקסטן געשראָקן, זיינען פון דעם פאַלשן קאָמוניסטישן צויבער ניט פאַרבלענדט געוואָרן. די פאָלקס־בינע איז געווען און פאַרבליבן דער לאָיאַלסטער צווייג פון אונדזער אָרגאַניזאַציע.

ניט נאָר דער אַרבעטער־רינג אַליין דאַרף זיין גליקלעך וואָס די פאָלקס־בינע איז מיט דעם שטורעם ניט מיטגעריסן געוואָרן, די פאָלקס־בינע אַליין דאַרף אויך זיין גליקלעך, וואָס זי איז געבליבן אין די רייען פון אַרבעטער־רינג.

מיר איז באַקאַנט וויפיל מעשים די קאָמוניסטישע אַגענטן האָבן אָנגעווענדט, צווישן די מיטגלידער פון דער פאָלקס־בינע, די אַלע שמד־שטיק זייערע, אָבי צו שאַפן אַן אינערלעכע שפּאַלטונג אין דעם פאָלקס־בינע קאָלעקטיוו. ווען זיי, די אייביקע צעשטערער, האָבן געזען אַז זיי קענען ניט באַהערשן דער פאָלקס־בינע.

אפשר איז דאָס ניט קיין צופאַל וואָס די פאָלקסבינע איז געבליבן אַזוי לאָיאַל צו דעם אַרבעטער־רינג. ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זי איז אַן אַרבעטער־רינג אינסטיטוציע, האָבן מיר קיין מאָל איבער דער פאָלקסבינע ניט געוואָלט באַלעבאַטעווען. די פאָלקסבינע האָט אין פאַרלויף פון די

40 יאָר געלעבט אין אַבסאָלוטער פרייהייט, אָן דיקטאַטאָרישע דירעקטיוון. אַ דאַנק דער דאָזיקער פרייהייט האָט די פאָלקסבינע, געקענט אַנטוויקלען אַלע אירע פייאיקייטן און באַוויזן אַזעלכע קינסטלערישע אויפטוען, אויפן געביט פון טעאַטער, מיט וועלכע די פאָלקס־בינע איז באַרימט היינט צו טאָג.

און דערגרייכט האָט די פאָלקסבינע זייער אַ סך!

אין פאַרלויף פון די לעצטע צען יאָר האָט זיך די פאָלקסבינע און אַלע טאַלאַנטפולע אַרטיסטן, געשאַפן זייער אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אינעם יידישן טעאַטער לעבן.

אין דער פאָלקסבינע זיינען פאַר די לעצטע צען יאָר געגעבן געוואָרן, מיט אייגענע כוחות, וואונדערלעך שיינע פאָרשטעלונגען, פּיעסן געשריבן פון באַרימטע יידישע שרייבער, וועגן וועלכע די יידישע און ענגלישע פּרעסע האָט געשריבן קריטיקן פול מיט לויב־געזאַנג און אָנערקענונג.

עס איז נאַטירלעך אַז אין דעם דאָזיקן דערפאָלג, אין דער דערציאונג, זאָלן שפּילן אַ גרויסע ראָל די רעזשיסאָרן וואָס זיינען מיט דער פאָלקס־בינע געווען פאַרבונדן. און מיט דער פאָלקסבינע זיינען געווען פאַרבונדן די בעסטע רעזשיסאָרן וואָס די יידישע בינע פאַרמאָגט.

אין מיין אַרטיקל האָב איך,ליידער ניט גענוג פּלאַץ, צו פאַרנעמען זיך און דערמאָנען אַלע רעזשיסאָרן, און צו געבן אַן אַלזייטיקע אָפּשאַצונג פון אַלע רעזשיסאָרן און זייער אַרבעט פאַר דער פאָלקסבינע. אָבער וועגן איינעם פון זיי, וואָס איז, אין לויף פון די לעצטע יאָרן פאַרבונדן מיט דער פאָלקס־בינע, — וועגן אים וויל איך זאָגן אַ פּאָר ווערטער, כ'מיין דאָ דעם רעזשיסאָר ד ו ד ל י כ ט.

דוד ליכט איז ניט קיין פּנים חדשות אין דער יידישער טעאַטער וועלט פון אייראָפּע און לאַטיין־אַמעריקע. אָבער מיט יאָרן צוריק, איז דער נאָמען פאַר אונדז אין די פאַראייניקטע שטאַטן, געווען כמעט אומבאַקאַנט.

ווען מ'האָט דוד ליכטן אונדז רעקאָמענדירט, אַלס רעזשיסאָר, האָבן מיר געצווייפלט צי ער איז ווירקלעך דער פּאַסיקסטער מענטש פאַר אונדז, און צי וועט ער זיך קענען איינלעבן מיט דער פאָלקסבינע.

לאָמיר איצט זאָגן דעם אמת. ווען עס וואָלט געווען אַ מער פּאַסנדיקער רעזשיסאָר אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָלטן מיר ניט ריזיקירט צו ברענגען אַהער אַ רעזשיסאָר אַזש פון אַרגענטינע.

זיינען מיר טאַקע גליקלעך וואָס דער צופאַל האָט אונדז געבראַכט דוד ליכטן.

ליכט האָט באַוויזן אויפצוטאָן פאַר דער פאָלקס־בינע, אַזוינס, וואָס קיינער ביז אים האָט ניט באַוויזן.

אין וואָס באַשטייט דוד ליכטס כוח? ניט נאָר אין דעם וואָס ער איז אַ גוטער פאַכמאַן אַ רעזשיסאָר, ניט נאָר אין דעם וואָס ער קען זיינע פעאיקייטן צופּאַסן צו יעדער גרופּע שוישפּילער. אוודאי איז די דאָזיקע פעאיקייט נוצלעך פאַר יעדן רעזשיסאָר. אָבער דוד ליכט באַזיצט נאָך אַ סך אייגנשאַפטן וואָס

מאַכן אים באַליבט ביי דעם טעאַטער־קאָלעקטיוו פון דער פאָלקסבינע. ליכט פאַרמאָגט אַ סך טעאַטער־וויסן און טאַלאַנט, אָבער ער שטעלט זיך קיין מאָל ניט העכער פון די, מיט וועלכע ער אַרבעט צוזאַמען. ליכטס רואיקייט, די גוטמוטיקייט זיינע האָט אַ גוואַלדיקע ווירקונג אויף די מיטגלידער פון דער פאָלקס־בינע. ער איז אַ פסיכאָלאָג, און ער קען, און פאַרשטייט זיך אויף מענטשן, באַזונדערס אויף שוישפּילער־טאַלאַנטן וואָס זיינען ניט קיין פּראָפעסיאָנעלע אַרטיסטן. איך מיין, אַרטיסטן, אין דעם זין, וואָס קיינער פון זיי מאַכט ניט קיין לעבן פון טעאַטער.

ליכט האָט אין זיך נאָך אַן אייגנשאַפט; — ער איז אַ לערער, אַ פּעדאַגאָג, וואָס ווייס ווי צו פאַנגען דאָס אַרטיסטישע האַרץ, און ווייס ווי אַזוי אַרויסצוברענגען דאָס בעסטע פון יעדן איינציקן שוישפּילער.

דער 40־יאָריקער יובילייאום ווערט געפייערט אין אַ יאָר ווען דוד ליכט איז דער פּאַקטישער גייסטיקער פירער פון דער פאָלקסבינע און מיר ווינטשן אים ווייטערדיקן דערפאָלג.

דער פאָלקסבינע אַליין שיקן מיר אונדזער האַרציקסטע באַגריסונג און מיר ווינטשן דעם גאַנצן פאָלקס־בינע־קאָלעקטיוו, די שוישפּילער און טוער, און די פריינד פון דער פ. ב., אַ סך גליק און נחת איז דער ווייטערדיקער טעאַטער־טעטיקייט.

באַגריסונג פון דער גענעראַל עקזעקוטיווע פון ייד. נאַצ. אַרב. פאַרבאַנד

טייערע חברים: נעמט אָן אונדזערע וואַרעמסטע ברכות צו דעם 40 יאָריקן יובל פון דער פאָלקס־בינע. אייער יובל איז דער יום טוב פון דער יידישער קולטור־וועלט און פון אַלע פריינד פון יידישער קונסט און יידיששעפערישן וואָרט.

די פאָלקסבינע, די מיטגלידער און טוער, מעגן זיין שטאָלץ אויף זייערע דערגרייכונגען פאַרן בעסערן יידישן טעאַטער.

גענעראַל עקזעקוטיווע
יידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד

מאיר בראון, פּרעזידענט
ל. סיגאַל, סעקרעטאַר.

זלמן יעפּרויקין
בילדונגס־דירעקטאָר פון אַרבעטער־רינג

צום 40־יאָריקן יובילײ פון דער פאָלקסבינע

אַז מען לייענט די זכרונות פון די ערשטע גרינדערס פון דער פאָלקסבינע, פון יעקב פישמאַן, ב. לעווין, ל. מאַן און אַנדערע, מוז מען זיך באַגייסטערן פאַר דער אידעאַליזם פון די, וואָס זיינען אין משך פון אַ פיר צענדליק יאָר ניט מיד געוואָרן צו אַרבעטן פאַר אַ בעסערן יידישן טעאַטער אין אַמעריקע.



עס טרעפט אָפט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן און, אוודאי אין קולטור־לעבן, אַז אַ קליינע גרופּע, ווען זי איז נאָר באַוואוסטזיניק וועגן אירע צילן און אויפגאַבעס און פאַרמאָגט אַן אידיי, קען משפיע זיין דעם גאַנצן אַרום. די געשיכטע פון דער פאָלקסבינע באַווייזט עס צום בולטסטן.

די פאָלקסבינע — טאַקע אפשר צוליב דעם וואָס זי איז געווען אַן אַמאַטאָרן־גרופּע און אירע מיטגלידער האָבן קיינמאָל ניט געטראַכט צו ווערן פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן — האָט זיך קיינמאָל ניט געשראָקן צו גיין אויף נייע וועגן. דעריבער איז זי, פּונקט ווי אַנדערע דראַמאַטישע גרופּעס, אָפט געווען אַ פּיאָנערין אויפן געביט פון יידישער טעאַטער־קונסט.

פּרץ הירשביין ע"ה, האָט אַמאָל דערציילט, אַז ווען ער איז מיט יאָרן צוריק געקומען צום פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער מיט זיינע פּיעסן, פּיעסן וואָס זיינען שפּעטער געוואָרן די באַליבטסטע ביי דעם יידישן עולם, האָט מען זיך פון אים אויסגעלאַכט, און געענטפערט, אַז די פּיעסן פּאַסן זיך פאַר „די כּביאָקעס וואָס שפּילן זיך אין טעאַטער אויף איסט־בראָדוויי". געמיינט האָט מען די דראַמאַטישע גרופּעס וואָס האָבן דעמאָלט עקזיסטירט אויף דער יידישער גאַס, די גרופּעס וואָס האָבן שפּעטער געשאַפן די איצטיקע פאָלקסבינע.

דער פּראָפעסיאָנעלער טעאַטער האָט ניט ליב געהאַט אָט די דראַמאַטישע גרופּעס, ווייל זיי האָבן ניט געלאָזט רוען זיין געוויסן. זיי האָבן דערמאָנט שוין צו אָפט, אַז די פּראָפעסיאָנאַלן האָבן מער אין זינען „ביזנעס", ווי קונסט;

און דעריבער זיך איינגערעדט, אַז דער „באָקס־אָפיס״ וועט אַריינטראָגן וואָס מער, ווען מען וועט זיך אַראָפּלאָזן צו די נידעריקערע געפילן פון דעם עולם.

די מיטגלידער פון דער פאָלקסבינע האָבן פאַרמאָגט אין זייער האַרצן אַ ליבע צו דער יידישער שפּראַך און צו דער יידישער ליטעראַטור. נאָך מער זיי האָבן פאַרמאָגט אַ קינסטלערישע נשמה און אַ ווילן צו ברענגען צום אויס־דרוק זייער נאַטירלעכן דראַנג צו קינסטלערישקייט. אין דעם האָבן זיי געזען דעם זין פון זייער זיין ווי אַ טעאַטער גרופּע. האָבן זיי דעריבער געוואָגט און זיך ניט געשראָקן אויפצופירן די בעסטע פּיעסן פון דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור, פּיעסן פון גערהאַרדט האַופּטמאַן, הערמאַן הייערמאַן, סימיאָן יושקעוויטש, דאָסטאָיעווסקי, איבסען, און פון דער יידישער ליטעראַטור — פּיעסן פון י. ל. פּרץ, ה. ד. נאָמבערג, פּרץ הירשביין, אָסיפּ דימאָוו, ה. לייוויק און אַנדערע.

די פאָלקסבינע מעג באַזונדער זיין שטאָלץ מיט דעם וואָס זי איז געווען די ערשטע צו ברענגען צום יידישן עולם די פּיעסן פון פּרץ הירשביין. אַט „די כניאָקעס״ זיינען געווען די ערשטע אויפצופירן דאָס פּערל פון יידישן טעאַטער, פּרץ הירשביינס: די „גרינע פעלדער״.

טעאַטער מעסט מען לויט דעם כוח פון דער ווירקונג וואָס עס האָט אויף דעם עולם. עס איז אויך ניט וויכטיק צי עס איז אַן אַמאַטאָריש אָדער פּראָ־פעסיאָנעלער טעאַטער. און כאָטש די פאָלקסבינע האָט פון אָנהייב אָן ביז היינטיקן טאָג תמיד געשפּילט אין אַן אָרעמען טעאַטער, אין אַ פאַרוואָרפענער געגנט פון שטאָט, אויף אַן ענגער קליינער בינע מיט אָרעמע דעקאָראַציעס און אָן „סטאַרס״ — האָט זי אָבער געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דעם יידישן טעאַטער־גייער. זי האָט אַנטוויקלט זיין געשמאַק, זי האָט אים געגעבן אַ מעג־לעכקייט זיך אויסצולעבן און הנאה האָבן פון אמתער טעאַטער־קונסט. זי האָט דערצויגן דעם טעאַטער־גייער. עס איז ביי אים אויפגעקומען אַ פאַרלאַנג נאָך אַ בעסערן טעאַטער. זי האָט אויף אַזאַ אופן געגעבן אַ שטויס צו דעם, אַז אין אַמעריקע זאָל אויפקומען אַ יידישער קונסט־טעאַטער. זי האָט אויך געוויזן דעם בעסערן יידישן פּראָפעסיאָנעלן שוישפּילער, אַז ער וועט געפינען זיין תיקון און אַ באַפרידיקונג פאַר זיין קינסטלערישער נשמה אין אַ פיינערן, מער ליטעראַרישן טעאַטער.

צום שבח פון דער פאָלקסבינע מוז געזאָגט ווערן נאָך אַ זאַך — זי האָט תמיד אָפּגעהיט דאָס יידישע וואָרט און אַ סך מיטגעהאָלפן אַז דער יידישער עולם זאָל דערזען די פיינקייט פון זיין אייגענער שפּראַך.

מיט דעם וואָס די פאָלקסבינע האָט מיט אירע קינסטלערישע פאַר־שטעלונגען געוויזן וואָס עס איז אמת יידיש טעאַטער און געגעבן האָפענונגען אַז אַזאַ טעאַטער וועט אויפקומען, האָט זי אויך דערמוטיקט דעם יידישן דראַ־מאַטורג, דעם עכטן און מער קינסטלערישן פּיעסע־שרייבער. זי האָט אים געהאָלפן ניט אַנטמוטיקט צו ווערן, נאָר, אדרבה, צו טאָן זיין שליחות און שרייבן פּיעסן ניט כּדי צו אַמוזירן דעם עולם אויף אַ ביליקן אופן, זי האָט

אים סטימולירט ער זאָל זיך צוהערן צו זיין אייגענער אינערלעכער שטים און אַרויסברענגען די אידייען, געדאַנקען און שטימונגען, וואָס לעבן אין אים וואָס ער פילט ווי אַ קינסטלער און אויך ערלעך שילדערן דאָס לעבן.

טעאַטער ביי אונדז איז געווען אַ נייער ענין און האָט ניט געהאַט הינטער זיך די דורותדיקע טראַדיציעס פון אַנדערע צווייגן פון אונדזער קול־טור. טעאַטער מיינט אָפט אויך פשוטע אַמוזירונג. דער עכט יידישער צוגאַנג איז תמיד געווען צו זוכן תכלית אין יעדן קולטור־אויסדרוק. כאָטש דער פראָפעסיאָנעלער יידישער טעאַטער אין אַמעריקע האָט געהאַט זיין בלי־עפאָכע, ווען ער איז געוואָרן דער קנין פון פאָלק און אַ צווייג פון יידישער קולטור־שעפערישקייט און יידישן קולטור־אויסדרוק, איז ער אָבער צוליב פאַרשיידענע סיבות דאָך געבליבן הינטערשטעליק לגבי די אַנדערע יידישע קולטור־פאָרמען און אין די לעצטע יאָרן גענומען גיין באַרג־אַראָפּ.

איצט איז די פאָלקסבינע פאַקטיש דער איינציקער יידישער טעאַטער־ווינקל, וואו עס לייכט נאָך און פינקלט דאָס פייערל פון יידישער טעאַטער־קונסט און דערמאָנט אין יענע צייטן, ווען מען האָט אויף דער יידישער בינע געשפילט פאַר טויזנטער יידן פון ניו־יאָרק און איבערן גאַנצן לאַנד די דראַ־מאַטישע ווערק פון פרץ הירשביין, ה. לייוויק, דוד פּינסקי, ה. סעקלער און אַנדערע.

עס ווערט טרויעריק ווען מען טוט אַ טראַכט וואָס עס איז געוואָרן פון דער אַמאָליקער גלאָריע פון יידישן טעאַטער, וואָס עס איז געוואָרן פון דער אַמאָליקער סעקאָנד עוועניו, פון דער סעקאָנד עוועניו וואָס האָט אַזוי פיל גערעדט צו דעם יידישן טעאַטער־גייער, איידער יידישע קאָמיקערס האָבן זי פאַרביליקט, איר נאָמען געמאַכט צו שאַנד און צו שפּאָט, ביז זיי אַליין זיינען אַוועק אויף בראָדוויי פּאַיאַצעווען אויף ענגליש פאַר די אָפּגעפרעמדטע פון פאָלק, לעצעווען אין אַן ענגליש וואָס גיט ניט צו קיין סך כבוד דעם יידישן נאָמען.

בעת דעם פערציק־יאָריקן יובל פון דער פאָלקסבינע טראַכטן מיר: אפשר וועט די געשיכטע זיך איבערחזרן, אפשר וועט דער עקשנות און דער אידעאַליזם פון דער פאָלקסבינע, די ליבע פון אירע מיטגלידער צו יידישער טעאַטער־קונסט, זייער עקשנות ניט אַנטמוטיקט צו ווערן אין צייטן פון דורכפאַל און אויך ניט צו פאַרלירן דעם קאָפּ בעת אַ דערפאָלג — פירן צו דעם, אַז אָט די „אַמאַטאָרן־גרופּע" זאָל ווידער אַ שטויס טאָן, אַז עס זאָל צוריק אויפלעבן אַ יידיש קונסט־טעאַטער, אַ טעאַטער וואָס זאָל ניט זיין קיין שאַנד און אומכבוד פאַר דער יידישער קולטור, און פאַר דעם יידישן פאָלקסלעבן.

פון די פאַרשיידענע אַרטיקלען און דערינערונגען אין דעם איצטיקן יובל־בוך וועט דער לייענער זיך דערוויסן וואָס פאַר אַ גרויסע ראָלע עס האָט געשפּילט אין דער אויפהאַלטונג און עקזיסטענץ פון דער פאָלקסבינע דער פאַקט, וואָס אָט די דראַמאַטישע גרופּע איז געוואָרן אַ טייל פון אַרבעטער־רינג, זיינער אַ צווייג.

אויף דער יידישער גאַס זיינען געווען עטלעכע דראַמאַטישע גרופּעס. פאַרבליבן איז נאָר די פאָלקסבינע, ווייל אירע טוערס האָבן פאַרמאָגט די וויזיע און אויך די פאַרשטענדעניש צו פאַרבינדן זייער צוקונפט מיט דעם אַרבעטער־רינג.

שאַצן עס טאַקע אָפּ די דערינערונגען אין דעם יובל־בוך, און זיי דערציילן וועגן דעם אינטערעס און פריינדשאַפט וואָס דער אַרבעטער־רינג האָט אַרויסגעוויזן דער פאָלקסבינע במשך אַלע יאָרן פון איר עקזיסטענץ און באַזונדער וויפיל מיר האָבן בייגעטראָגן אין די לעצטע יאָרן צו איר אויפהאַלטונג און קינסטלערישן שטייגן.

די פאָלקסבינע קען מיט אַ רואיקן געוויסן זיך אַליין גראַטולירן — און דאָס וועט ניט זיין קיין זעלבסט־באַרימעריי — מיט איר אַרבעט און אירע וואונדערלעך שיינע אויפפירונגען אין משך פון דער גאַנצער צייט וואָס זי לעבט און ווירקט אויף דער יידישער גאַס.

איר גוטן נאָמען, צו זיין אויפטועריש און צו שטרעבן צו וויטערדיקע דערגרייכונגען, האָט די פאָלקסבינע אָנגעהאַלטן אויך אין די לעצטע פופצן יאָר נאָך איר 25־יאָריקן יובילי, וועלכער איז געפייערט געוואָרן פול מיט האָפענונג און פאַרשפּרעכונגען אויף דער צוקונפט. די האָפענונגען זיינען מקוים געוואָרן. מיט אירע ספּעקטאַקלען און דראַמעס פון א. גאָלדפאַדען, ה. לייוויק, אָסיפּ דימאָוו, שלום עליכם, וואָס די פאָלקסבינע האָט אויפגעפירט די פאַרגאַנגענע פופצן יאָר, האָט זי ממשיך געווען אירע אַלטע טראַדיציעס.

די פאָלקסבינע האָט אויך פאַרשטאַנען ווי וויכטיק עס איז צוצוציען פּעאיקע, געשולטע רעזשיסאָרן; רעזשיסאָרן וועמען עס איז ליב דער בעסערער יידישער טעאַטער. גענוג צו דערמאָנען די נעמען פון יעקב פישמאַן, לייב קאַדיסאָן, מענדל עלקין, צמח, דוד הערמאַן, יוסף בולאָוו, ראַטבוים, ניביאַ, ואחרון חביב, דוד ליכט.

מען דאַרף תמיד געדענקען: דער גרעסטער אויפטו פון דער פאָלקסבינע איז איר כסדרדיקער ניט־מיד־ווערן, דער טיפער גלויבן פון אירע טוערס און שוישפּילערס־אידעאַליסטן, וואָס שטייען תמיד אויף דער וואַך און לאָזן ניט רוען, וואָס הערן ניט אויף צו מאָנען פון דעם בעסערן יידישן עולם — אַז יידיש טעאַטער איז אַ מוז, ניט ווייניקער וויכטיק פון אַנדערע צווייגן פון אונדזער יידישער קולטור. אדרבה, אַ שטענדיק יידיש טעאַטער אין ניו־יאָרק וואָלט אַ סך געשטאַרקט אונדזער יידיש־פּאָזיציע דאָ אין לאַנד. פאַר אָט דער שטילער, סטימולירנדיקער אַרבעט, פאַר אָט דעם כסדרדיקן דערמאָנען — שיק איך דער פאָלקסבינע מיין האַרציקסטע באַגריסונג.

בענדזשאַמין געבינער
גענעראַל סעקרעטאַר, אַ. ר. געהילפס

אַ כשר פּאַרדינטער יובל

יחידים און אָרגאַניזאַציעס פייערן יום־טובים. ניט וויכטיק ווי מען באַצייכנט אַזאַ יום־טוב.

די אַרבעטער רינג פּאָלקסבינע פייערט איצט 40 יאָר פון איר עקזיסטענץ. אויפן שוועל פון אריינטרעטן אין דעם 41סטן יאָר פילן ניט אירע טוער און מיטגלידער קיין אָפּגעשוואַכט־קייט. פונקט פאַרקערט, זיי זיינען נאָך באַזעלט מיט מער אינספּיראַציע, מיט מער באַגייסטערונג ווי אין די פאַרגאַנגענע יאָרן. דאָס איז אַ גוטער סימן פאַר אַ יחיד און נאָך מער אַ גוטער סימן פאַר אַן אָרגאַני־זאַציע. די אויפטואונגען פון דער אַ. ר. פּאָלקסבינע אין לויף פון די פאַרגאַנגענע 40 יאָר; אויפטואונ־גען וואָס זיינען דערגרייכט געוואָרן דורך די קינסטלערישע פאָרשטעלונגען זיינען אַ וויכטיקע דערגרייכונג. דאָס איז אַ דערגרייכונג וואָס דאַרף געהאַלטן ווערן טייער. נאָך פיל טייערער ווי די בעסטע דימענטן. דאָס איז אַ דערגרייכונג אַ גייסטיקע, אַ דערגרייכונג אַ קולטורעלע. אין אונדזער איצ־טיקן שווערן יידישן לעבן אין אַמעריקע, ווען מען קען אָנווייזן אויף אַ וויכטיקער קולטור־גייסטיקער דערגרייכונג, איז עס פון גרויס באַדייטונג און דערפאַר וויל איך זאָגן אָן איבערטרייבונג, אַז נישט נאָר די טוער אין אַר־בעטער־רינג, נאָר אויך פיל פון אונדזער יידישער קולטור־געזעלשאַפטלעכער וועלט שעצן ווי געהעריק אָפּ אָט דעם אויפטו און דעם ביייטראָג פון דער א. ר. פּאָלקסבינע.

מיר ווייסן ווי שווער עס איז אָנגעקומען יעדער שריט, יעדער טריט פון דער פּאָלקסבינע אין לויף פון די פאַרגאַנגענע 40 יאָר. עס האָט געמיינט מסירת נפש, עס האָט געמיינט אָפּפערווויליקייט, אָבער גלייכצייטיק האָט עס געמיינט גלויבן, וויזיע, פאַרנעם און עקשנות. טאָ וואָס זאָל איך אייך ווינטשן צו דעם אָנפאַנג פון דעם 41סטן יאָר אין ליכט פון דעם אָפּשלוס פון 40 יאָר פאַרגאַנגענער אַרבעט ? איך ווינטש אייך אַז עקשנות, וויזיע, איבערגעבנהייט, וויליקייט פאָרצוזעצן אָט די וויכטיקע אַרבעט פאַר אַלץ וואָס איר האָט דער־גרייכט ביז איצט זאָל באַלויכטן אייער ווייטערדיקן וועג.

איך ווינטש דאָס אייך פון די טיפעניש פון מיין האַרצן און איך דאַנק אייך אַלעמען פאַר די פאַרגעניגענס וואָס איר האָט מיר צוגעטיילט אַלעמאָל

ווען איך בין געקומען צו אַ פאַרשטעלונג פון דער פאָלקסבינע. עס איז געווען אַ קאָלירפולער, גייסטרייכער גענוס. פאַר דעם אַ דאַנק אייך.

איך וויל האָפן, אַז אין די קומענדיקע יאָרן אַ דאַנק אייער ווייטערדיקער אַרבעט, וועל איך און אַנדערע אייך קענען נאָך פיל מאָל אויסדריקן אַ דאַנק פאַר אייער פיינער אַרבעט און פאַר אַלץ וואָס די פאָלקסבינע פערזאָניפיצירט מיט זיך. זייט געגריסט צו אייער כשר פאַרדינטן יום־טוב!

באַגריסונג פון פאַרוואַלטער פון דער פאָלקסבינע

דערלויבט מיר אייך צו באַגריסן אין דעם בוך „פערציק יאָר פאָלקס־בינע״, אַרויסגעגעבן צו דער געלעגנהייט פון אונדזער פערציק יאָריקן יום־טוב.

מיין באַגריסונג צו אייך איז נישט בלויז ווי אייער פאַרוואַלטער — נאָר, קודם־כל, ווי איינער פון דעם פאָלקס־בינע־אַנסאַמבל. ווייל געקומען צו אייך בין איך, פשוט, ווי אַ מיטשפּילער אין דער פאָלקס־בינע־גרופּע. ווייל מיר איז דאָס יידישע טעאַטער, און אויך די טעטיקייט אַרום דעם טעאַטער־וועזן, געווען תמיד ליב און טייער. איר האָט מיט דער צייט אויף מיר אַרויפגע־צוואונגען די שווערע אחריות פון אָנפירן די געשעפטלעכע זייט פון דער פאָלקס־בינע, האָב איך דאָס אויך מיט פאַרגעניגן אָנגענומען און זיך באַמיט, דורך דער גאַנצער צייט צו טאָן אַלץ איך זאָל ווערט זיין צו טראָגן דעם דאָזיקן אַמט. און עס איז פאַר מיר אַ גרויסער כבוד, צו זיין אייער פאַרוואַלטער.

מיר האָבן אַלע אין די לעצטע יאָרן באַוויזן דורך אונדזערע מעשים, ווי וויכטיק די אָרגאַניזאַציע פאָלקסבינע איז פאַרן המשך פונעם יידישן טעאַטער.

איך ווינטש אייך, טייערע קאָלעגן, דעם גרעסטן דערפאָלג אין אונדזער ווייטערדיקער אַרבעט, ווי ביז אַהער.

איך וויל ביי דער געלעגנהייט אויסדריקן מיין האַרציקן דאַנק צו די שוישפּילער און דער פאַרוואַלטונג פון דער פאָלקס־בינע פאַר דער קאָאָפּע־ראַציע וואָס זיי האָבן מיר געגעבן די גאַנצע צייט.

אַ ספּעציעלן דאַנק דעם אַרבעטער־רינג און ספּעציעל, צו די פירער; פריינט נחום כאַנין, און פריינט ז. יעפּרויקין פאַר דער הילף וואָס זיי גיבן אונדז, און באַזונדערס פאַר דער ברייטווילּיקייט וואָס זיי ווייזן אַרויס ביים געבן אונדז די דאָזיקע הילף.

ראובן אַרנאָו,
פאַרוואַלטער — פאָלקס־בינע.

באַגריסונג פון רעזשיסאָר דוד ליכט*

ליבע פריינד, פאָלקסבינע־שוישפּילער און פאָלקסבינע־טוער: — עס איז שווער פאַראויס צו וויסן, צי וועט דאָס בוך „פערציק יאָר פאָלקסבינע" אָפּשאַצן ווי געהעריק אייער אַרבעט, אייערע אויפטוען, ווערט און איינפלוס אויף דעם יידישן קולטור־ און יידישן־טעאַטער־געביט אין אַמעריקע.

עס איז שווער פאָראויס צו זאָגן צי האָבן די מחברים פון דאָזיקן בוך די נייטיקע און געוואונטשענע פאָרשערישע, אַנאַליטישע און ליטעראַרישע פעאיקייטן, וואָס זאָלן קאָנען איבערגעבן, ניט נאָר די כראָנאָלאָגישע פאַקטן פון דער אַנטוויקלונג פון דער פאָלקסבינע; וואָס דאָס איז סוף־כל־סוף, נישט די עיקר־אויפגאַבע פון אַזאַ אַרבעט, נייערט, צי וועלן די מיטאַרבעטער פון דעם בוך, זיין אימשטאַנד צו אַנאַליזירן און אַרויסברענגען אַ פול בילד פון די פערציק יאָר עקשנות, קאַמף, ווילן, קרבנות פון די פאָלקסבינע־שוישפּילער, טוער און בויער, ווי אויך די אַלע אויסערלעכע און אינערלעכע סיבות, וואָס האָבן גורם געווען דעם אויפקום, אַנטוויקלונג און עקזיסטענץ פון דער פאָלקסבינע און דערלויבט איר אָנצוקומען צו דעם פערציק־יעריקן יובל.

דער לאַנגער וועג איבער די פערציק יאָר עקזיסטענץ פון די פאָלקסבינע, איז נישט געווען „אויסגעלייגט מיט קיין בלומען" קיין קפיצת־הדרך, האָט די פאָלקסבינע אויך ניט געהאַט... דער וועג איז געווען אַ ביז גאָר שווערער, אַמאָל באַרג־אַראָפּ און אַמאָל באַרג־אַרויף; אַזוי קינסטלעריש,

---

* באַמערקונג פון רעדאַקציע:

אונדז חידושט פאַרוואָס חבר ליכט האָט באַדאַרפט אַריינפאַלן אין אַזאַ צווייפל אין זיין באַגריסונג צום יובל פון דער פאָלקסבינע. אונדזער כונה, ביים אַרויסגעבן דאָס בוך, איז אַ מער באַשיידענע. סיי די מיטאַרבעטער, סיי די באַגריסער, האָבן איין ציל געהאַט פאַר זיך. נעמלעך: איבערגעבן דאַטעס און פאַקטן וואָס וועלן, האָפנטלעך, אַמאָל זיין נוצלעך פאַר דעם קומענדיקן „פאָרשער און טעאַטראָלאָג", אַז ביים שרייבן די געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע, זאָל ער אויך נישט פאַרגעסן די אויפטוען פון דער פאָלקסבינע. און אומזיסט איז אויך ליכטס מורא אַז די „טוער־עקשנים וועלן פאַרפלאַכן די פערספּעקטיוו און די אָביעקטיוויטעט" פונעם בוך. ווער, ווער, ח' ליכט האָט געמעגט וואַרטן מיט זיין קריטיק ביז דאָס בוך וועט, לכל הפחות, דערשיינען...

די רעדאַקציע

אַזוי קולטור־געזעלשאַפטלעך און אַזוי אַוודאי און אַוודאי פינאַנציעל. עס איז ניט זעלטן געווען אַ וועג אַן אין־לשעת־דיקער. און דאָך איז די פאָלקסבינע איבערגעבליבן די איין־און־איינציקע יידישע טעאַטער־אינסטיטוציע וואָס האָט אויפגעהאַלטן און אויסגעהאַלטן אַזאַ לאַנגע און כסדרדיקע פּערמאַנענץ. און אַז מען בעמט נאָך אַריין אין חשבון, אַז דאָס האָבן געבויט, אויפגעהאַלטן און אויסגעהאַלטן מענטשן אַן דעם זייער וויכטיקן אָנשפּאַר און אַן דער טרייב־קראַפט צו פערזענלעכע נוצן, און אַז מען גיט נאָך אַ טראַכט אונטער אַ ביסל וועגן דער גלייכגילטיקייט צו די מענטשן, זייער אַרבעט ווי זייערע אויפטוען מצד אַ גאַנץ היפשע צאָל יידישע קולטור־אינסטיטוציעס און יחידים אין אַמעריקע, איז דאָס אָנקומען צו די פערציק יאָר עקזיסטענץ פון די פאָלקס־בינע ממש אַ וואונדער.

דאָס דאָזיקע בוך איז געשריבן פון די זעלבע טוער־עקשנים, וועלכע האָבן די פאָלקסבינע געבויט. זייער ענטוזיאַזם, באַגייסטערונג און עמאָציעס, קאָן אַמאָל פאַרפלאַכן די פּערספּעקטיוו, די אָביעקטיוויטעט און דעם סאַמע עיקר — דעם תוך.

די געשיכטע פון דער פאָלקסבינע, פאָדערט, דוכט זיך מיר, ניט נאָר אַ געניטן געשיכטע־שרייבער, נאָר פריער פאַר אַלץ אַ פאָרשער, אַ טעאַטראָ־לאָג, מיט ליבע צו אַלע אונדזערע קולטור־געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען אומעטום, אַ שרייבער מיט באַציאונג און פיעטעט צו אידעאַליסטישע יידישע קולטור־צושטייערער, אַ מענטשן, וועלכער זאָל נישט נאָר אָנשרייבן כראָנאָ־לאָגיש־ריכטיק און ליטעראַריש גוט די געשיכטע פון דער פאָלקסבינע, נאָר זי — און דאָס איז דער עיקר — אינטערפּרעטירן. אינטערפּרעטירן זי קולטור־געזעלשאַפטלעך, קינסטלעריש און פסיכאָלאָגיש.

ווי עס זאָל נישט זיין, איינס בין איך זיכער דווקא שוין פון פאָרויס:

פון דאָזיקן בוך וועט אַרויסשיינען און אַרויסשטראַלן אַ שלל העלקייט פון ליבע, איבערגעגעבנקייט און ווייטערדיקער עקשנותדיקער ווילן פאָרצו־זעצן, מיט דער הילף פון אַרבעטער־רינג, — אַן ווען עס וואָלט בכלל אוממעגלעך געווען די עקזיסטענץ פון דער פאָלקסבינע, — די אַרבעט, אויפ־טוען און דערגרייכונגען, אָנצוהאַלטן די עקזיסטענץ פון דער פאָלקסבינע ביז די גאַנצע הונדערט און צוואַנציק יאָר —

וואָס איך ווינטש עס אייך פון טיפן־טיפן האַרצן.

ניו־יאָרק, חודש פעברואַר, 1955. — דוד ליכט

אַ באַגריסונג צום פערציק יאָריקן יובּילײ פון דער פאָלקסבינע ברענטש 555 אַ. ר.

דער 40 יאָריקער יום טוב וואָס די פאָלקסבינע בר. 555 אַ. ר. פייערט איצט איז אַ יום־טוב ניט נאָר פאַר אייך, נאָר פאַר אַלע קולטור־ און טעאַטער־ליבהאָבער אויף דער יידישער גאַס.

מיט 40 יאָר צוריק האָט איר באַשלאָסן זיך אָנצושליסן אָן אַ. ר. איר זייט געוואָרן אַ צווייג פון דעם דאַן שוין גרויסן אַרבעטער רינג אַלס „די פריייע פאָלקסבינע ברענטש 555".

איר האָט זיך געגרינדעט אין אַ צייט, ווען דאָס יידישע טעאַטער איז געשטאַנען אויף איר העכסטער שטופע; מיר האָבן אין יענער צייט געהאַט אמת גרויסע יידישע אַקטיאָרן, וועלכע זיינען געווען אַ כבוד פאַר דעם יידישן טעאַטער.

אין יענער צייט האָט איר זיך פאַרנומען שפּילן יידיש טעאַטער; פון אַ העכערן ליטעראַרישן ווערט.

מיט אייער אויסדויער און איבערגעגעבנקייט צום יידישן טעאַטער זייט איר אַלע שוועריקייטן בייגעקומען.

איר זייט היינט צו טאָג איינער פון די וויניקע יידישע טעאַטער־גרופּן וועלכע שפּילן פּיעסן פון אַ קולטורעלן און ליטעראַרישן ווערט.

זייער אַ שווערן וועג האָט איר פאַר די 40 יאָר פון אייער עקזיסטענץ דורכגעמאַכט.

און אָפּגעזען פון די אַלע שוועריקייטן זייט איר געוואָרן שטאַרקער און איינפלוסרייכער און איר ווערט איצט אָנערקענט אַלס אַ יידיש טעאַטער פון העכערן גראַד.

איר מעגט זיין שטאָלץ מיט אייער אַרבעט און אייערע דערגרייכונגען.

צו אייער 40 יאָריקן יום טוב ווינטשן מיר אייך נאָך מער דערפאָלג אין אייערע אַקטיוויטעטן. מיר ווינטשן אויך, אַז די אַ. ר. ברענטשעס און מיטגלידער פון ניו־יאָרק זאָלן זיך מיט אייער אַקטיוויטעט זיך נאָך מער פאַראינטערעסירן.

זאָל אייער איצטיקער יום טוב זיין אַ פייערונג פון אייערע ביז־איצטיקע דערגרייכונגען און דערפאָלגן.

ניו־יאָרקער שטאָט־קאָמיטעט פון אַ. ר.

י. עבעריל, טשערמאַן

דזש. עדעלשטיין, סעקרעטאַר

מאָריס אַדלער
פּאַרזיצער פֿון פֿאָלקסבינע

מיין האַרציקע באַגריסונג צו אונדזער גרויסן יום־טוב

איך באַגריס די גרופּע, וואָס געוויסע מענטשן רופֿן אָן „לצים״, אָדער „משוגעים״. אַ חברה וואָס מאַכט זיך נאַריש, און גיט אַוועק אַזויפֿיל צייט אָן באַצאָלט. אינטעליגענטע מענטשן רופֿן אָבער דער דאָזיקער גרופּע, אידעאַליסטן, ליבהאָבער פֿון קונסט, עקשנים, וואָס העלפֿן אויפֿהאַלטן דאָס בעסערע יידישע וואָרט, דאָס שענערע אין יידישן טעאַטער, — דאָס איז די פֿאָלקס־בינע!

די מיטגלידער פֿון דער פֿאָלקס־בינע איז פֿאַרשיידנאַרטיק: פֿאַראַן שניידער, שוסטער, היטלמאַכער, שטובן־מאָלער, דרוקעריי־זעצער, מאַשי־ניסטן, קליינע געשעפֿטסלייט, קליינע פֿאַבריקאַנטן, לערער, און הויז פֿרויען. — דאָס איז די פֿאָלקס־בינע.

די שוישפּילער פֿון דער פֿאָלקס־בינע קומען נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט צו פּראָבע. מידע, אויסגעמאַטערטע, קוים וואָס זיי האַלטן זיך אויף די פֿיס. נאָך אַן אָוונט פֿון רעפּעטירן, ווערן זיי דערלייטערטע. נאָך יעדער רעפּעטיציע פֿילט זיך יעדער איינער דערהויבן, גרייט אָנצופֿאַנגען אַ נייעם טאָג אַרבעט. דער געדאַנק ווערט אויפֿגעפֿרישט.

מענטשן וואָס דאַרפֿן כסדר לערנען זייערע ראָלן צו געדענקען אויף אויסווייניק, מוזן האָבן אַ גוטע תּפֿיסה.

ווער קען זיך פֿאָרשטעלן די פֿרייד וואָס די פֿאָלקס־בינע גרופּע גייט דורך ביי אַ גענעראַל פּראָבע, און ביי אַ פּרעמיערע פֿון אַ נייער פּיעסע!

די פֿאָלקס־בינע איז נישט בלויז אַ צווייג פֿון אַרבעטער רינג, זי איז אויסגעוואַקסן ווי אַ שטאַרקער בוים פֿון אַרבעטער רינג!

מענטשן וואָס גיבן אַוועק אַמווייניגסטנס פֿון 6 ביז 7 מאָנאַטן פֿון יאָר, — האַלב פֿון זייער פֿרייער צייט, פֿאַר אַן אַרבעט וואָס זיי האָבן ליב, וואָס ווילן זיך דערהויבן און אויך די באַזוכער: מענטשן וואָס זוכן אַרויסצוברענגען אויף דער בינע דאָס בעסטע פֿון דעם שרייבערס שאַפֿן, וואָס פֿאַר דעם קאָמערציעלן טעאַטער לוינט נישט אויפֿצופֿירן — דאָס איז די פֿאָלקס־בינע.

אַט דער גרופּע באַגריס איך צו דעם 40 יאָריקן יובל. זאָלן אייערע הענט אייך זיין געשטאַרקט! זאָלן די כּוחות אייך דינען נאָך אויף לאַנגע, לאַנגע יאָרן, ווייטער צו שפּינען דעם גאָלדענעם פֿאָדעם; פֿאָלקסבינע, וואָס האַלט אייך יונג, מוטיק און שעפֿעריש.

שלום ראָזען
פאָרזיצער פון פאָלקסבינע ברענטש 555 אַ. ר.

40 יאָר פאָלקסבינע

ווי נעכטן וואָלט דאָס געווען, ווען מיר זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אין „אַרלינגטאָן האָל" אין סט. מאַרקס פּלייס, צו ווערן אינסטאַלירט אַלס ברענטש פון אַרבעטער־רינג.

מיר זיינען אַלע געווען יונג, פול מיט לעבן, פול מיט מוט, צו טאָן די אַרבעט פאַר דעם אַרבעטער־רינג און דערביי די טעאַטער טעטיקייט. און איצט, נאָך 40 יאָר אַרבעט, זיינען מיר טאַקע אַלע עלטער געוואָרן, אָבער דעם מוט און גלויבן האָבן מיר נאָך ניט פאַרלאָרן.

מיר זיינען אין פאַרלויף פון די 40 יאָר דורכגעגאַנגען אַ שווערן וועג. עס זיינען געווען ציטן, ווען מיר האָבן געמיינט: אַז אָט, אָט גייען מיר אונטער און מיר וועלן מער ניט קאָנען ווייטער אָנגיין מיט אונדזער אַרבעט. אַ דאַנק אָבער די פירערשאַפט פון דער פאָלקסבינע און אויך אַ דאַנק דעם בילדונגס קאָמיטעט פון דעם אַרבעטער־רינג, וואָס האָבן מיט עקשנות אָפּגעוואָרפן אונדזער מורא פאַר דעם מאָרגן, זיינען מיר געבליבן לעבן ווי אַ טעאַטער־אינסטיטוציע! די פירער אונדזערע האָבן באַוויזן אַז די פאָלקסבינע וועט זיין! די פאָלקסבינע וועט עקזיסטירן און די פאָלקסבינע וועט זיין אַ פאַקטאָר אין דער יידישער טעאַטער־וועלט. און וואונדער איבער וואונדער!! ניט נאָר עקזיסטירן מיר, נאָר מיר זיינען געוואַקסן צוזאַמען מיט אונדזער מוטער־אָרגאַניזאַציע, דער אַרבעטער־רינג. מיר זיינען געוואָרן אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין דעם יידישן קולטור־לעבן אין אַמעריקע.

אין משך פון די לעצטע יאָרן האָבן מיר באַוויזן מיט אונדזערע אויפפירונגען אַז מיר זיינען גאָר אַ יונגע אָרגאַניזאַציע. מיט אַ סך מוט, און אַ סך לעבן, אויפצוטאָן נאָך גאָר אַ סך, פאַר די יידישע מאַסן אין אַמעריקע.

מיר האָפן, און מיר זיינען זיכער, אַז מיט דער הילף פון אונדזערע קולטורעלע און פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס וועט די פאָלקסבינע אויפן 41טן יאָר, אַריינטרעטן אין אַ נייער פאַזע פון קאָנסטרוקטיווער אַרבעט, אויף דעם געביט פון טעאַטער.

איך ווינטש אַלע מיטגלידער פון דער פאָלקסבינע און ברענטש 555 אַרבעטער־רינג, לאַנגע יאָרן, מוט און ענערגיע פאַר דער ווייטערדיקער אַרבעט און מיר זאָלן נאָך אַלע צוזאַמען פייערן דעם 50סטן יובל.

FROM AN ADMIRER

By WILLIAM STERN

Director, E-S Division, W. C.

What we know as cultural activities in the Workmen's Circle take a number of forms. Support of a Jewish school system is one form, a forum at a branch meeting is another, and helping sustain an institution such as the Jewish Encyclopedia or the Congress for Jewish Culture is a third. But the kind that is the most vivid representation of a cultural activity is the living performance itself, the final fruit of a creative effort. Such is a choral or orchestral recital, or a dramatic production.

Such performances are difficult of attainment. They come not from a generous financial donation or an eloquent speech or deyoted attndance at meetings—indispensible as these may be in a cultural organization. They come from the vision and devotion of a dedicated few who sense that it is in them to yield the fruit itself, not merely to support or encourage others to do so, but to undertake to give the breath of life to challenging organic enterprise of a non-professional chorus, or orchestra, or theatre.

We of the Workmen's Circle have had the good fortune, indeed—the blessing, of a theatre group which for forty years has crowned our cultural program with productions of technical excellence, literary taste, and an artistic quality that is rarely associated with the amateur. And yet they are simon pure amateurs, who work and perform for the sheer love of doing so, asking for the privilege not only of giving their time and effort, but also of making personal and financial sacrifices to sustain that privilege.

Our Arbeter Ring Folksbine is our cherished institution.

We have enjoyed everything it has done, even when the production has sometimes not been among its better ones—for we know how hard the effort has been to please us and also that unrelieved excellence is only mythical. The Nobel Peace Prize winner, William Faulkner, recently said that artistic virtue is more to be credited to the failure in attempting the impossible than to success in achieving the possible. Our Folksbine has perhaps given us both the magnificent failure and the attainable success, but always with honor and dignity and the merit of our wholehearted applause.

In these forty years since its founding, it has seen the atmosphere of the Yiddish theatre slowly thinning out. It is no longer as easy to breathe and stay alive in it as it once was. But you can hardly tell it from the gusto with which our Folksbine approaches each new season, valiantly taking on each formidable task—finding a suitable play, getting a director, renting a theatre, raising its budget, replacing those who must retire, and, alas, attracting the necessary audience.

And yet, in its current production, the imaginative "The King and the Cobbler," see how admirable is this forty-year old veteran in this playful performance, making it a light-hearted consummation of all the pangs of a season's problems! With such a spirit they hardly seem to need our encouragement, they only need that *we* be encouraged by *them*—to support their yearly efforts, to appreciate their immeasurable devotion, and to have faith in the Yiddish word which is their strength and their inspiration.

A rising ovation to our Workmen's Circle troupers!

די אָנהייב־יאָרן פון דער פאָלקסבינע

1

יעקב פישמאַן

אין חודש פעברואַר, 1915, איז געגרינדעט געוואָרן אין ניו־יאָרק. די „פרייע יידישע פאָלקס־בינע", ברענטש 555, אַרבעטער רינג. אייניקע שרייבער פון דער געשיכטע פון דראַמאַטישע פאַראייגען אין אַמעריקע, מאַכן אַ טעות, ווען זיי פאַרבינדן די „פרייע יידישע פאָלקס־בינע" מיט אַ צווייטער אָרגאַניזאַציע מיטן זעלבן נאָמען וואָס האָט עקזיסטירט מיט יאָרן פריער. עס איז אמת, אַז שוין אין די יאָרן 1896־97 איז אין ניו־יאָרק געגרינדעט געוואָרן אַ פאַראיין מיטן נאָמען „פרייע יידישע פאָלקס בינע". עס איז אָבער ניט געווען קיין דראַמאַטישע געזעלשאַפט. די מיטגלידער האָבן ניט געשפּילט קיין טעאַטער, כאָטש זיי האָבן מיט טעאַטער געהאַט אַ גרויסע שייכות. יענע „פרייע יידישע פאָלקסבינע" איז געגרינדעט געוואָרן אין סאַמע אָנפאַנג פון דער מאַסן־עמיגראַציע דאָ אין לאַנד, און אירע מיטגלידער זיינען געווען רוסיש־יידישע אינטעליגענטן, מיט יעקב גאָרדין און יואל ענטין בראש, וואָס זיינען באַשטאַנען פון דאָקטוירים, מאָלער, אַרכיטעקטן, אינזשענירן, שריפט־שטעלער און אפילו אַ פּאָר קריסטן (רוסן). דער פּראָגראַם איז געווען: **צו אַרבעטן פאַר אַ בעסערער יידישער בינע, און באַקעמפן דעם „שונד" וואָס האָט דענסטמאָל אינגאַנצן באַהערשט דעם יידישן טעאַטער.**

2

מ׳קען ניט שרייבן די געשיכטע פון דער פאָלקסבינע און דורכלאָזן דערביי די געשיכטע פון די יידישע דראַמאַטישע פאַראייגען אין ניו־יאָרק. פשוט דערפאַר, ווייל די פאָלקס־בינע איז ניט געקומען צום לעבן און אויסדרוק

יעקב פישמאַן איז דער גרינדער פון דער פאָלקסבינע, אונטער זיין ווירקונג איז די פ. ב. געוואָרן אַ ברענטש פון אַרבעטער־רינג. פריער איז ער געווען צווישן די אַקטיווסטע מיטגלידער פון פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלאָב און היברו דראַמאַטיק ליג, וואו ער איז אויך געווען מיט־רעזשיסאָר און רעזשיסאָר. אין דער פאָלקסבינע איז ער געווען דער רעזשיסאָר פאַר דער ערשטער עפּאָכע (אַרום 25 יאָר). ער האָט אויך דראַמאַטיזירט און באַאַרבעט נאָוועלן, פאַר אויפפירונגען. ער איז איצט דער ערן־פאָרזיצער פון דער פאָלקסבינע און אין רעדאַקציע־קאָלעגיום פון פאָלקסבינע יובילייבוך.

ווי אַ ניי געבוירן קינד, נאָר איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן צוערשט פון מיט־גלידער פון אַ פּאָר אַנדערע דראַמאַטישע פאַראיינען און שפּעטער האָט זי זיך פאַראייניקט מיט נאָך אַ פּאָר אַזעלכע פאַראיינען. אַזוי ווי מיין כוונה איז צו פאַרצייכנען די אַרבעט און דערגרייכונגען פון די, וואָס האָבן דאָ געשאַפן אַ באָדן פאַר אַ בעסערן יידישן טעאַטער, וועל איך זיך דאָ אויך אָפּשטעלן אויף יענע דראַמאַטישע פאַראיינען, וואָס האָבן די אַרבעט פריער נאָך אָנגע־פירט פאַר דער פאָלקס־בינע.

דראַמאַטישע פאַראיינען און קלובן האָבן מיר דאָ געהאַט שוין מיט זעכציק יאָר צוריק. צווישן די יידישע אימיגראַנטן וואָס זיינען אַריבערגעקומען אַהער פון אייראָפּע האָבן זיך געפונען אַ סך וואָס האָבן געהאַט אַ ליבע צו שפּילן טעאַטער אין די שטעט אין דער אַלטער היים, פון וואַנען זיי זיינען אַהער געקומען. דאָ האָבן זיי אָרגאַניזירט דראַמאַטישע קלובן און האָבן געגעבן פאָרשטעלונגען. אַ גאַר גרויסע צאָל פון אונדזערע יידישע שוישפּילער האָבן אָנגעהויבן זייער טעאַטער־קאַריערע אין אַזעלכע קלובן. מען דאַרף אין זינען האָבן, אַז קיין דראַמאַטישע שולן ווי ביי די אומות העולם, זיינען דאָ ניט געווען, און זיינען אויך איצט ניטאָ. די ערשטע טריט, וואָס אַזאַ איינער האָט געקענט מאַכן, איז געווען אין די דראַמאַטישע קלובן. דורך זיי, האָט מען געהאַט אַ געלעגנהייט אויפצוטרעטן פאַר אַן עולם סיי אַלס שוישפּילער און סיי אַלס דראַמאַטורג. און אין די דעמאָלטיקע קלובן האָבן זיך טאַקע געפונען אַ גאַנץ היפּשע צאָל דראַמע שרייבער. אייניקע זיינען ווייטער פון די קלובן ניט געגאַנגען. אַנדערע אָבער האָבן דערנאָך געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין יידישן טעאַטער. אַלס מאַטעריאַל פאַר דער געשיכטע פון די דראַ־מאַטישע פאַראיינען אין אַמעריקע וואָלט אודאי געווען וויכטיק אָפּצושטעלן זיך וועגן יעדן קלוב באַזונדער און די אויפטואונגען זיינע. צום באַדויערן איז אָבער וועגן יענע קלובן ניטאָ קיין סך וואָס צו דערציילן.

דער רעפּערטואַר פון די קלובן איז געווען אַן אָרעמער, אַ סך נידעריקער פון דעם שונד־רעפּערטואַר פון דעמאָלטיקן פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער. אָט זיינען די נעמען בלויז פון עטלעכע פּיעסן פון יענער צייט: „דער פּראָ־פעסאָר ליגט אין קינפּעט‟; „ני־בע, ני־מע, ני־קוקעריקו‟; „די שרעקלעכע ראַכע פון סאָפיניא זאַרעמבאַ‟; „דער שטיוול־פּוצער‟ א. ד. גל. מיר געפינען נעמען פון פּיעסן און פון שרייבער פון וועמען מען האָט מער קיינמאָל ניט געהערט. מיר געפינען אָבער אויך פּיעסן פון אַזעלכע שרייבער, ווי אברהם גאָלדפאַדען, יעקב גאָרדין, יאזעף לאַטיינער, פּראָפעסאָר הורוויץ, מ. זייפערט, און משה ריכטער.

די וויכטיקייט פון יענע דראַמאַטישע פאַראיינען איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבן געהאָלפן אייניקע פון זייערע מיטגלידער דורכצוברעכן פאַר זיך אַ וועג צום יידישן טעאַטער. צווישן די שוישפּילער געפינען זיך אַזעלכע נעמען ווי: יעקב גרינבערג, קלאַראַ יאַנג, צעזאַר גרינבערג, דוד לעוויסאָן, מאַקס געביל, ס. טאַרנבערג, סעם שניידער, גינזבורג, יעקב האַכשטיין,

די ערשטע מיטגלידער און גרינדער פון פאָלקסבינע ברענטש 555 אַרבעטער־רינג

בלום, יעקב וועקסלער, דזשאָו קעסלער, לואיס היימאַן, סעמועל לאַנפעלד, בעסי גודמאַן, נייטען גאָלדבערג, מאָריס שוואַרץ, איזידאָר האָלענדער, גוסטאַוו שאַכט, מאָריס מאַשקאָוויץ און אַ גאַר־גאַר גרויסע צאָל יידישע שוישפּילער און שוישפּילערינס, וועלכע האָבן, אין יאָרן שפּעטער, פּאַרנומען אַ גאַר בכבודיקן אָרט אויף דער יידישער בינע.

זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן, אַז אונדזערע גאָר גרויסע שוישפּילער: יעקב אַדלער, דוד קעסלער און באָריס טאָמאַשעווסקי האָבן אין די גאַר ערשטע יאָרן געשפּילט אויף דער פּראָווינץ מיט דראַמאַטישע קלובן. מערסטנס איז דאָס געווען דערפאַר, ווייל עס זיינען דאַן ניט געווען גענוג פּראָפעסיאָ־נעלע שוישפּילער אי פאַר ניו־יאָרק און אי פאַר דער פּראָווינץ. אַ גאַר גרויסע צאָל קלובן האָבן זיך גערופן אויף די נעמען פון שוישפּילער: ווי „באָריס טאָמאַשעווסקי קלוב״; „יאַקאָב פּ. אַדלער דראַמאַטיק קלוב״; „דוד קעסלער דראַמאַטיק קלוב״; „מ. ד. וואַקסמען דראַמאַטישער פאַראיין״; און „נייטען גאָלדבערג דראַמאַטיק קלוב״. אברהם גאָלדפאַדען און יעקב גאָרדין האָבן פאַרנומען דעם ערשטן אָרט מיט דער צאָל דראַמאַטישע פאַראיינען וואָס האָבן געטראָגן זייערע נעמען, סיי אין ניו־יאָרק און סיי אויף דער פּראָווינץ.

3

דער יידישער אינטעליגענץ און דעם אינטעליגענטערן יידישן אַרבעטער, וועמעס צאָל עס איז געוואַקסן דאָ אין לאַנד פון יאָר צו יאָר, האָבן סיי די קלובן, סיי דער פּראָפעסיאָנעלער טעאַטער זייער ווינציק צופרידנגעשטעלט. דאָס זיינען געווען מענטשן וואָס האָבן אין די שטעט אין רוסלאַנד, פּוילן און עסטרייך געזען גאַר פיינעם טעאַטער. עס איז דעריבער געווען אַ זייער גוטער באַדן פאַר אַן ערנסטן דראַמאַטישן פאַראיין, וואָס זאָל האָבן אַ גרעסערע אויפגאַבע ווי צוגרייטן אַקטיאָרן פאַרן יידישן טעאַטער. אַנשטאָט דעם צוגרייטן אַ טעאַטער פאַרן בעסערן יידישן שוישפּילער און פאַרן אינטעליגענטן עולם. און דאַן, אין יאָר 1902, איז עס געגרינדעט געוואָרן דער „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב״.

פאַרוואָס אַ פאַראיין, וואָס האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו שפּילן די מער ליטעראַרישע, יידיש־דראַמאַטישע ווערק, — זאָל זיך רופן מיט אַזאַ ריין ענגלישן נאָמען, ווייס איך ניט. אָבער איין זאַך איז קלאָר, אַז דער „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב״ איז געווען אַ ליכטיקער שטראַל אין יענע יאָרן פון קאַמף פאַר אַ בעסערן יידישן טעאַטער.

דער גאַנצער צוגאַנג צו טעאַטער מצד דעם „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב״ איז געווען אַן אַנדערער ווי אין די מערסטע דראַמאַטישע קלובן. דאָ איז געווען באַציאונג צו דער יידישער ליטעראַטור, און באַשטימטע פאָדערונגען צום יידישן שוישפּילער — אפשר צו שווערע פאָדערונגען פאַר יענער צייט. אָבער ס׳איז געבאָרן געוואָרן אַן אידעאַל! און פאַר אידעאַלן דאַרף מען

קעמפן, ברענגען קרבנות. און דאַן זיינען געווען מענטשן מיט אידעאַלן, און מיט אַ ווילן צו קעמפן און ברענגען קרבנות ווען נויטיק.

דער גרינדער און פירער, דער וועג־ווייזער און טרייב־קראַפט, דער לערער און אינספּיראַטאָר פון „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב" איז געווען דער יידישער זשורנאַליסט און קריטיקער יואל ענטין. אונטער זיין השפעה איז אויפגעבויט געוואָרן איינע פון די שענסטע דראַמאַטישע אינסטיטוציעס אויף דער יידישער גאַס. ענטין האָט געהאַט אַ סך אַנהענגער און תלמידים. צווישן זיינע תלמידים זיינען געווען שוישפילער מיט רעפּוטאַציע: גרשון רובין ע"ה, אליהו טענענהאָלץ, יודעל דובינסקי, יחיאל גאָלדסמיט, ע"ה, ל. ווייסבערג ע"ה, סאָניאַ בירמאַן, לאה מעלצער, מערליס, ליפּאַ, שערמאַן, אסטאר, מלכה קאָרנ־שטיין, מאַלאַמוד, לענגסנער, דענסקי, מארקסאן, דזשין ראָוז, דער שרייבער פון דעם אַרטיקל און אַנד.

דער „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב" האָט אויפגעפירט אין זיין טעאַטערל אויף מעדיסאָן סטריט, דערנאָך אויף אָרטשאַרד סטריט, און אַ פּאָר מאָל אין יאָר אין איינעם פון די גרויסע יידישע טעאַטערס, איינאַקטערס, און פּיעסן ווי; „צווייט און צושפּרייט" פון שלום עליכם (דאָס איז געווען די ערשטע אויפפי־רונג פון שלום עליכם אין אַמעריקע), „גדליה בעל־עגלה" פון מ. קאַץ, „תקיעת כף", „אַ פאַרוואָרפן ווינקל", „דעם שמידס טעכטער" און „דער לעצטער" פון פרץ הירשביין, „די משפחה" פון ה. ד. נאָמבערג, „איינזאַמע מענטשן" און „פרידנס־פעסט" פון ג. הויפּטמאַן, „דאָס גליק אין ווינקל" און „שמעטערלינג שלאַכט" פון זודערמאַן, „אַ שפּיל אין ליבע" פון שניצלער, „צוליב גליק", „דער טאַנץ פון ליבע און טויט" און „געסט" פון פּשיבישעווסקי, און אַנדערע.

אַ צווייטע וויכטיקע דראַמאַטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געאַרבעט און געווירקט אויף דער יידישער גאַס אין די יאָרן 1907 ביז 1915, איז געווען דער „היברו דראַמאַטיק ליג". איך ווייס ניט צוליב וואָס עס איז געווען נויטיק אַ צווייטער דראַמאַטישער פאַראיין אין ניו־יאָרק, וואָס האָט געהאַט דיזעלבע אויפגאַבע און געטאָן בוכשטעבלעך דיזעלביקע אַרבעט ווי דער „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב". ווייזט אויס, אַז אין יענע יאָרן, איינעם געוואַלדיקן שטראָם פון יידישע עמיגראַנטן, איז געווען גענוג פּלאַץ פאַר עטלעכע דראַמאַטישע פאַראיינען.

עס האָט אויך עקזיסטירט, אין יענע יאָרן, דער „ליטעראַרישער דראַ־מאַטיק קלוב", וואָס האָט אויך געשפּילט ריין ליטעראַרישע פּיעסן. אָבער איך שטעל זיך דאָ אָפּ אויפן „היברו דראַמאַטיק ליג" צוליב צוויי טעמים: ערשטנס, איז דער „היברו דראַמאַטיק ליג" געבליבן עקזיסטירן ביז היינטיקן טאָג — ער האָט אין 1915 בלויז געביטן זיין נאָמען אויף „פרייע יידישע פאָלקסבינע". צווייטנס, — האָט דער „היברו דראַמאַטיק ליג" אַריינגע־נומען אין זיך אָדער זיך פאַראייניקט מיט די אַלע דעמאָלטיקע ערנסטע דראַמאַטישע פאַראיינען. דער ערשטער איז געווען דער „פּראָגרעסיוו דראַ־

מאַטיק קלוב", „יעקב גאָרדין דראַמאַטיק קלוב" און דער „ברוקלין עדיוקיישאַנאַל דראַמאַטיק קלוב". — די דאָזיקע דראַמאַטישע פאַראיינען זיינען צונויפגעשמאָלצן געוואָרן צווישן די יאָרן 1910־1915. בלויז דער „פּ. ד. ק." האָט זיך אין 1912, אַרום אַ יאָר נאָך דער פאַראייניקונג, צוריק אָפּגעשפּאָלטן פון „ה. ד. ל." די אַנדערע אָבער זיינען פאַרבליבן ביז היינטיקן טאָג צוזאַמען.

דער „היברו דראַמאַטיק ליג" איז געגרינדעט געוואָרן פון בנימן קרעמער, דענסטמאָל אַ סטודענט אין „קופּער יוניאָן", וואו ער האָט שטודירט קונסט און סקולפּטאָר. אַ מענטש מיט אַ סך ליבע צו דער יידישער ליטעראַטור. ער גרופּירט אַרום זיך אַ פּאָר צענדליק יונגעלייט און מיידלעך, פּונקט אַזוי אינטעליגענט ווי ער, און ער גרינדעט דעם „היברו דראַמאַטיק ליג". דער ה. ד. ל. פירט אויף איינאַקטערס און דערנאָך פּיעסן: ווי הירשביינס „נבלה", „אינטעליגענט", און „מרים"; הייערמאַנס „געטאָ", ביערסאָנס „איבער אונדזער קראַפט", „די יידן" פון טשיריקאָוו, „יואל", „תקיעת כף" און „דער לעצטער" פון פּרץ הירשביין, „די באַשעדיגטע" פון בריע, „גליק", פון פּשיבישעווסקי און „פייערן פון יאָהאַנעס נאַכט", פון זודערמאַן. צוויי פון די פּיעסן האָבן געהאַט אַן אומגעהויערן דערפאָלג — הירשביינס „תקיעת כף" איז געשפּילט געוואָרן 23 וואָכן נאָכאַנאַנד יעדן שבת און זונטיק, און בריעס „די באַשעדיגטע", איז אויך געגאַנגען וואָכן־לאַנג.

4

דאָס איז געווען אין יענע יאָרן, ווען אין דעם גרויסן יידישן אַרבעטער אָרדן, דער אַרבעטער רינג, איז פאָרגעקומען אַ קאַמף פאַר מער קולטור־טעטיקייט אין דעם אָרדן. עס איז געווען די „יונגע" און „אַלטע" עפּאָכע. דער פאַרלאַנג פון די „יונגע" איז געווען: מער קולטור, מער בילדונג, יידישע קינדער שולן, אַ וועכענטלעכער אָרגאַן, אַן אייגענע היים, געזאַנגס פאַראיינען, דראַמאַטישע פאַראיינען, אַריינברענגען יום־טובדיקייט אין די ברענטשעס א. ד. גל.

זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, אַז עס איז ניט גרינג אָנגעקומען צו באַוועגן די מיטגלידער פון דעם „היברו דראַמאַטיק ליג" צו ווערן אַ ברענטש פון אַרבעטער רינג. די גרויסע מערהייט האָט מורא געהאַט אַז מען וועט בטל בשישים ווערן אין דעם דעם גרויסן אָרדן. מען האָט אפילו אַרגומענטירט, אַז מען וועט פאַרלירן די זעלבסטשטענדיקייט; דער נאַציאָנאַלער אָפּיס וועט צענזורירן די פּיעסן און אַרונטערנעמען אייניקע שריפטשטעלער פון אונדזער רעפּערטואַר. עס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרהאַנדלונגען און זיצונגען, וואָס האָבן זיך געצויגן גאַנצע נעכט. עטלעכע מאָל זיינען געקומען פאַרטרעטער פון בילדונגס־קאָמיטעט און קלאָר געמאַכט פאַר די מיטגלידער וועגן די אמתע צילן פון אַרבעטער רינג. און אין יאַנואַר 1915 איז דער שידוך געשלאָסן געוואָרן. דער „היברו דראַמאַטיק ליג" איז געוואָרן ברענטש 555 אַרבעטער רינג און

גאַנץ פּריוויליק אָנגענומען דעם נאָמען „פרייע יידישע פאָלקס־בינע". דאָס איז געטאָן געוואָרן צוליב דעם, אַז די מיטגלידער פון די פאַרשיידענע דראַמאַטישע פאַראיינען וואָס זיינען דאַן געווען צוזאַמענגעשמאָלצן אין „ה. ד. ל." זאָלן זיך ניט פילן געקריוודעט, און טאַקע אויך צוליב דעם, ווייל מיטן אַריינטרעטן אין אַרבעטער רינג האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ ניי קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון די יידישע דראַמאַטישע פאַראיינען אין אַמעריקע.

אין פעברואַר 1915 איז די „פרייע יידישע פאָלקס־בינע" אָפּיציעל אינסטאַלירט געוואָרן אַלס ברענטש 555 פון אַרבעטער רינג, און יענעם אָוונט האָט דער אַרבעטער רינג אָפּיציעל פּראָקלאַמירט די „פרייע יידישע פאָלקס־בינע" אַלס זיין דראַמאַטישע אינסטיטוציע.

דער שרייבער פון דעם אַרטיקל איז דאַן דערווייַלט געוואָרן אַלס דער רעזשיסאָר. מיר האָבן זיך גענומען גרייטן צו דער ערשטער אויפפירונג אונטערן נייעם נאָמען. עס איז שוין איצט געווען די אַמביציע פון דער „פרייע יידישע פאָלקס־בינע" אָנצונעמען אַן אַנדער ווענדונג. ביז דאַן זיינען אויסגעמיטן געוואָרן אויפצופירן דראַמעס מיט אַ סאָציאַלן אינהאַלט. ס'רוב האָבן דאַן געהאַלטן, אַז דאָרטן וואו דער שריפטשטעלער פּרעדיקט אַ סאָציאַלע אידייע, מוז ליידן דער ווערט פון דער פּיעסע. איצט אָבער האָבן מיר געפילט, אַז אידייען מעגן אויך געפּרעדיקט ווערן אויף דער בינע פון שוישפּילער. עס דאַרף נאַטירלעך, זיין אַ מאָס מיט וועלכער מען זאָל מעסטן די „פּראָפּאַגאַנדע פּיעסע". ס'מוז זיין אמתדיקייט אין דער האַנדלונג, און די טיפן דאַרפן ניט פאַרלאָרן גיין דורך דער טענדענציעזקייט פון דער פּיעסע.

די ערשטע אויפפירונג פון דער „פרייע יידישע פאָלקסבינע" איז געווען הענריק איבסענס „פאָלקס־פיינד". מען האָט עטלעכע חדשים צייט זיך געגרייט, געמאַכט פּראָבן, געהערט לעקציעס, געפּרואווט זיך אַריינלעבן אין דער אַטמאָספערע פון עם נאָרוועגישן קליינעם שטעטל און די איבערלעבונגען און השגות פון יענע קליינבירגערלעכע מענטשן, און אויפכאַפּן איבסענס אידייע וועגן דעם ערלעכן דאָקטאָר שטאָקמאַן וואָס שטעלט אַלץ אין קאָן קעמפנדיק פאַר די אינטערעסן פון זיינע מיטמענטשן. דעם 5טן אַפּריל 1915, איז די פּיעסע אויפגעפירט געוואָרן אין ש. יאַנאָווסקיס איבערזעצונג. באַטייליקט זיך האָבן: י. פישמאַן, פ. נון, פרידבערג, גראָס, רובין, בוזעט, גראָסבערג, ע"ה, דערע־ווענסקי, האַרבאַנאָף, יאַנאָף, ע"ה, פּיוועלאָוויטש, אַרקין, קאַליש און ראַזענ־צווייג. די פּיעסע איז אויפגענומען געוואָרן זייער גוט און איז דערנאָך געשפּילט געוואָרן עטלעכע מאָל אין ניו־יאָרק, אין ברוקלין און אין בראָנקס. ס'האָט אויסגעזען זייער געוואַגט וואָס אַ נייע דראַמאַטישע אָרגאַניזאַציע האָט געמאַכט דעם ערשטן אַרויספאָר מיט אַזאַ שווערער 5־אַקטיקער דראַמע ווי דער „פאָלקס־פיינד". איצט איז קלאָר אַז דאָס האָט זיך גענומען דערפון, וואָס די שוישפּילער פון דער „פרייע יידישע פאָלקס־בינע" האָבן שוין געהאַט אַ סך דערפאַרונג און שולונג נאָך פון די פריערדיקע דראַמאַטישע פאַראיינען וואו זיי האָבן געשפּילט.

ערשטע אויפפירונג פון דער פאָלקסבינע „דער פאָלקס פיינט"
דראַמע אין 5 אַקטן פון הענריק איבסען

די אָנטיילנעמער פון רעכטס צו לינקס: ס. גראָסבערג ע"ה, מ. שטראַל, א. בוזעט, י. פישמאַן, ש. רובין, פ. נון, מ. דערווין, מ. האַרבאַנאָוו און ה. יאַנאַף ע"ה.

5

די אמתע קינסטלערישע דערגרייכונגען האָט די פֿאָלקס־בינע באַוויזן מיט אַ יאָר שפּעטער, ווען זי האָט אָנגעהויבן געבן אַ סעריע פֿאָרשטעלונגען אין דעם קליינעם אָבער זייער שיינעם טעאַטער „נעיבאָרהוד פּלעי־האַוז״, וואָס האָט זיך געפֿונען אויף גרענד סטריט. דאָס טעאַטערל איז אויפֿגעבויט געוואָרן פֿון צווײ יידיש־אַמעריקאַנער מיידלעך; די שוועסטער איירין און עליס לואיסאָן. זיי האָבן אויפֿגעבויט דאָס טעאַטערל ניט פֿאַר קיין געשעפֿט, נאָר מיט אַן אידייע צו שאַפֿן עפּעס נייעס אין דער טעאַטער־קונסט. צו שטעלן פֿאַר די יידישע איינוואוינער פֿון דער איסט־סאַיד שיינע ליטעראַרישע דראַמען (אין ענגליש), קאָנצערטן און באַלעט־פֿאָרשטעלונגען. געווען דאָרט אַ דראַמאַטישע און טאַנץ סטודיאָ. די „נעיבאָרהוד פּלעיהאַוז גרופּע״ האָט געשפּילט טעאַטער מיט אַ גרויסן געלט־פֿאַרלוסט, אָבער די פֿאַרלוסטן האָבן די רייכע שוועסטער לואיסאָן ניט געאַרט. זיי האָבן יעדן יאָר צוגעטראָגן כמעט אַרום 20 טויזנט דאָלער צו דעם טעאַטערל.

יענע יאָרן איז פּיליפּ געליבטער, ע״ה, געווען דער עקזעקוטיוו סעקרעטאַר פֿון אַרבעטער רינג. געליבטערס באַציאונג צו דער פֿאָלקסבינע איז געווען אַ וואַרעמע און איבערגעגעבענע. ער האָט ניט דורכגעלאָזט קיין איין פֿאַר־שטעלונג וואָס די „בינע״ האָט געגעבן. געליבטער האָט אפֿילו געמאַכט אַ פּאָר איבערזעצונגען פֿון פּיעסן און איינאַקטערס פֿאַר דער פֿאָלקס־בינע. ער האָט זיך פֿאַרנומען צו קריגן דעם „נעיבאָרהוד פּלעיהאַוז״ פֿאַר אַ סעריע פֿאָרשטע־לונגען. די וואָס האָבן געקענט געליבטערן, געדענקען, אַז ווען ער האָט זיך אויף עפּעס פֿאַרלייגט, האָט ער עס דורכגעפֿירט. קיין זאַך האָט אים ניט געקענט אָפּשטעלן צו דערגרייכן זיין ציל, אויב נאָר ער האָט געהאַלטן דעם ענין פֿאַר וויכטיק.

דאָ אָבער האָט ער זיך אָנגעשטויסן אָן אַן אייזערנער וואַנט: — די וואַנט פֿון אַסימילאַציע ביי אַמעריקאַנער יידישע טעכטער. ער האָט זיך עטלעכע מאָל געטראָפֿן מיט זיי. געליבטער האָט אפֿילו אָנגעווענדט „פּול״ דורך זייערן אַ נאָענטן קרובֿ, דער יידיש־אַמעריקאַנער שריפֿטשטעלער לודוויג לואיסאָן. עס איז אָבער געווען זייער שווער צו באַקערן זיי צו דער אידייע, אַז מ׳זאָל אין זייער טעמפּל געבן פֿאָרשטעלונגען אין יידיש. די שוועסטער האָבן גע־טענהט, אַז די יידן דאָ אין לאַנד דאַרפֿן ווערן אַמעריקאַנער און פֿאַרגעסן איראָפּע מיט יידיש צוזאַמען. זיי דאַרפֿן זיך לערנען ענגליש. געליבטער, ווידער, האָט זיי געפּרוּווט באַווייזן, אַז עס איז דאָ אַזוינס ווי אַן אייגן יידישע קולטור; אַ ליטעראַטור אין יידיש, וואָס וואונדערלעכע יידישע דיכטער האַלטן כּסדר אין שאַפֿן, און באַרייכערן. יידן אין אַמעריקע טאָרן בשום אופֿן נישט אָפּגעפֿרעמדט ווערן פֿון זייער אייגענער קולטור.

חדשים לאַנג האָבן זיך געצויגן די קאָנפֿערענצן און קאָרעס־פּאָנדענץ, ביז — אין אַ שיינעם טאָג באַקומען מיר די גליקלעכע בשורה — אַז

מען וועט אונדז געבן די „נעיבאָרהוד פּלעיהאַוז״ אויף אַ סעריע פאָרשטעלונגען — אויב מיר, דאָס הייסט, די פאָלקס־בינע וועט אויסהאַלטן די פּראָבע אַלס שוישפּילער וואָס האָבן אַ רעכט צו שפּילן ליטעראַרישע דראַמען.

„נו״—זאָגט צו אונדז געליבטער—„איצט איז די זאַך שוין אַרויס פון מיינע הענט, איבערצייגן זיי, אַז עס איז דאָ אַזאַ זאַך ווי אַ יידישע דראַמע און יידישע אַקטיאָרן וואָס דאַרפן האָבן גלייכבאַרעכטיקונג מיט דעם ענגלישן טעאַטער — איז מיר געלונגען. איצט דאַרפט איר זיי איבערצייגן אַז איר זייט קינסטלעריש פייאיק צו שפּילן טעאַטער אין יידיש.״

די לאַגע איז געווען אַ ביטערע! ווי אַזוי קען מען דאָס באַווייזן די „יידישע שיקסעס״, וואָס פאַרשטייען ניט קיין יידיש, און וואָס שטעלן אַזעלכע הויכע פאָדערונגען בנוגע שפּילן טעאַטער? און באַווייזן דאַרף מען עס טאַקע אין אַ וואָך אָדער צוויי אַרום. דאָס האָט געמיינט שפּילן בלויז פאַר זיי און אַנאַ מאָרגאַן, די בינע פאַרוואַלטערין פון „פּלעיהאַוז״, אַ פּיעסע וואָס מיר ווילן דאָרט שטעלן. פריער פאַר אַלץ, צושטעלן זיי די פּיעסע אין אַן ענגלישער איבערזעצונג, זיי זאָלן זיך באַקענען מיטן אינהאַלט. דערנאָך, געבן פאַר זיי אַ פּריוואַטע פאָרשטעלונג. געפאַלן איז דער גורל אויף פּרץ הירשביינס „יואל״ אַ פאָלקסטימלעכע אידיליע, וואָס איז שוין געווען אין פּ. ב. רעפּערטואַר פון פריער. „יואל״, האָט די שוועסטער לואיסאַן געדאַרפט געפעלן. געליבטער, וואָס האָט געהאַט אַזוי פיל אַרבעט אויף זיין קאָפּ, האָט פאַרקאַטשעט די אַרבל און איבערזעצט די פּיעסע אין ענגליש. ווי ער האָט מיר געזאָגט: איז ער אַ וואָך צייט ניט געשלאָפן און געמאַכט די איבערזעצונג ביי זיך אין דער היים דורך די נעכט. בייטאָג אין אָפיס האָט ער עס ניט געקאָנט טאָן. געליבטער האָט די שוועסטער צוגעשטעלט דעם טעקסט. אין אַ פאַר טעג אַרום האָבן זיי געלאָזט וויסן אַז: „איט איז אַ ווערי נאַיס פּלעי״, און זיי זיינען גרייט אונדז צו לאָזן שפּילן די פּיעסע ווי אַ פּראָבע, נאָר פאַר געציילטע צושויער.

מיר האָבן גענומען אַרבעטן איבער די כוחות. מען האָט געמאַכט פּראָבן בייטאָג און ביינאַכט.

געקומען דער אָוונט פון דער „פּריוואַטער פאָרשטעלונג״. געשפּילט האָבן מיר אָן גרים און אָן דעקאָראַציעס, אָבער דאָס שפּילן האָט געדאַרפט זיין פולשטענדיק. ביי דער זייט זיינען געזעסן די צוויי שוועסטער ל. אַ. סאָן און אַנאַ מאָרגאַן, יעדע מיטן טעקסט פון דער פּיעסע אין די הענט, און האָבן זיך צוגעקוקט צום שפּילן. מיר זיינען ווי עס וויזט אויס זיי געפעלן: ווייל אין אַ טאָג אַרום האָבן מיר געקראָגן אַ בריוו פון די לואיסאָנס אַז מיר קענען שפּילן אין דעם טעאַטער 4 וואָכן צייט, דריי מאָל אין וואָך.

אַזוי האָבן מיר אָנגעהויבן געבן יעדן ווינטער אַ סעריע פאָרשטעלונגען אין „נעיבאָרהוד פּלעיהאַוז״, אונטער דער אויפזיכט פון בילדונג קאָמיטעט פון אַרבעטער רינג. אין יאַנואַר און פעברואַר 1916 האָבן מיר דאָרט אויפגעפירט פּרץ הירשביינס „יואל״ און מאַרק אַרנשטיינס „שוועסטער און ברידער״, „צוליב גליק״ (דריי אַקטן) און „געסט״ (איין אַקט) פון פּשעבישעווסקי,

"דער פאָלקס-פיינד" (5 אַקטן), "די גייסטער" (3 אַקטן) פון הענריק איבסען, און "דער לעצטער" (3 אַקטן) פון פּרץ הירשביין.

דעם זעלבן יאָר האָט די פאָלקס-בינע אויפגעפירט אין נעיבאָרהוד פּלעיהאַוז "קאָמעראַדן" פון סטרינדבערג, "איינזאַמע וועלטן" און "מיכאעל קראַמער" פון גערהאַרד הויפּטמאַן און "יאָהאַנעס-פייער" פון זודערמאַן. די אַלע פּיעסן זיינען געווען אַ פינאַנציעלער און מאָראַלישער דערפאָלג. די פאָרשטעלונגען פון דער פאָלקס-בינע האָבן אָנגעהויבן ציען די אויפמערק-זאַמקייט פון דער פּרעסע און עס זיינען שוין דערשינען אָפּהאַנדלונגען און קריטיק אין "טאָג", "מאָרגען זשורנאַל" און "טאַגעבלאַט", וואו דער אַרבעטער רינג איז געלויבט געוואָרן פאַר זיין דראַמאַטישער אינסטיטוציע, און די פאָלקסבינע — פאַר איר שפּילן.

די דערפאָלגן האָבן שטאַרק דערמוטיקט די מיטגלידער פון דער פאָלקס-בינע און מען האָט זיך נאָך מיט מער אימפּעט אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט. עס פאַרשטייט זיך, אַז די קריטיקער האָבן ניט בלויז געהאַט לויבגעזאַנגען. זיי האָבן אָנגעוויזן אויף די מעלות פון די פאָרשטעלונגען, האָבן אָבער אויך ניט פאַרשוויגן די חסרונות. שטאַרק קריטיקירט האָט מען אונדז פאַרוואָס מיר שפּילן צופיל פּיעסן פון וועלט-רעפּערטואַר און צו ווייניק יידישע. דער אמת איז אָבער געווען, אַז אַזוי גיך ווי די פאָלקס-בינע האָט נאָר באַקומען אַ אמת ליטעראַרישע יידישע פּיעסע האָט זי עס גלייך אויפגעפירט. עס איז אָבער שוין אויך דענסטמאָל געווען אַ גרויסער דוחק אין אָריגינעלע פּיעסן, און מען האָט זיך געמוזט באַנוצן מיט פּיעסן פון דער וועלט-ליטעראַטור.

איך וויל דאָ דערמאָנען אַן אינצידענט, וואָס האָט דער פאָלקסבינע געמאַכט פּאָפּולער, און געשאַפן פאַר אונדז פריינד. מיר האָבן געהאַט שונאים, קאָנ-קורענטן, און סתם ניט פאַרגינער. דאָס מאָל אין דער פּערזאָן פון אַ באַוואוסטן יידישן זשורנאַליסט און לעקטאָר, וואָס איז דאַן ניט-לאַנג געווען דאָ אין לאַנד. אין אַ שיינעם טאָג דרוקט ער אָפּ אַ ביטערע קריטיק אויף דער אויפפירונג פון זודערמאַנס "יאָהאַנעס פייער", רעדט מיט גאַל וועגן די שוישפּילער און ער שרייבט: "זאָלן זיי שפּילן פינאַקל ניט קיין טעאַטער". בעת-מעשה חוזקט ער אויך פונעם רעדנער צווישן די אַקטן, און ער דריקט זיך אויס: "אַז דער רעדנער האָט נאָך צום איבעריקן פאַרערגערט די שטימונג פון עולם מיט זיין נודנעם רעפעראַט וועגן טעאַטער-קונסט". עס איז קלאָר, אַז שוישפּילער מוזן אַלץ צו-נעמען, גוטע קריטיק ווי שלעכטע. אָט יענע בייזווייליקע אַטאַקע האָט אָבער די פאָלקס-בינע ניט געוואָלט אַראָפּשלינגען, ווייל — דער קריטיקער איז גאָר ביי דער פאָרשטעלונג ניט געווען. קיינער האָט אים אין טעאַטער ניט געזען. און ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן — איז ער גאָר יענעם אָוונט געווען אין פּעטערסאָן וואו ער האָט געהאַלטן אַ לעקציע. דער פאָרזיצער פון בילדונגס-קאָמיטעט האָט ביי יענער פאָרשטעלונג קיין רעדע צווישן די אַקטן ניט געהאַלטן, ווייל ער איז געווען קראַנק און ניט געקענט קומען אין טעאַטער. כאָטש אַנאָנסירט איז געווען, אַז ער וועט רעדן צווישן די אַקטן. נו, האָט זיך

אָנגעפּאַנגען אַ קאַכעניש. דער בילדונגס־קאָמיטעט האָט אָפּגעדרוקט אַ שטאַרקן פּראָטעסט אין דער צייטונג וואו דער אַרטיקל איז געווען געדרוקט. די רע־דאַקציע האָט זיך פאַרענטפערט און דער רעצענזענט האָט געגעבן אַן ערקלע־רונג מיט פשטלעך, אַז מען מעג שרייבן קריטיק אפילו ווען מ׳זעט אַליין ניט קיין פאַרשטעלונג מיט די אייגענע אויגן, נאָר מ׳הערט וואָס אַנדערע גיבן איבער...

6

אין יאָר 1917 שליסט זיך אָן די פאָלקס־בינע אין „פאַרבאַנד פון די ליטעראַריש־דראַמאַטישע פאַראיינען". אַן אָרגאַניזאַציע וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אויף דער איניציאַטיוו פון די דראַמאַטישע פאַראיינען אין קליוולאַנד און דעטראָיט, און האָט געהאַט דעם צוועק צו פאַרבינדן אַלע דראַמאַ־פאַראיי־נען איבערן לאַנד אין איין קערפּערשאַפט, וואָס זאָל העלפן יעדן פאַראיין באַזונדער מיט פּיעסן, רעזשי, אַנווייזונגען וועגן אויפפירונגען א. ד. גל.

אין פאַרבאַנד זיינען געווען אָנגעשלאָסן אַרום 10 דראַמאַטישע פאַראיינען דער גרינדונגס־צוזאַמענפאָר איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין 1917 אין קליוולאַנד, און אַלס פּרעזידענט ווערט דערוויילט דוד פּינסקי. ביים צווייטן צוזאַמענפאָר וואָס איז פאָרגעקומען אין דעטראָיט אין מאַי 1918, איז די פאָלקסבינע שוין גע־ווען פאַרטראָטן מיט איר דעלעגאַט. ביי יענעם צוזאַמענפאָר איז שוין דער פאַר־באַנד געווען אַקטיוו, און געהאַט אַ צוזאַמענגעשטעלטע גרופּע שוי־שפּילער פון עטלעכע שטעט, וואָס האָבן אויפגעפירט דימאָווס „יאָשקע מוזי־קאַנט", רעזשיסירט פון יעקב בן־עמי.

יענע פאַרשטעלונגען וועלכע זיינען פון דער גרופּע געגעבן געוואָרן אין עטלעכע שטעט, זיינען געווען זייער איינגעגעבענע. די גרופּע האָט באַוויזן וואָס זי קען אויפטאָן מיט אַ ליטעראַרישער פּיעסע. אויך אין די פּראָווינץ־שטעט האָבן מיר אויסגעפונען איז דאָ אַן עולם וואָס קומט זען און האָט הנאה פון גוטע פּיעסן. אָבער דער דערפאָלג פון יענער אויפפירונג איז געווען די אורזאַך פאַר דעם אונטערגאַנג פון פאַרבאַנד. ביים צוזאַמענפאָר, וואָס איז ס׳רוב, באַשטאַנען פון דעלעגאַטן פון דער „מידל־וועסט", איז באַשלאָסן געוואָרן גלייך צו אָרגאַניזירן אַ „טעאַטער־קאָמפּאַני", וועלכע זאָל אָנהויבן געבן פאַר־שטעלונגען אין ניו־יאָרק. דער איינציקער וואָס איז געווען קעגן דעם פּלאַן איז גראָד געווען דער פאַרטרעטער פון דער „פאָלקסבינע". זיינע אַרגומענטן זיינען געווען: 1) ניו־יאָרק איז אַ שטאָט מיט עטלעכע גרויסע טעאַטערס, מיט באַרימטע שוישפּילער, מיט אַן עולם וואָס האָט פאָדערונגען צום בעסערן טעאַטער, און דאָרטן אַ פאָלקס־קונסט טעאַטער דאַרף האָבן אַ רעכט צו טראָגן דעם נאָמען, דאַרף באַשטיין פון אַ גוט־געשולטער גרופּע פון טאַלאַנטפולע מענטשן, וועלכע זאָלן גלייך ביים אָנפאַנג געווינען דעם צוטרוי פון עולם. 2) אויפהאַלטן אַ טעאַטער אין ניו־יאָרק, דאַרף מען האָבן זייער אַ סך געלט, אַ גאַנץ היפּשן רעזערוו פאָנד, און דער פאַרבאַנד האָט קיין צען דאָלער ניט פאַרמאָגט.

3) מען דאַרף פאַר אַזאַ אונטערנעמונג צוגרייטן די עפנטלעכע מיינונג דורך דער יידישער פרעסע און דערמיט שאַפן אַ באָדן פאַר אַזאַ טעאַטער און אויך די מאַטעריעלע מיטלען, און 4) קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג מיט דער יידישער אַקטיאָרן יוניאָן, וועלכע וועט אויך עפּעס האָבן צו זאָגן וועגן אַזאַ אָנגעלעגנהייט. די אַלע טענות האָבן אָבער ווי עס זעט אויס ניט געהאַט קיין ווירקונג אויף די אַביסל צו־שטאַרק ענטוזיאַסטישע דעלעגאַטן, און דער באַשלוס, צו שפּילן אין ניו־יאָרק, איז יאָ אָנגענומען געוואָרן.

אין יאָר 1918 שפּילן מיר אין נעיבאָרהוד פּלעיהאַוז „פיינדלעכע וועלטן" פון ראנעטי ראמאַן (איבערזעצט פון א. הארקאַוויץ) „דער לעצטער", און די „גרינע פעלדער" פון פרץ הירשביין. דאָס איז געווען די ערשטע פאָרשטעלונג פון די „גרינע פעלדער", וואָס איז נאָך אין ערגעץ ניט געשפּילט געוואָרן. איך וועל זיך דאָ מער אָפּשטעלן אויף די „גרינע פעלדער", ווייל איך גלויב, אַז צוליב דער אויפפירונג פון דער פּיעסע איז געבוירן געוואָרן דער „יידישער קונסט־טעאַטער". די אויפפירונג האָט באַוויזן אַז עס איז דאָ אין ניו־יאָרק אַן עולם פאַר אַ בעסערן טעאַטער, און אויך שריפטשטעלער־דראַמאַטורגן וועמעס פּיעסן דאַרפן האָבן אַן אָרט אויף דער בינע.

„גרינע פעלדער" האָט געדאַרפט געשפּילט ווערן די לעצטע צוויי וואָכן פון דער ווינטער־סעריע. דעם 5טן און 6טן אָקטאָבער, 1918. עס זיינען געגעבן געוואָרן די ערשטע צוויי פאָרשטעלונגען מיט דעם פאָלגנדן פּערסאָנאַל: דוד־נח; יעקב ראָזענבלום, ע״ה. רחל; עטעל ראָזענצווייג. הערש־בער: ה. שערמאַן. ציפּע: סאָניאַ בירמאַן. אברהם־יעקב; מאיר אַרקין. אלקנה: מיכאל פרעדמעסט, ע״ה; גיטל: בולבינא סילווערמאַן, ע״ה. סטערע: שרה סטייבין. און לוי־יצחק; יעקב פישמאַן (אויך רעזשי פון יעקב פישמאַן).

די ערשטע צוויי פאָרשטעלונגען זיינען גלייך געווען אַ גרויסער דערפאָלג. מיר האָבן נאָך קיינמאָל ניט געהאַט אַזאַ שטורעמדיקע אָוואַציע, ווי מיר האָבן געהאַט ביי דער פּרעמיערע פון „גרינע פעלדער"; מינוטן לאַנג האָט דער עולם אַפּלאָדירט און ניט געוואָלט פאַרלאָזן דאָס טעאַטער, כאָטש נאָך און שפּיל איבער די פּיעסע נאָך אַמאָל. דער אויסברוך פון די אַפּלאָדיסמענטן איז געווען אַ כשר פאַרדינטער, ווייל ניט נאָר איז די פּיעסע אַן אמתער פּערל אין דער דראַמאַטישער ליטעראַטור, נאָר דאָס שפּילן פון אַלע שוישפּילער, אַן אויסנאַם, איז געשטאַנען אויף אַ גאָר הויכער מדרגה. שוין מיט יאָרן שפּעטער ווען די פּיעסע איז ווידער געשפּילט געוואָרן אין פּראָפעסיאָנאַלן טעאַטער האָבן מענטשן, וואָס האָבן געזען די ערשטע פאָרשטעלונגען פון דער פאָלקס־בינע געזאָגט: אַז צום שפּילן פון די פאָלקס־בינע מיטגלידער, האָט זיך קיינער פון די פּראָפעסיאָנעלע שוישפּילער ניט דערהויבן. אויך די לואיסאָן שוועסטער, וועלכע האָבן די פאָרשטעלונג געזען, זיינען געווען באַגייסטערט, און אָנשטאָט די צוויי וואָכן וואָס מיר האָבן נאָך געהאַט צו שפּילן אין „נעיבאָרהוד פּלעיהאַוז" האָבן זיי פאַרלענגערט אונדזער סעזאָן אויף נאָך פיר וואָכן. ביי יעדער פאָרשטעלונג איז דאָס טעאַטערל געווען איבערגעפּאַקט; אַ וואָך

„גרינע פעלדער", קאָמעדיע, פון פּרץ הירשביין

די שוישפּילער פון רעכטס צו לינקס: מיכאל פרעדמעסט ע"ה, יעקב ראָזענבלום ע"ה, מענדל באלסקי ע"ה, שרה רובין, בולבינאַ סילווערמאַן ע"ה, עטעל ראָזענצווייג, סאָניאַ בירמאַן, יעקב פישמאַן, און מאיר אַרקין.

אין פּאַראַויס זיינען געווען אויספּאַרקויפט אַלע בילעטן. מענטשן זיינען געשטאַנען אין ריי שעהן לאַנג פאַר דער מעגלעכקייט צו קענען אַריינגיין אין טעאַטערל.

נאָך די „נעיבאָרהוד פּלעיהאַוז"־פאָרשטעלונגען, זיינען די „גרינע פעלדער" פון דר פאָלקסבינע געשפּילט געוואָרן אין אַנדערע טעאַטערס. נאַטירלעך ניט אונטער אַזעלכע גינסטיקע אומשטענדן און מיט אַזעלכע שיינע דעקאָראַציעס, אָבער מיט דעמזעלביקן דערפאָלג. די יידישע פּרעסע האָט זיך זייער וואַרעם אָפּגערופן וועגן די פאָרשטעלונגען. אין „טאָג", „טאָגעבלאַט", מאָרגען זשורנאַל", „פרייע אַרבעטער שטימע" זיינען געווען געדרוקט אַרטיקלען וואו די פּיעסע און די שוישפּילער זיינען שטאַרק געלויבט געוואָרן. און פאַרקערט, דער פּראָפעסיאָנעלער טעאַטער איז שטאַרק קריטיקירט געוואָרן פאַרוואָס ער האָט ניט באַמערקט אַזאַ ליטעראַרישן פּערל, און האָדעוועט נאָך אַלץ דעם עולם מיט די שונדעוואַטע מאַכערייקעס.

דער פּלאַץ דערלויבט מיר ניט איבערצודרוקן יעדע קריטיק וועגן אונדזערע „גרינע פעלדער", וואָס איז דעמאָלסט געווען געדרוקט, איך וועל אָבער אַריינגעבן אַן אויסצוג פון אַן אַרטיקל פון דעם שריפטשטעלער און דיכטער מנחם באָריישא, וואָס איז געווען געדרוקט אין "טאָג" דעם 26טן אַפּריל 1919.

„קען זיין, ליבער הירשביין, אַז איך בין ניט פעאיק ריכטיק אָפּצושאַצן אייער ווערק. די היימישע מענטשן פון אונדזער אייגענער שטיקל ליטע, זייער שפּראַך און ערלעכקייט, רירט מיך אָן אין דעם ווייטן לאַנד אַזוי, אַז שוין פאַר דעם אַליין בין איך דאַנקבאַר. אָבער איך האָב די זעלביקע מענטשן געזען אין „פאַרוואָרפענעם ווינקל" און אין „דעם שמידס טעכטער" און דאָך האָבן זיי מיך ניט אַזוי גערירט. ווייל דאָ, אין די „גרינע פעלדער" האָט איר אַרויסגענומען די כשרע פרימיטיווע נשמות זייערע, האָט זיי געמאַכט פּלאַטערן ביים שיין פון דעם, וואָס איז געווען דאָס רייכסטע ביי זיי, האָט אַרויפגעצויגן די ליטווישע דאָרפס־מענטשן אויף דעם כשרן פאָדעם פון אונדזער גרויסן און אייביקן יחוס און איר האָט מיך געמאַכט אי שטאָלץ, אי גלויביק, אי ביז טרערן גערירט אויף דעם, פון וואַנען איך קום.

האָט איר געטראַכט וועגן דעם? אַזעלכע קינסטלער, ווי איר, באַשאַפן ניט קיין זאַכן בכיון. איך ווייס — איר האָט ניט קיין טענדענץ געגעבאָט און ניט קיין געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבע. איר האָט געזען דאָס מענטשלעכע אין דעם, און אַליין מיט דער נשמה פון אייערע דאָרפישע יידן, האָט איר אַן חכמות עס דערציילט, און דעריבער ווערט אַזוי גוט פון דעם.

און איצט, ווען איר זעט עס דאָ — צי טראַכט איר ניט גלייך מיט מיר, אַז מיר זיינען באַגאַנגען אַן עולה קעגן אייך, אַז מיר האָבן זיך צו שפּעט אַרומגעקוקט אייך צו דערקענען? און אָט די יונגעלייט פון דער „פאָלקסבינע" האָבן אינסטינקטיוו דערפילט דעם בעסטן מאַטעריאַל פאַר זיך.

זיי איבעראַשן מיט זייער שפּילן, מיט זייער ערלעכער שילדערונג, און אַנדערע — נאָך מער ווי דאָס. אָט, איז צינע (סאָניע בירמאַן) מער, ווי אַ

צופעליקע ליבהאָבערין. דאָס זעלבע דער בחור לוי יצחק (יעקב פישמאַן). דאָס זעלבע דוד נח (ראָזענבלום) און זיין יינגל (ארקין.) אין זיי איז דאָ דורכגעטראַכטקייט, טעמפעראַמענט,, אמת. הערש־בער (באַלסקי) זעט אויס, ווי צו זיין אַליין דער טיפ, וועלכן ער שילדערט און דעם זעלבן איינדרוק מאַכט גיטל (מאַדאַם סילווערמאַן) מיט איר ריינעם און געלאַסענעם ליטווישן אַקצענט. דוד נחס ווייב, רחל (מאַדאַם ראָזענצווייג) לעגט אַריין פאָלקסטימלעכע מוטער־לעכקייט אין איר שפילן און אלקנה (פּרעדמעסט) מיט זיין טאָכטער (פריילן רובין־סטעיבין), זיי זיינען די דאָרפישע מענטשן, ווי זיי זיינען. איר זעט די אַרבעט אין אַלעמענס שפילן, דעם ערנסט און אויפריכטיקע באַציאונג, איר זעט די ליבע, וועלכע איינער וויל דערוואַרטן פאַר אַזעלכע זון־געוועבטע און דופטיקע ווערק. און גייט מען אַוועק פון טעאַטער מיט פרייד, — קומט זיי דען ניט אַ דאַנק פאַר אַ טייל פון דער פרייד, אפשר נאָך מער: פאַר איך און פאַר אונדז זיינען זיי דאָך געווען די ערשטע דאָס אַרויסצוברענגען.

מיר גייען פון טעאַטער אַרויס, און דער שלאַק־רעגן שמייסט אין פּנים אַריין, אָבער עס מאַכט ניט אויס. אַזוי פיל זון און ליכטיקייט צו געפינען — וואָלט איר דען ניט אין ערגערע רעגנס געגאַנגען?"

איבער פופציק פאָרשטעלונגען האָט די פאָלקס־בינע געגעבן פון הירש־ביינס "גרינע פעלדער" אין ניו־יאָרק און אין אַנדערע שטעט. ערשט אַ יאָר שפּעטער האָט בן־עמי די פּיעסע דאָ אויפגעפירט — נאָך שפּעטער, האָבן עס דאָ געשפּילט די "ווילנער טרופּע". די וואָס האָבן געזען "גרינע פעלדער" ביי דער פאָלקסבינע וועלן יענע פאָרשטעלונגען קיין מאָל ניט פאַרגעסן.

דער דערפאָלג פון דער פאָלקס־בינע האָט אויך געצויגן די אויפמערק־זאַמקייט פון מאָריס שוואַרץ, וועלכער האָט דאַן געשפּילט אין אירווינג פּלייס טעאַטער. שוואַרץ לאַדעט דאַן איין די פאָלקסבינע און שליסט מיט דער פ. ב. אַ קאָנטראַקט אויף 4 וואָכן צייט צו שפּילן אין קונסט טעאַטער.

איך ציטיר דאָ אַן אַרטיקל וואָס איז דערשינען אין "טאָג" דעם 15טן אַפּריל, 1920, געשריבן פון וויליאַם עדלין ע"ה:

"די גרופּע ליבהאָבער, וואָס האָט אונטער דעם נאָמען "פרייע יידישע פאָלקס־בינע" פאַר די לעצטע עטלעכע יאָרן געשפּילט איניקע פון די שענסטע זאַכן פון דער יידישער און איראָפּעאישער ליטעראַטור, וועט איצט האָבן אַ מעגלעכקייט אין פאַרלויף פון אַ גאַנצן חודש צו באַווייזן פאַר דעם יידישן טעאַטער־עולם, וואָס זי האָט אויפגעטאָן.

די "פרייע יידישע פאָלקסבינע" האָט לעצטנס געצויגן צו זיך שטאַרקע אויפמערקזאַמקייט מיט איר אויפפירונג פון פרץ הירשביינס "גרינע פעלדער". די דאָזיקע וואונדערבאַרע זאַך וועט זיין די ערשטע אויפגעפירט צו ווערן אין דעם קורצן סעזאָן, וואָס די גרופּע וועט עפענען אין אירווינג פּלייס טעאַטער, דעם 19טן מאַי.

אין דעם רעפּערטואַר פון דער פאָלקסבינע גייען אַריין הירשביינס "גרינע פעלדער"; זודערמאַנס "פייערן פון יאָהאַנעס נאַכט"; דאָסטאָיעווו־

סקיס „פאַרברעכן און שטראָף"; הויפּטמאַנס „מיכאַיל קראַמער"; סטרינד־בערגס „קאַמעראַדן" און אַ רייע אַנדערע איבערזעצטע זאַכן. פון יידישע דראַמען וועלן אויך אויפגעפירט ווערן הירשביינס „יואל" און ה. ד. נאָמבערגס „די משפחה".

פון דעם קורצן רעפּערטואַר איז צו זען אַז די פאָלקסבינע האָט מיט וואָס צו קומען פאַר אַ פּובליקום. און עס דאַרף ניט פאַרגעסן ווערן, אַז דער דאָזיקער רעפּערטואַר איז ביי דער פאָלקס־בינע געשפּילט געוואָרן אַ סך פריער, איידער עס האָט זיך געעפנט דאָס אוירווינג פּלייס טעאַטער מיט זיינע ליטעראַרישע שטיק. אין דער געשיכטע פון ליטעראַרישן רעפּערטואַר אין יידישן טעאַטער ביי אונדז, וועט דער פאָלקס־בינע געהערן דאָס ערשטע פּלאַץ, ווייל אויך די זאַכן, וואָס דאָס אוירווינג פּלייס טעאַטער האָט היינטיקן סעזאָן אויפגענומען, ווי למשל,ביידע פאָלקס־קאָמעדיעס פון הירשביינען, זיינען פריער אויפגעפירט געוואָרן פון דער פאָלקס־בינע. פון דער פאָלקס־בינע קומען אויך אייניקע פון די בעסערע שוישפּילער פון ליטעראַרישן רעפּערטואַר. און עס וועט בלויז צוגעבן חן צו מאָריס שוואַרצס טעאַטער, וואָס נאָכדעם, ווי זיין טרופּע וועט אַרויספאָרן אויף דער פּראָווינץ, וועט זיין בינע פאַרנומען ווערן פון אַ גרופּע ליבהאָבער מיט אַזעלכע שיינע פאַרדינסטן, און וועט ווייטער שפּילן יענע שיינע זאַכן, וועלכע זיינען אין דעם סעזאָן ניט געשטעלט געוואָרן.

דער צוועק פון דער פאָלקסבינע איז אויפצובויען אַן אייגענעם פאָלקס־טעאַטער אין דער פאָרם פון „נעיבאָרהוד פּלעיהאַוז" צו געבן דאָרטן די נייסטע און שענסטע זאַכן פון דער יידישער און וועלט־ליטעראַטור. פאַר דעם פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער אונדזערן איז די עקזיסטענץ פון אַזאַ קליינעם קינסטלערישן פאָלקס־טעאַטער פון גרויסער וויכטיקייט, פּונקט אַזוי ווי די אַרבעט פון דער פאָלקסבינע האָט געבראַכט צו דער עקזיסטענץ פון אוירווינג פּלייס טעאַטער און דעם גאַרדען טעאַטער, וואָס עפנט זיך קומענדן סעזאָן מיט ריין־קינסטלערישע אַבזיכטן — אַזוי קען אַ שטענדיקער פאָלקס־טעאַטער, אויפגעהאַלטן פון ליבהאָבער, ווייטער באַשאַפן אַ רעפּערטואַר און אויפפירן פאַר זיך אַזעלכע זאַכן, וואָס דאָס פּראָפעסיאָנעלע טעאַטער קען ניט און האָט מורא אַליין אויפצונעמען. עס איז דעריבער אין די אינטערעסן סיי פון פּובליקום אַזוי אויך פון פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער, אַז דער קורצער סעזאָן פון דער פאָלקס־בינע אין אוירווינג פּלייס טעאַטער זאָל ווערן אַ גרויסער מאַטעריעלער דערפאָלג, אום די אויפגאַבע פון בויען אַן אייגן קליין טעאַטער זאָל קענען דורכגעפירט ווערן".

7

אין יענער צייט טרעט אַריין אין דער פאָלקס־בינע ב. לעווין, אַ מענטש וואָס האָט ניט קיין אַמביציעס צו שפּילן טעאַטער, האָט אָבער אַ סך ליבע צו דער יידישער ליטעראַטור און בעסערן יידישן טעאַטער; אַ מענטש, וואָס אויסער ליבע צום יידישן וואָרט, פאַרמאָגט ער אויך אַ סך ענערגיע און אונטערנעמונגס־גייסט. לעווין ווערט באַלד געשעפטס־פאַרוואַלטער

פון דער פאָלקסבינע און עס הויבט זיך אָן שטאַרק „באַוועגן" די אַרבעט. ער אָרדנט איין גאַנצע רייען פאָרשטעלונגען אין ראָיאַל טעאַטער, מעקינלי סקוועיר טעאַטער, גאָלד טעאַטער און טאליא טעאַטער — אין ניו־יאָרק, בראָנקס און ברוקלין און נאָך אַ גרויסע צאָל פאָרשטעלונגען אין דער פּראָווינץ שטעט. אויף זיין איניציאַטיוו ווערט דאַן אויך אָרגאַניזירט „די יידישע פאָלקס־בינע קאָרפּאָריישאָן", וואָס לאָזט אַרויס „שערס" אויף 25 טויזנט דאָלער מיטן צוועק צו שאַפן אַן אייגענעם קליינעם טעאַטערל. באַהילפיק געווען אין יענער אַרבעט האָט אויך י. ב. ביילין, דער דעמאָלטיקער רעדאַקטאָר פון „פריינד", אָרגאַן פון אַרבעטער רינג און בילדונגס־דירעקטאָר. עס זיינען געמאַכט געוואָרן אַ סך אָנשטרענגונגען. אָבער מער ווי אַ פּאָר טויזנט דאָלער האָט מען ניט געקענט שאַפן. און מיט אַזאַ קליינער סומע קען מען אין ניו־יאָרק קיין טעאַטער ניט בויען. דאָס ביסל געלט האָט מען צוגעלייגט צו עטלעכע טעאַטער פאָרשטעלונגען וואָס מ'האָט דענסטמאָל געגעבן אין „דעיווענפּאָרט טעאַטער, אויף דער 27טער גאַס.

דאָס האָט אָבער דער פאָלקסבינע ניט אַנטמוטיקט. מ'האָט די האָפענונגען ניט פאַרלאָרן און די אַרבעט ניט אויפגעגעבן. מען האָט יענעם יאָר אויפגעפירט „פורמאַן הענשעל" פון געאַרד הויפּטמאַן און „שמע ישראל", פון אָסיפּ דימאָוו, בריעס „באַשעדיקטע", איבערזעצט פון ה. ד. נאָמבערג; „הונגער", פון סעמיאָן יושקעוויטש, און „דאָס קול פון די שטימע" פון איזאַק האָראָוויץ. אין יאָר 1921 ווערט אויפגעפירט קאָצענעלסאָנס „קאַריקאַטורן" אין טאַליא טעאַטער, און בימקאָס „פאַרזונקענע וועלטן" אין גריניטשווילעדזש טעאַטער.

אין די יאָרן 1922־1923 איז די פאָלקס־בינע פאַרנומען מיט צוגרייטן איינאַקטערס און אינסצענירונגען פאַר די גרויסע אַרבעטער רינג קאַמפּיין־קאָנצערטן, וואָס זיינען דענסטמאָל אָרגאַניזירט געוואָרן אין פאַרשיידענע טיילן פון שטאָט. די אויפפירונגען זיינען געווען זייער דערפאָלגרייך און זיינען געגעבן געוואָרן בערך פינף סעזאָנען. אין 1923 פירט די פאָלקסבינע אויף אין ראָיאַל טעאַטער „די פאַרלוירענע האָפנונג" פון הערמאַן הייערמאַנס (רעזשי יעקב פישמאַן). אין דער פּיעסע נעמען אָנטייל אַלע מיטגלידער פון דער פאָלקס־בינע און עס ווערט אויך צוגעצויגן דער „אַרבעטער רינג כאָר", וועלכער זינגט די פישער־לידער, ספּעציעל געשריבן און איינשטודירט פאַר דער פאָרשטעלונג, פון דעם אַרבעטער רינג כאָר דיריגענט מאיר פּאָזנער, ע"ה. די פּרעסע האָט זיך אָפּגערופן זייער גוט וועגן יענער פאָרשטעלונג.

דער שריפטשטעלער אברהם רייזען האָט דאַן געשריבן וועגן דער פאָרשטעלונג אין צייטשריפט „ניי־אידיש" אין אַפּריל 1923:

„אויב דער סאָציאַלער מאָטיוו פון דער דראַמע איז שוין עטוואָס פאַרעלטערט — דערפאַר אָבער איר פילאָזאָפישער און, ריכטיקער, איר מיסטישער מאָטיוו איז נאָך פריש און פּעאיק צו וועקן די געדאַנקען און רירן די הערצער ביי די צושויער. און אפשר טאַקע אַ דאַנק די ביידע מאָטיוון וואָס זיינען אַריינגעוועבט געוואָרן אַזוי קינסטלעריש אין דער דראַמע, ווירקט זי אַזוי

שטאַרק אויפֿן צושויער און האַלט אים געשפּאַנט די גאַנצע צייט, וואָס די פיר אַקטן ציען זיך, אפשר, אַביסל צו לאַנג.

„געשפּילט איז דאָס שטיק געוואָרן זייער גוט און, אפשר, מער ווי גוט, אויב מיר נעמען אין אַמבאַטראַכט, אַז די „פֿרייע יידישע פֿאָלקסבינע" איז אַן אַמאַטאָרן־טרופּע, כאָטש אייניקע פון דער טרופּע, ווי סאָניאַ בירמאַן, יעקב פישמאַן, עטל ראָזענצווייג און העראַלד רובין האָבן מיט פולער מאָס און זי־כערקייט געקאָנט (און געדאַרפט) שפּילן אַלס פּראָפעסיאָנעלע שוישפּילער אויף דער יידישער בינע. און, פאַרבייגייענדיק, מוזן מיר באַמערקן, אַז די יידישע אַקטיאָרן־יוניאָן האָט די דערמאָנטע פיר טאַלאַנטירטע מענטשן שוין לאַנג געדאַרפט האָבן אַלס זייערע מיטגלידער. לויט זייער אויפֿירן הייערמאַנס דראַמע זיינען זיי בּאַרעכטיקט דערצו.

„מיס סאָניאַ בירמאַן איז ווירקלעך געווען גרויס. איר טיפע מיסטישע שרעק, איר ווערן דאָ שטיל, דאָ שטורמיש, אפילו איר שטומע פאַרצווייפלונג האָבן אָנגעשטעקט יעדן צושויער מיטן זעלבן געפיל. מיר בירמאַן וועט זיכער זיין אַמאָל איינע פון אונדזערע דראַמאַטישסטע שוישפּילער. עטל ראָזענצווייג, אין דער ראָלע פון דער פישער אלמנה, וועלכע האָט איר מאַן און אירע אַלע זין פאַרלאָרן אויף אונטערגייענדיקע שיפן — האָט איר טראַגישע ראָלע גע־שפּילט מיט גרויס מענטשלעכן געפיל. העראַלד רובין, האָט זיך שטאַרק אויסגעצייכנט מיט זיין שפּילן.

„אין די קלענערע ראָלן האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט חנה לעווין, אַלס פישער פרוי, סיי מיט איר וואונדערלעכער דיקציע און סיי מיט איר נאַטירלעכקייט. אויך לאה שלעסל אַלס די טאָכטער פון שיף־אייגענטימער האָט געשפּילט מיט אַ געוויסן חן און פאַרשטענדעניש. סעמועל גראָסבערג, אַלס דער שיף־אייגענטימער, האָט געשאַפן אַ טיפּ פון אַ קאַלטן, האַרטן בורזשוא מיט אַלע זיינע אוממענטשלעכקייטן און כלומרשטער מענטשלעכקייט.

„אין אַלגעמיין האָט די „פֿרייע יידישע פֿאָלקסבינע" מיט דער אויפֿירונג פון הייערמאַנס „די פאַרלאָרענע האָפֿענונג" באַוויזן, אַז זי האָט ניט נאָר רעכט צו עקזיסטירן, נאָר אַז זי פאַרדינט געשטיצט צו ווערן פון אַלע ליבהאָבער פון דער יידישער בינע בכלל און פון דער יידישער פּראָפעסיאָנעלער טעאַטער־וועלט בפרט".

אין דערזעלבער צייט וואָס די פאָלקס־בינע האָט צוגעגרייט פּיעסן און איינאַקטערס פאַר ניו־יאָרק האָט זי אויך גענאַט אויף זיך די אויפגאַבע דורכצופירן פאָרשטעלונגען אין די פּראָווינץ־שטעט, פון ניו־יאָרק, פּענסיל־וויניאַ, ניו דזשורזי און קאָנעקטיקוט. די פאָרשטעלונגען זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן פון אָרגאַניזאַציעס אין די פאַרשיידענע שטעט, אַרבעטער רינג ברענ־טשעס, א. ר. שולן, לעיבאָר לייסעאומס, סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד ברענטשעס און אַנדערע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס. אַ גרויסע צאָל פון די פּיעסן פון פאָלקס־בינע רעפּערטואַר האָבן אויף דער פּראָווינץ ניט געקענט געשפּילט

ווערן, אייניקע צוליב טעכנישע שוועריקייטן, ווי אַ צו־גרויסער פּערסאָנאַל, צו פיל דעקאָראַציעס, און אייניקע פּיעסן זיינען בכלל געווען צו ליטעראַריש פאַר דער פּראָווינץ. אַזוי ווי די פאָדערונגען פאַר פאָרשטעלונגען אין די פּראָווינץ־שטעט זיינען געווען זייער גרויס, און אין אייניקע שטעט האָבן מיר יעדן ווינטער געגעבן פון 6 ביז 8 פאָרשטעלונגען, האָט די פ. ב. פאַר דער פּראָווינץ ספּעציעל איינשטודירט יעקב גאָרדינס „קרייצער סאָנאַטאַ", „די אמתע קראַפט" און „די שחיטה". אויף גאָרדינס פּיעסן זיינען געווען גרויסע נאָכפראַגן און די פ. ב. האָט געמוזט די שטעט צופרידנשטעלן. אַרום און אַרום האָבן מיר געגעבן 58 פאָרשטעלונגען אין די פּראָווינץ־שטעט, ביי וועלכע מען האָט אויפגעפירט 16 פּיעסן.

נאָך אַ וויכטיקן אינצידענט וויל איך דאָ דערמאָנען, וואָס וועט אילוסטרירן די וויכטיקע ראָל וואָס די פאָלקס־בינע האָט דאַן געשפּילט, און ווי ווייט מען האָט זיך דאַן גערעכנט מיט איר.

נאָך איידער שוואַרץ האָט געעפנט זיין „קונסט־טעאַטער", איז דער „גאַרדן־טעאַטער", פאַר אים, אָנגעפירט געוואָרן פון ה. שניצער. עמאַנועל רייכער איז דאָרט געווען דער רעזשיסאָר. (סיי שניצער, סיי זיין פרוי הענריעטאַ, די שוישפּילערין פון גאַרדען טעאַטער, האָבן פריער באַלאַנגט אין „היברו דראַמאַטיק ליג"), שניצער האָט דאַן מיר געבראַכט דעם טעקסט פון אַנסקיס „דיבוק" און פאָרגעלייגט אַז די פאָלקס־בינע זאָל דאָס אויפפירן אין זיין טעאַטער אַלס אַן עקספּערימענט. ער האָט מיר ערקלערט: „מעגלעך אַז די פּיעסע וועט האָבן דערפאָלג. עס איז אָבער אַ פּיעסע מיט אַ גרויסן פּערסאָנאַל און צו ריזיקאַליש פאַר אַ פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער, ווען מ'איז אפילו ניט זיכער ווי די פּרעסע וועט זיך אָפּרופן וועגן אַ פּיעסע מיט אַזאַ לעגענדאַריש־מיסטישן אינהאַלט, זאָל די פאָלקס־בינע די זאַך אונטערנעמען. איך וועל אייך אַרויסהעלפן מיט מיין טעאַטער, דעקאָראַציעס און וואָס עס וועט נאָר מעגלעך זיין, און אויב עס זאָל זיך אַרויסווייזן דערפאָלגרייך, וועלן מיר דאַן די פּיעסע איבערנעמען". די פאָלקס־בינע האָט דעם פאָרשלאַג ניט אָנגענומען צוליב צוויי אורזאַכן: ערשטנס, איז מען דענסטמאָל שטאַרק געווען פאַרנומען מיט שטודירן צוויי פּיעסן פאַר „נעיבאָרהוד פּלעיהאַוז" און צווייטנס — און דאָס איז געווען די הויפּט סיבה: מיר האָבן ניט געוואָלט שטעלן קיין פּיעסע מיט אַזאַ טיף רעליגיעזן אינהאַלט, אפילו ניט אַלס עקספּערימענט.

8

אין יאָר 1925, הייבט זיך אָן פאַר דער פאָלקסבינע אַ נייע עפּאָכע. פון דעם יאָר אָן, באַקומט די פ. ב. פּראָפעסיאָנעלע רעזשיסאָרן. דער ערשטער אָנגעשטעלטער רעזשיסאָר איז געווען לעאָניד סניעגאָוו. ער שטודירט איין מיט דער פאָלקס־בינע אַ מיניאַטור־קאָמעדיע „שמעטערלינגען", פון זודערמאַן (איין אַקט). סניעגאָוו גרייט צו, צום 10טן יובילעאום, אַן אויפפירונג פון

„מיזערער״, אַ דראַמע אין 6 בילדער פון סעמיאָן יושקעוויטש. די פּיעסע ווערט אויפגעפירט דעם 25טן מאַרטש, 1925 אין יידישן „קונסט־טעאַטער״.

אין דעצעמבער 1925, ווערט אָנגעשטעלט אַלס רעזשיסאָר דער שריפט־שטעלער און טעאַטראַל מענדל עלקין, וועלכער פירט אויף „דער קלאָון״ פון א. קופּרין, און ה. לייוויקס דראַמע „באַנקראָט״.

אין 1927 ווערט אָנגעשטעלט אַלס רעזשיסאָר דער שוישפּילער פון דער „ווילנער טרופּע״, לייב קאַדיסאָן, וועלכער פירט אויף מיט דער פאָלקס־בינע „עולם הבא״ פון שלום עליכם, „שער און אייזן״, „יאַמע, יאַמע״, (סצענירטע פאָלקסלידער) און „דער מבול״ פון בערגער.

אין דעם יאָר 1928 ווערט דער שרייבער פון די שורות, איינגעלאַדן אַלס רעזשיסאָר. חוץ רעזשיסירן פּיעסן, אויך דורכצופירן די א. ר. שרייבער־אָונטן.

9

די „שרייבער־אָונטן״ זיינען צען יאָר צייט געווען אַ טייל פון דער גאַר וויכטיקער קולטור־אַרבעט וואָס דער בילדונגס־קאָמיטעט פון אַרבעטער רינג האָט דורכגעפירט. דער גאַנצער פּלאַן איז אַריינגעבראַכט געוואָרן פון דעמאָלטיקן וויצע־פּאַרזיצער פון בילדונגס־קאָמיטעט, דער יידישער שריפטשטעלער יעקב קרעפּליאַק ע״ה. קרעפּליאַקס וואונטש איז געווען, אַז דער אַרבעטער רינג זאָל באַקאַנט מאַכן די ווערק פון יידישע שריפטשטעלער און דיכטער פאַר די פאָלקס־מאַסן. „אויב זיי לייענען ווינציק ביכער דאַרף מען צו זיי כאָטש ברענגען דאָס יידישע וואָרט דורך דראַמע, געזאַנג, דעקלאַמאַציע, פאַר־לעזונג, און שפּיל״, — דער בילדונגס־קאָמיטעט האָט דעם פּלאַן אָנגענומען און באַשלאָסן יעדן ווינטער דורכצופירן אַ סעריע יידישע שרייבער אָונטן, און אויף די שוואַכע פּלייצעס פון דער פ. ב. איז געפאַלן דער גורל דורכצופירן דעם דראַמאַטישן טייל פוו די אָונטן.

דעם ערשטן ווינטער זיינען דורכגעפירט געוואָרן זיבן שרייבער־אָונטן: פון די שרייבער: מענדעלע מוכר ספרים, פּרץ, שלום עליכם, אַש, רייזען, פּינסקי און לייוויק, — די פאָלקסבינע האָט אויפגעפירט איין, אָדער צוויי אַקטן. עס זיינען געשפּילט געוואָרן: „פישקע דער קרומער״, „ס׳ברענט״, „נאָך קבורה״, „מענטשן״, „מיטן שטראָם״, „אין אַ קאַבאַרעט״, „דעם שדכנס טאָכטער״, „קאָלעגן״, „מאַרטאַ״, „דאָס מיידל ביים ארון־קודש״, און „גליקס־פאַרגעסענע״. די ערשטע סעריע אָונטן זיינען געווען אַ דערפאָלג. די „רענד סקול״ אָדיטאָריום, וואו די אָונטן זיינען געגעבן געוואָרן, איז תמיד געווען געפּאַקט. דער עולם איז געווען צופרידן. די שרייבער אָונטן זיינען צען יאָר צייט געבליבן אַן אינסטיטוציע אין אַרבעטער רינג.

אין יאָר 1929, ווערט אָנגעשטעלט אַלס רעזשיסאָר דער שוישפּילער פון דער „הבימה״, בענא שניידער, וואָס האָט זיך שפּעטער געשאַפן אַ רעפּוטאַציע פאַר אַ זייער גוטן רעזשיסאָר. די פאָלקס־בינע איז געווען די ערשטע דראַ־

מאַטישע אינסטיטוציע אין אַמעריקע וואו בענא שניידער האָט געקראָגן אַ מעגלעכקייט אַרויסצואווייזן זיין טאַלאַנט. שניידער האָט אַריינגעטראָגן עפּעס נייעס. דאָס איז געווען דער נוסח פון דער סטאַניסלאַווסקי־וואַכטאַנגאָוו שול פון מאָסקווער קונסט־טעאַטער, און „הבימה", מיט וועלכער וואַכטאַנגאָוו האָט אָנגעפירט. שניידער פירט אויף עטלעכע איינאַקטערס און אינסצענירונגען פאַר די שרייבער־אָוונטן: „דער לעצטער נאַבאָר", פון מאָריס ווינטשעווסקי; „רבי עקיבא" פון אברהם ליעסין; „די משפחה" פון נאָמבערג (איין אַקט); „עלילת דם" פון דוד איינהאָרן; „איינזאַמע וועלטן" פון פרץ הירשביין; און „אין שאָפּ" פון מאָריס ראָזענפעלד. קיין גרויסע פּיעסע האָט בענא שניידער מיט דער פאָלקסבינע ניט אויפגעפירט, ווייל אין מיטן סעזאָן פון 1930 ווערט ער דער רעזשיסאָר פון „אַרטעף". אַ שאָד, וואָס אָט דער פיינער רעזשיסאָר איז ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן אין האָליוואוד, און אינגאַנצן אַוועק פון יידישן טעאַטער.

פון יאָר 1931 ביז 1933, ווערט אויפסניי אָנגעשטעלט אַלס רעזשיסאָר דער שוישפּילער לייב קאַדיסאָן, וועלכער פירט דורך די ווייטערדיקע שרייבער־אָוונטן. עס ווערט געשטעלט: „פּאַרטאַג" פון א. ווייטער; „די וואַנט" פון ז. סעגאַלאָוויטש; „שונאים" פון לעאָן קאָברין; „פּאָטער און זון" פון אַנסקי; „הינטער קוליסן" פון דזשין ראָוז; „דעם טאַטנס טאָכטער" פון ז. לעווין; „דער פאַרברעכער" פון אפּטאָן סינקלער; „אליהו הנביא" פון פרץ הירשביין; „אין אָפּגרונט" (איין אַקט) פון מאַקסים גאָרקי; „אַ שפּיל אין ליבע" פון אַרטור שניצלער; „וואַלטעטער פון דער איסט סאַיד", פון יעקב גאָרדין; „די האַריקע מאַלפּע" פון יודזשין אָניל; „ענן וויקערס" פון סינקלער לואיס; „שמוינעוועקער געשטאַלטן" פון ש. פרוג; „פון צער און צאָרן", פון ביאַליק; און „אין אַ טיי־הויז" פון י. אָפּאַטאָשו. אין דער זעלבער צייט פירט קאַדיסאָן אויך אויף „פּונקט פאַרקערט" פון ה. גאָטעספעלד און „שווער צו זיין אַ ייד" פון שלום עליכם. ביידע פּיעסן האָבן שטאַרק אויסגענומען ביים עולם און זיינען עטלעכע מאָל געשפּילט געוואָרן אין ניו־יאָרק און אויף דער פּראָווינץ. די פּרעסע האָט די פאָרשטעלונגען שטאַרק געלויבט.

אין 1933 ווערט אָנגעשטעלט אַלס רעזשיסאָר פאַר דער פ. ב. דער גרינדער און שוישפּילער פון דער „הבימה" נחום צמח. וועמענס נאָמען עס איז שוין אין אַמעריקע געווען באַקאַנט אַלס באַגאַבטער שוישפּילער אין די „הבימה" פאָרשטעלונגען. נחום צמח פירט אויף „העלדישע יאָרן" (הירש לעקערט) פון ה. לייוויק, דעם 28טן דעצעמבער, 1933, אין ניו־יאָרקער סעקאָנד עווענ‍יו טעאַטער. די פּיעסע, „די העלדישע יאָרן", האָט שפּעטער געהאַט אַ צווייטע אויפפירונג, פון אַ צווייטן רעזשיסאָר (דוד הערמאַן ע"ה).

וועגן דער ערשטער אויפפירונג שרייבט ד"ר מוקדוני אין „מאָרגען זשורנאַל" אַ וויכטיקע אָפּהאַנדלונג פון וועלכע איך ציטיר בלויז אַ פּאָר פּאַראַגראַפן:

„צוועלף יידישע טעאַטערס האָבן מיר אין אַמעריקע. צענדליקער פּיעסן אַ

רעזשיסאָרן פון
דער פאָלקסבינע
פון 1915 ביז 1940

דוד הערמאן

בענאָ שניידער

יעקב פישמאן

מיכאַיל ראַזומני

לעאָניד סניעגאָוו

לייב קאַדיסאָן

מענדל עלקין

נחום צמח

יאָר דאַרפן זיי אויפפרעסן. און קיין איין רעכטע איז ניטאָ, שרייען די טעאַטערס. די טעאַטערס גוססן, שטאַרבן פון פיעסן־הונגער, די טעאַטערס האָבן ניט קיין וואָרט פאַר זייערע פאַרשמאַכטע מיילער, די טעאַטערס האָבן ניט קיין שורה פאַר די טרוקענע העלזער. עס שטאַרבן טעאַטערס פון פיעסן־נויט. עס גייען אונטער טעאַטערס פון פיעסן־הונגער. און דאָ ליגט אין אַ בוך, שוין אַ פּאָר יאָר — אַ גרויסע יידישע דראַמע, אַן אמתע, אַן עכטע און מאָדערנע יידישע דראַמע, און קיינער האָט זי גאָרניט באַמערקט.

„עס איז אַ גרויסע יידישע דראַמע מיט אַן אמתן יידישן העלד, מיט אַ יידישן העלד פון פאָלק. עס איז אַ יידישע דראַמע פון יידישן העראָאיזם. און עס איז דאָך דאָ אַזוי ווייניק העראָאישקייט אין אונדזער לעבן. עס איז אַ דראַמע פון עכטע יידישע כאַראַקטערן, און קיינער האָט זיך גאָרניט אַרומגעקוקט.

„ביז עס איז געקומען נחום צמח, דער מענטש, וואָס זוכט, נישטערט און האָט אויפן קאָפּ יעדע גוטע יידישע דראַמע, און האָט „אַנטדעקט" אין אַ פאַרגעסענעם ביכעלע אַ גרויסע יידישע דראַמע.

„און ביז ס'זיינען געקומען באַשיידענע, יידישע פאָלקס־מענטשן, יידישע אַרבעטער, און האָבן זיך גענומען איינשפּילן די גרויסע יידישע דראַמע.

„איך האָב געזען די פאָלקסבינע עטלעכע מאָל, און דאָס וואָס איך האָב געזען איז „הירש לעקערט" איז אַן איבערראַשונג"...

אין 1934 קומט קיין ניו־יאָרק דער רעזשיסאָר דוד הערמאַן, ע"ה.

אין אַמעריקע האָט אים אַראָפּגעבראַכט די שוישפּילערין דזשעני גאָלד־שטיין אויפצופירן חיים ליבערמאַנס „דער נדר", און אין דעם זעלבן יאָר ווערט דוד הערמאַן דער רעזשיסאָר פון דער „פאָלקס־בינע".

ער טרעט צו צו שטודירן מיט דער פאָלקס־בינע י. ל. פּרצס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק", דאָס איז אַ זייער שווערע פּיעסע. מען האָט די פּיעסע זעקס חדשים צייט שטודירט און דערנאָך אויפגעפירט אין אַדיטאָריום פון וואַשינגטאָן אירווינג היי־סקול. די אויפפירונג איז געווען אַן ענטוישונג צוליב טעכנישע אורזאַכן. די בינע דאָרט איז ניט געווען צוגעפּאַסט צו אַ ספּעקטאַקל־פאַרשטעלונג, נאָך ווייניקער דער ריזיקער אַדיטאָריום. „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" איז אָבער געשפּילט געוואָרן אַ צווייטן מאָל אין אַ טעאַטער, און דאַן האָט עס שוין געהאַט אַן אַנדער פּנים. אַ פּראַכטפולע און גלענצנדע פאַרשטעלונג, וואָס האָט אַרויסגערופן לויב ביי אַלעמען.

דוד הערמאַן פירט אויך אויף פאַר די שרייבער־אָונטן יעקב פּרעגערס „נסיון"; „דאָס לעבן גייט ווייטער" פון טעאָדאָר דראַיזער; „דער טויבער" פון דוד בערגעלסאָן; „די ברידער האַפּערמאַן" פון לעאָן פויכטוואַנגער; „דער שוואַרצער געלעכטער" פון שערוואוד אַנדערסאָן. אויך גיט דוד הערמאַן אַ נייע אויפפירונג פון ה. לייוויקס „העלדישע יאָרן". („הירש לעקערט").

וועגן דער צווייטער אויפפירונג פון „העלדישע יאָרן" שרייבט אַב. קאַהאַן, ע"ה אַ לאַנגן אַרטיקל. איך ציטיר בלויז אַ קיצור דערפון:

„איך האָב בייגעוואוינט די פֿאָרשטעלונג אין דעם סעקאַנד עוועניו טעאַטער און פֿון אָנהויב ביז צום סוף בין איך געווען אַזוי ווי אין פיבער פֿון דראַמאַטישן אינטערעס. אין דעם פֿאַל זיינען די פֿאַר ווערטער אפשר צו איינזייטיק, וואָרעם דער דראַמאַטישער אינטערעס איז דאָ געווען געמישט מיט אַ געפיל פֿון הייליגטום.

די פיעסע ווערט געשפּילט פֿון דער יידישער פֿאָלקסבינע. און ווען מען נעמט אַלץ אין באַטראַכט, קען מען אַנדערש ווי קאָמפּלימענטן וועגן דער פֿאָרשטעלונג ניט זאָגן...״

אויך וויליאַם עדלין, ע״ה אין „טאָג״, געפינט אַ סך גוטס אין ה. לייוויקס פיעסע:

„אַ פיעסע וואָס איז אַנדערש פֿון די מערסטע פיעסן, וועלכע מען פירט אויף געוויינלעך אין אונדזער יידישן טעאַטער, איז ה. לייוויקס דראַמע וועגן דער מאַרטירערטום פֿון הירש לעקערט, אונטערן נאָמען „העלדישע יאָרן״. דאָס איז אַ סאָציאַלע דראַמע, וואָס אָטעמט מיטן גייסט פֿון רעוואָלוציע, און שפּיגלט אָפּ אַ ווינקל פֿון קאַמף מצד יידישע האַרעפּאַשניקעס אין ווילנע קעגן דעם צאַרישן רעזשים אין אָנהויב פֿון הײנטיקן יאָרהונדערט.

ס׳איז צו באַדויערן, וואָס „העלדישע יאָרן״ האָט ניט געפֿונען קיין אָרט ביי איינעם פֿון די שטענדיקע יידישע טעאַטערס פֿון ניו־יאָרק, אין מיטן ברען פֿון סעזאָן, ווייל דאַן וואָלטן פיל מער מענטשן געהאַט אַ געלעגנהייט צו זען די פיעסע. איך ווייס ניט צי די פיעסע וואָלט פיל בעסער געשפּילט געוואָרן, ווייל די מיטגלידער פֿון דער פרייער יידישער פֿאָלקס־בינע צייכענען זיך אויס אין די פֿאַרשיידענע ראָלן, אָבער אַ בעסערע אויסשטאַטונג וואָלט זי מסתמא יאָ געהאַט און עס וואָלט מיט איר מער געקלונגען אין די טעאַטער קרייזן.

ביי דער פֿאָרשטעלונג האָט מען גאָר ניט געדאַרפט אין זינען האָבן, אַז דאָס שפּילן אַמאַטאָרן, וועלכע זיינען אין לעבן ניט מער ווי אַרבעטער. זייער שפּילן איז געווען נאַטירלעך און איבערצייגנדיק״.

10

אין 1935 הויבט די פֿאָלקס־בינע אָן אַ באַוועגונג פֿאַר אַ יידישן פֿאָלקס־טעאַטער. אַ טעאַטער, וואָס זאָל אויפגעהאַלטן און אַנגעפירט ווערן פֿון געזעל־שאַפטלעכע, קולטורעלע און אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס. אַ טעאַטער, וואָס זאָל ניט זיין אָפּהענגיק פֿון קיין יחידים, פֿון די קאַפּריזן אָדער שטימונגען פֿון איינצלנע מענטשן, נאָר זאָל אַוועקגעשטעלט ווערן אויף אַ יסוד פֿון אַ פֿאָלקס־אונטערנעמונג, וועמעס אויפגאַבע זאָל זיין אַ ריין קולטורעלע. עס איז אָנגעוויזן געוואָרן אַז אַזאַ טעאַטער וועט זיכער האָבן דעפיציטן, אָבער אַזעלכע דעפיציטן קענען גאַנץ גרינג געדעקט ווערן פֿון אַ גרויסע צאָל אָרגאַניזאַציעס וועלכע זאָלן דורך אַ יערלעכער סובסידיע העלפֿן אויפהאַלטן אַזאַ טעאַטער. עס זיינען גערופֿן געוואָרן עטלעכע קאָנפערענצן וועגן דעם — צוערשט פֿון

יחידים, וואָס האָבן אַ באַציאונג צו אַזאַ אויפגאַבע; דערנאָך — אַן אַלגעמיינע גרויסע קאָנפערענץ ביי וועלכער עס זיינען געווען פאָרטראָטן אַ גרויסע צאָל דעלעגאַטן פון אַרבעטער ריגג ברענטשעס, פון סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד, פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, פון טרעיד־יוניאָנס און קולטור אָרגאַניזאַציעס. ביי יענער קאָנפערענץ זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן פּלענער און עס איז דערוויילט געוואָרן אַן אַדמיניסטראַטיווער קאָמיטעט.

דער ערשטער פּלאַן איז געווען צו זאַמלען אַ גרויסן פאָנד מיט וועלכן מען זאָל קענען צוטרעטן צו דער אַרבעט פון שאַפן אַ געזעלשאַפטלעכן טעאַטער. יעדער איינער איז געווען באַגייסטערט פאַר דעם פּלאַן און מער פון אַלעמען דער פּאָרזיצער פון קאָמיטעט יוסף וויינבערג ע״ה. וויינבערג האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט מיט זיין גאַנצער ענערגיע און ענטוזיאַזם. ער האָט מיט זיין פייערדיקער באַגייסטערונג אָנגעשטעקט אַלע מיטגלידער פון קאָמיטעט. ער האָט אַלעמען גערופן צו אַרבעטן און טאַקע אַליין געווען דער ערשטער די אַרבעט צו טאָן. ער האָט זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּגעשטעלט, קיין אַרבעט איז פאַר אים ניט געווען צו־שווער אָדער אונטער זיין ווירדע. ער איז אַליין געגאַנגען און געקלאַפּט אין די טירן פון די יוניאָנס, זיך געטראָפן מיט די הויפּט־באַאַמטע פון די פאַרשיידענע אינטערנעשאָנאַל יוניאָנס, געזוכט זיי אַריינצוציען אין דער אַרבעט, און באַוועגן זיי צו באַשטימען ביישטייערונגען פאַר דעם פאָנד. וויינבערג האָט זיך געזען מיט שריפטשטעלער, טעאַטער־מענטשן, קולטור־טוער און זיי איינגעלאַדן אין טעאַטער קאָמיטעט וועמעס אויפגאַבע עס האָט געדאַרפט זיין אויסצואַרבעטן אַ פּראָגראַם, אָדער בעסער געזאָגט, אַ פּלאַן ווי אַזוי דער פאָלקס־טעאַטער זאָל רבעטן.

אַ גאָר שטאַרקן אימפּעט צו דער אַרבעט האָט צוגעגעבן לואיס מאַן, דער סעקרעטאַר פון קאָמיטעט. מאַן האָט פּשוט ניט גערוט. ער האָט אַ שטיין אויף אַ שטיין ניט געלאָזן, און ער האָט עס געמאַכט פאַר זיין לעבנס־אויפגאַבע צו זען דערפירן די אונטערנעמונג צו אַ דערפאָלג. אָבער צו אַלעמענס גרויסער אַנטוישונג איז פון דעם פּלאַן גאָר נישט געוואָרן.

פאַרוואָס, — איז עד היום ניט קלאָר. דאָ איז דאָך שוין ניט געווען פאַראינטערעסירט בלויז די פאָלקס־בינע אַליין. פאַרקערט, די פאָלקס־בינע האָט דאָ געשפּילט אַ קלענערע ראָל. די הויפּט־ראָל האָבן דאָ געשפּילט וויכטיקע, געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס. דאָ האָט זיך בשום אופן ניט געהאַנדלט פון שאַפן אַ טעאַטער פאַר דער פאָלקס־בינע שוישפּילער. עס איז פון אַלעמען אונטערשטראָכן געוואָרן, אַז אַזאַ טעאַטער וועט מוזן זיין באַזירט אויף וויכטיקע פּראָפעסיאָנעלע שוישפּילער און וועט קענען עקזיסטירן בלויז מיט דער מיטהילף פון דער יידישער אַקטיאָרן יוניאָן.

מיר דוכט, אַז פון ערגעץ אַ ווינקל האָט מען געגנומען די אַרבעט סאַבאָטאַזשירן, דאָ און דאָרט האָט מען געמורמלט, אַז די יוניאָנס זאָלן זיך אָפּגעבן מיט זייערע פאַכן און ניט מישן זיך אין זאַכן וואָס האָבן מיט זיין קיין שייכות ניט. מען האָט אויך באַהויפּטעט, אַז אַ געזעלשאַפטלעכער טעאַטער וועט מוזן

ווערן אַ קאָנקורענץ צו די אַנדערע טעאַטערס, וואָס ציען זייער הויפּט חיונה פון פּאַרקויפטע בענעפיטן. און כדי דער געזעלשאַפטלעכער טעאַטער זאָל קענען עקזיסטירן, וועלן אַלע אָנגעשלאָסענע אָרגאַניזאַציעס מוזן נעמען דאָרטן זייערע בענעפיטן. צוליב דעם, און אַנדערע אורזאַכן איז דער קאָמיטעט אויפגעלייזט געוואָרן. די פאַרטרעטער צום קאָמיטעט האָבן גענומען ווערן דיפּלאָמאַטיש קראַנק... די זיצונגען — וואָס קלענער, די האָפענונגען אויף דערפאָלג, — שוואַכער. אַ שיינער חלום איז שטילערהייט צורונען געוואָרן...

11

אין יאָר 1936 ווערט אָנגעשטעלט אַלס רעזשיסאָר דער שוישפּילער מיכאַיל ראַזומני. ראַזומני איז געקומען אין אַמעריקע מיט דער טרופּע פון מאָסקווער קונסט־טעאַטער אונטער דער אָנפירונג פון מ. טשעכאָוו. ראַזומני (אַ זון פון באַרימטן אַדעסער חזן, ראַזומני) האָט אויך געהאַט אָנגעפירט מיט אַ טעאַטער אין בערלין און איינגעזאַפּט אין זיך סיי די מאָסקווער סיי די בערלינער טעאַטער־קולטור. ראַזומני האָט אויפגעפירט מיט דער פאָלקס־בינע לעאָ ראַבינס סאָציאַלע דראַמע „פּראָווינץ", דעם 4טן און 5טן אַפּריל, אין פאָלקס־טעאַטער, און די פּיעסע איז אויך געשפּילט געוואָרן אין ברידזשפּאָרט, קאָנ. און איך וויל דאָ ציטירן בלויז אייניקע פּאַראַגראַפן, וואָס הלל ראָגאָף האָט געשריבן אין „פאָרווערטס" פון 10טן אַפּריל, 1936:

„מיט דער פּיעסע „פּראָווינץ" האָט לעאָ ראַבינס אונטערנומען צו געבן אַ דראַמאַטישע פאַרשטעלונג פון דעם שווערסטן פּראָבלעם וואָס שטייט איצט פאַר די יידישע יוניאָנס — דער פּראָבלעם וועגן די שעפּער, וואָס אַנטלויפן אין די קאָנטרי שטעטלעך.

„די דראַמע צייכנט זיך אויס מיט אָריגינאַליטעט. ראַבינס האָט פאַר אונדז אויפגעדעקט אַ נייעם קוואַל פון דראַמאַטישן מאַטעריאַל. די טעמע איז אַ נייע, די פּערזאָנען זיינען נייע און די סיטואַציעס זיינען נייע. שוין דערפאַר אַליין פאַרדינט ראַבינס דעם גרעסטן קאָמפּלימענט.

„די פּיעסע איז געשטעלט פון דער „פאָלקסבינע", די טעאַטער גרופּע פון דעם אַרבעטער רינג. די שוישפּילער, וואָס באַטייליקן זיך, זיינען ניט קיין פּראָפעשאָנאַלס. אויב דאָס האָט זיך ניט געשפּירט אין דער אויפפירונג, קומט דערפאַר אַ דאַנק הויפּטזעכלעך דעם רעזשיסאָר, מיכאַיל ראַזומני. אים איז געלונגען צו מאַכן, אַז די אַמאַטאָרן זאָלן שפּילן אַזוי ווי אַלטע, געניטע אַקטיאָרן.

„מיס סאָניאַ בירמאַן האָט דורכגעפירט די שווערע ראָלע פון מאַדאַם בראַון זייער גוט. איר האַלטונג און איר שפּילן איז ווי פון אַן אַקטריסע, וואָס קען די בינע גוט און וואָס פאַרשטייט די ראָלע וואָס זי שפּילט. אַ גרויסן קאָמפּלימענט פאַרדינט אויך ה. זיינער פאַר זיין שפּילן ד"ר בראַון.

„אויסגעצייכנט איז געווען ליליען בלום אין דער ראָלע פון ד"ר בראַונס טאָכטער. אַזאַ אויפריכטיקייט, אַזאַ אינטעליגענץ אין שפּילן ווי מיס בלום צייגט אַרויס, באַגעגנט מען ניט אָפט אויף דער רעגולער בינע.

„פרידאַ הימעלשטיין און חנא פריישטיין זיינען גוטע דזשואוועניילס; זיי זיינען ביידע מיט יוגענטלעכן טעמפעראַמענט און חן.

„אינטעליגענט פירן אויך דורך זייערע ראָלן משה דערעווענסקי אַלס דער גראָסירעמאַן און יהושע זעלדיס אַלס זיין זון און מיכאל פרעדמעסט.

„עס באַטייליקן זיך אויך די פאָלגנדע שוישפּילער: יעקב ראָזענבלום, אַנאַ בעק, סעם ראָזען, שרה סטייבין, אייב בעקער, מאַרק גולקיס, מרדכי שטראַל, מאָריס אַדלער, רובין אַרנאָ, מאַקס פּאָלאַק, לואיס בעק, מענדל באלסקי, מיכאַיל ניידיטש, מאַקס מאַלינאָווסקי, סידני זיידנער און אהרן האַלץ".

„פּראָווינץ" פון לעאָ ראָבינס

מ. פרעדמעסט, יעקב ראָזענבלום, אַנאַ בעק
מ. דערווין, שרה סטעיבין, ס. ראָזען

*
**

ראָזומני פירט אויך דאַן דורך די שרייבער־אָוונטן פאַר דעם ווינטער, אין וועלכע עס גייען אַריין: „ציגיינער" פון פּושקין; „אין די שטורעמדיקע טעג" פון י. י. זינגער; „אַ יידישע טאָכטער" פון דוד איינהאָרן; „קענטאַקי" פון י. י. שוואַרץ, אין אַשעראָוויטשעס באַאַרבעטונג.

אין 1937 ווערט אָנגעשטעלט אַלס רעזשיסאָר יעקב שיגאַרין, וועלכער פירט אויף טונקעלערס קאָמעדיע „קאָמעדיאַנטן". דאָס איז געווען ניט קיין געלונגענע פאָרשטעלונג. די קאָמעדיע איז ניט געווען פון די פּיעסן וואָס מען איז געוואוינט געווען צו זען ביי אַ פאָלקס־בינע אויפפירונג. כאָטש סיי

דער רעזשיסאָר, סיי די שוישפּילער האָבן געטאָן אַלץ וואָס אין ווייערע כּוחות עפּעס אַרויסצוקריגן פון די „קאָמעדיאַנטן”, ס׳האָט זיך אָבער ניט געלאָזט. „קאָמעדיאַנטן” זיינען געשפּילט געוואָרן דריי מאָל, אין נארא בעיס טעאַטער, אויף בראָדוועי, 13טן, 14טן און 15טן מערץ, 1938.

פאַרן יאָר 1938 ווערט איינגעלאַדן דער שריפטשטעלער און רעזשיסאָר מענדל עלקין. זיין אויפגאַבע איז דאָס מאָל צו אָרגאַניזירן אַ דראַמאַטישע סטודיאָ ביי דער פאָלקס־בינע, וואו יונגעלייט זאָלן באַקומען אַ גרינטלעכע טעאַטער בילדונג. עלקין נעמט זיך ענערגיש צו דער אַרבעט פון אָרגאַניזירן די סטודיאָ. ער אַרבעט אויס אַ פּראָגראַם פון די למודים אויף צוויי יאָר, און מערקט אָן די פּעדאַגאָגן וואָס וועלן לערנען די שילער די פאַרשיידענע קעגנשטאַנדן. דער אָפּרוף פון שילער איז זייער אַ קליינער. דאָך ווערט די סטודיאָ אָנגעהאַלטן אַ געוויסער צייט מיט די לעקטאָרס: מ. עלקין, יעקב מעסטעל, מ. אָשעראָוויטש, יעקב פישמאַן און דזשוליאָ לעווין. מ. עלקין פירט פאַר דער צייט אויף מיט דער פאָלקס־בינע א. ליעסינס „לוי יצחק בערדי־טשעווער”, באַאַרבעט פון מ. אָשעראָוויטש; „פּראָסט בלומען” פון פּרץ הירשביין; „קאַנטאָניסטן” פון ש. גינזבורג; „שיינע בעלי־בתּים” פון שלום עליכם, און אין מאַי 1939 ווערט אין מאַסטער אינסטיטוט אויפגעפירט „די קרעטשמע”, אַ דראַמע פון מ. גיציס און „פּראָסט בלומען” פון פּרץ הירשביין, (רעזשי: יעקב פישמאַן).

12

אין סעפּטעמבער 1939, נעמט די פאָלקס־בינע זיך גרייטן צו איר פינף־און־צוואַנציקסטן יובילײ־פייערונג. עס ווערט דערוויילט אַ יובילײ קאָמיטעט מיט לואיס בעק ע״ה אַלס פאָרזיצער, וועמענס אויפגאַבע עס איז איינצואָרדנען אַ שיינע און אימפּאָזאַנטע פייערונג, אַ באַנקעט, אַ פאָרשטעלונג, און אויך דאָס אַרויסגעבן אַ בוך — „25 יאָר פאָלקסבינע”.

די שווערסטע זאַך איז דאָס מאָל געווען דורכצופירן אַ יובילײ־פאָרשטע־לונג. דעם יובל־בוך האָט מען איבערגעגעבן צו אַ רעדאַקציע־קאָלעגיום פון: י. פישמאַן, ב. לעווין און ב. סטאַבינאָוויץ, וואָס האָבן אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן וועגן צוזאַמענשטעל און אינהאַלט פון בוך און דעם פּלאַן זען פאַרווירקלעכן. די איינאָרדנונג פון באַנקעט איז איבערגעגעבן געוואָרן צו אַ קלענערער קאָמיסיע, אויף וועלכער מ׳האָט זיך געקענט פאַרלאָזן. די הויפּט־שוועריקייט אָבער איז באַשטאַנען וועגן דער יובילײ־פאָרשטעלונג. כאָטש דורכפירן אַ פאָרשטעלונג איז פאַר דער פאָלקסבינע ניט קיין נייעס און זי האָט געוואוסט ווי אַזוי צוצוטרעטן דערצו. אַלע האָבן געפילט, אַז דאָס מוז זיין אַ יום־טוב פאָר־שטעלונג. אַ פאָרשטעלונג מיט אַ גרויסן פאָרנעם און עס דאַרפן זיך באַטייליקן אַ גאַר גרויסע צאָל שוישפּילער פון דער פאָלקס־בינע. מ׳האָט געפילט אַז ביי דעם יום־טוב טאָר קיינער ניט אויסבלייבן. היינט גיי געפין אַ פּיעסע פאַר עטלעכע־און־דרייסיק־שוישפּילער.

די פאָלקס־בינע ווענדעט זיך צום שרייבער פון דעם אַרטיקל, מיט דער איינלאַדונג אָנצונעמען אַלס רעזשיסאָר פון דער יובילײַ־פאָרשטעלונג. ל. מאַן, פאָרזיצער, פון דער עקזעקוטיווע, זאָגט צו מיר: „איר, פריינד פישמאַן, זענט געווען דער באַשאַפער פון אונדזער אָרגאַניזאַציע, איר זענט געשטאַנען מיט דער פאָלקס־בינע אין אירע פריידיקע און אויך אין די אומעטיקע יאָרן; איר האָט דורכגעפירט די פאָלקס־בינע דורך אַלע שטורעמס. מיר פילן, אַז איר דאַרפט דורכפירן מיט אונדז צוזאַמען אונדזער יום־טוב פאָרשטעלונג. אָן אייך, וואָלט דער יום־טוב ניט געווען פאַרפולט״. נו, האָב איך אָנגענומען דורכצופירן די יובל־פאָרשטעלונג.

מיר האָבן גענומען זוכן אַ פיעסע. זיך געווענדט צו עטלעכע פון אונדזערע אָנגעזעענע שריפטשטעלער וועגן דעם, און מיר האָבן געקראָגן עטלעכע פיעסן און זיי גענומען לייענען.

דאָ איז וויכטיק איבערצוגעבן ווי אַזוי די פאָלקס־בינע נעמט אויף אַ פיעסע. יעדע פיעסע גייט דורך דריי מדרגות איידער זי ווערט אָנגענומען. דער ערשטער לייענט די פיעסע דער רעזשיסאָר פאַר זיך אַליין. די צווייטע לעזונג קומט פאָר פאַר דער עקזקוטיווע — און ווען די עקזעקוטיווע איז מיט דער מיינונג אַז די פיעסע איז פון אַ ליטעראַרישן ווערט — דאַן ווערט די פיעסע געלייענט ביי אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פאַר די מיטגלידער פון דער פאָלקסבינע. נאָך דער דריטער פאָרלעזונג גיט דער רעזשיסאָר אַן איינלייטונג וועגן דער פיעסע, וועגן דער אידייע וואָס דער מחבר האָט געוואָלט אַרויסברענגען, וועגן איר קאָנסטרוקציע, כאַראַקטערן, טיפּן, ליטעראַרישן ווערט, און וועגן דער מעגלעכקייט זי אויפצופירן. דערנאָך קומט אַן אַלגעמיינע דיסקוסיע — אַ צוגלידערונג וועגן דעם ווערק.

האָט די פיעסע אַ ליטעראַרישן ווערט?

איז די פיעסע פּאַסיק פאַר דער פאָלקס־בינע?

איך דערצייל דאָס, כדי מ׳זאָל וויסן מיט וואָס פאַר אַן ערנסט די פאָלקס־בינע באַציט זיך איידער זי נעמט אָן אַ פיעסע צו שפּילן.

מיר האָבן באַשלאָסן, אַז אונדזער יובילעאום־פאָרשטעלונג זאָל באַשטיין פון אַ סעריע געטאָ־בילדער. אין דער יידישער ליטעראַטור זיינען פאַראַן גאַנצע „אוצרות״ פון געטאָ־טראַגעדיעס, דערציילונגען, לידער, און דראַמעס געשריבן אין פאַרשיידענע צייטן. מיר האָבן צוזאַמענגעקליבן אַזאַ גרויסן מאַטעריאַל, אַז עס וואָלטן געקאָנט גענעבן ווערן צוואַנציק אויפפירונגען — ניט איינע. מיר האָבן פון דעם גאַנצן מאַטעריאַל אויסגעקליבן פינף זאַכן פון די שריפטשטעלער: הירש בריל, דוד איינהאָרן, אברהם גאָלדפאַדן, ישראל זאַנגוויל און אברהם ליעסין. דעם גאַנצן מאַטעריאַל דראַמאַטיזירט, און וואו עס איז געווען נויטיק באַאַרבעט, פאַרבונדן די פּאַסירונגען מיט אַ פּראָלאָג און עפּילאָג. צוגעגעבן צוויי סימבאָלישע געשטאַלטן: „אַזראַ״ — דער אייביקער ייד״ און „די פרעמדע־מאַריאַ״, — „דער געוויסן פון דער וועלט״, וועלכע גייען דורך דורך אַלע עפּאָכן — פון 12טן יאָרהונדערט אָן, ביזן היינ־

טיקן טאָג. עס האָט זיך באַקומען אַ יידיש־נאַציאָנאַלע דראַמע, אונטערן נאָמען: „אייביקע מאַרטירער".

פון די 42 פיעסן וואָס די פאָלקס־בינע האָט אויפגעפירט פאַר די 25 יאָר איז די אויפפירונג פון די „אייביקע מאַרטירער" געווען די שווערסטע.

אַלע האָבן אָבער איינגעזען אַז נאָר „די אייביקע מאַרטירער" איז די פאַסיקסטע זאַך צו שטעלן. אַלע האָבן געפילט, אַז דעמאָלט אַרויסקומען מיט סתם אַ פאַמיליען־דראַמע, אָדער אַ קאָמעדיע, וואָס שפּיגלט אָפּ אַ קליין ווינקעלע פונעם לעבן פון יחידים — ווי ליטעראַריש און פיין אַזאַ פיעסע זאָל ניט זיין, איז ניט געווען די צייט זי אויפצופירן. מעגלעך אפשר פאַרן פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער, — וואָס מוז זיך זאָרגן וועגן פרנסה, און דאַרף זיך צופּאַסן צום „ווֹרכשניטלעכן עולם — פאַר אונדז אָבער ניט. איצט ווען אונדזער פאָלק גייט אָפּ אין אייגענעם בלוט, ווען עס שפּילן זיך ווידער אָפּ די בלוטיקע אכזריותן און רדיפות פון מיטל־אַלטער, דאַרפן מיר מיט אונדזער פאָרשטעלונג געבן אַן אויסדרוק צו די איבערלעבונגען און געפילן פון מיליאָנען יידן איבער דער וועלט. און מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן אויפצופירן אַ פיעסע וואָס איז קיין פיעסע ניט... פייערן אונדזער יום־טוב דורך טרויער און ניט דורך פרייד — ווייל טעאַטער דאַרף אָפּשפּיגלען די ליידן און פריידן ניט נאָר פונעם יחיד, נאָר אויך פונעם כלל — די טראַגעדיע פון אונדזער פאָלק, וואָס ווערט געפייניקט שוין טויזנטער יאָרן, און וואָס לעבט דורך גייסטיקע און פיזישע אינקוויזיציעס אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט פונקט ווי אין די גאָר, גאָר אַלטע צייטן.

איך וויל דאָ זאָגן, אַז יעדער פון די צוויי־און־דרייסיק שוישפּילער וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין „אייביקע מאַרטירער" האָט עס געטאָן מיט אַזאַ ערנסט און קינסטלערישער פאַראַנטוואָרטלעכקייט ווי אַ פרומער ייד גרייט זיך ערב יום כפור צו „כל נדרי". אַ סך האָבן געמוזט פאַרנאַכלעסיקן זייערע געשעפטן און אַרבעט און אָפּגעבן זייער גאַנצע צייט און געדאַנק צו זייער ביישטייער פון „אייביקע מאַרטירער" און זייער אַרבעט איז ניט געווען אומזיסט. די אָנשטרענגונג ניט געגאַנגען אין ניוועץ. דאָס איז געווען ניט נאָר די העכסטע קינסטלערישע דערגרייכונג פון דער פאָלקס־בינע, נאָר צום הונדערטסטן מאָל איז באַשטעטיקט געוואָרן אַז די שוישפּילער פון דער פאָלקס־בינע זיינען באַרעכטיקט צו אַ פּלאַץ ביי דער מזרח־וואַנט פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע. עדות דערויף זיינען די עטלעכע הונדערט מענטשן וואָס האָבן געזען די פאָרשטעלונג, און דער זייער גוטער אָפּרוף אין דער יידישער און ניט־יידישער פּרעסע.

איך ציטיר דאָ בלויז אַ פּאָר שורות פון אַ גרויסן אַרטיקל וואָס עס האָט געשריבן וועגן דער פאָרשטעלונג ב. לעוויטאַן, אין „פאָרווערטס", 12טן אַפּריל, 1940:

„צו דעם קרעדיט פון דער פאָלקס־בינע דאַרף געזאָגט ווערן גלייך פון אָנפאַנג, אַז וואָס שייך דער שוישפּילערישער זייט פון דער אויפפירונג, ווי

אויך די אויסשטאַטונג און די רעזשי, האָט זי זיך גאָרניט וואָס צו שעמען אַנטקעגן אַן אויפפירונג פון אונדזערע בעסטע פּראָפעסיאָנעלע טעאַטערס. איינזקע שוישפּילער האָבן דורכגעפירט זייערע ראָלן גלענצנד. אין אַלגעמיין אָבער זיינען די פאַרשיידענע סצענעס אָפּגעשפּילט געוואָרן גלאַט, און אַ טייל שוישפּילער האָבן דורכגעפירט זייערע ראָלן מיט טאַלאַנט.

„די אויפפירונג איז רעזשיסירט געוואָרן פון יעקב פישמאַן, וועלכער איז איינער פון די גרינדער פון דער פאָלקס־בינע. ער פאַרדינט באמת אַ קאָמ־פּלימענט פאַר דעם געשמאַק און פאַר דער פיינקייט, וואָס ער האָט אַריינגעגעבן אין דער אויסשטאַטונג און אין די עפעקטן פון דער גאַנצער אויפפירונג".

דערמיט ענדיקן זיך די ערשטע פינף־און־צוואַנציק יאָריקע געשיכטע פון דער פאָלקס־בינע. איך האָב פּרובירט געבן דעם סך־הכל פון דער אַרבעט וואָס איז אויפגעטאָן געוואָרן. איך בין אָבער זיכער אַז אַ סך איז דורכגעלאָזן געוואָרן. און אַז אַ טייל פון די, וואָס האָבן אָנטייל גענומען און געהאָלפן אין דער אַרבעט, זיינען ניט דערמאָנט געוואָרן. זיי וועלן מיר מוזן מוחל זיין, אויב איך האָב זיי פאַרגעסן. צום פופציקסטן יובל פון דער פאָלקסבינע וועל איך שרייבן מער בפרטיות און קיינעם ניט אויסלאָזן. הלואי!

די פאָלקסבינע האָט געטריי געדינט דער טראַדיציע פון שטילן און אויפריכטיקן טעאַטער. מען דאַרף מעסטן די כוונות מיט די מעגלעכקייטן, דעם דראַנג מיט די באַדינגונגען. מעסט מען אַזוי און ניט לויט די פּלאַקטעס פון פּובליסיטי פון צייטונג־ראַבאַטס — דאַן זיינען די דערגרייכונגען פון דער פאָלקסבינע מער ווי באַשיידענע. זיי זיינען אַן אָפּרישונג, אַן אַנגענעמע געשעעניש און אָפטמאָל אפילו אַ שטאַרקע איבערלעבעניש. דאָס איז אַ סך, זייער אַ סך.

ד"ר י. שאַצקי

(אין 35 יאָר פאָלקסבינע זשורנאַל)

טיפן און די שױשפּילער פֿון „אײביקע מאַרטירער״

באָריס לעווין

די פאָלקסבינע אין די יאָרן 1941—1948

1

נאָך די פייערונגען פון דעם פינף און צוואַנציק יעריקן יובילײ פון דער פאָלקסבינע, איז ביי אונדז אַלעמען אַנטשטאַנען די פראַגע: — וואָס ווייטער? מיר האָבן אַלע געפילט אַז מיר מוזן זיך פאַרמעסטן אויף נאָך גרעסערס ווי ביז אַהער אויב מיר מיינען באמת צו ווערן עפּעס מער ווי סתם אַ דראַמאַטישער פאַראיין ביים אַר־בעטער־רינג.



אין די זומער וואָכן פון יאָר 1941 זיינען אָפּ־געהאַלטן געוואָרן באַראַטונגען פון די שוישפּי־לער און טוער פון דער פאָלקסבינע, און מען האָט געמאַכט פּלענער פאַר דעם קומענדיקן סעזאָן — 1941—1942. אָבער נאָך אַלע אָנ־שטרענגונגען האָט מען קיין גרויסע פּלענער ניט געקאָנט באַשליסן.

חוץ די שוועריקייטן וואָס מיר האָבן געהאַט, צו קריגן אַ טעאַטער וואו צו שפּילן, און אַ רע־זשיסאָר וואָס זאָל צוגרייטן און אָנפירן מיט אונדזער טעאַטער קאָלעקטיוו — איז סתם די צייט אין לאַנד געווען אַ שווערע. די מלחמה האָט אײַנגענומען דעם מוט און די ענערגיע פון אַלע מענטשן אַזוי, אַז נאָך אַלע באַמיאונגען איז מען געבליבן אויף דעם זעלבן אָרט ווי פריער.

באָריס לעווין — געבוירן אין יעליסאַוועטגראַד רוסלאַנד, ביי אָרטאָדאָקסישער פאַמיליע. אין 1905 ווערט ער אַקטיוו אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. געקומען קיין אַמעריקע אין 1907. טרעט אַריין אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און ווערט אויך אַקטיוו אין קולטור־אַרבעט. אין 1918 ווערט ער אַ מיטגליד אין דער פאָלקסבינע, פאַראינטערעסירט זיך אין דער אַרבעט און ווערט דערוויילט אַלס דער געשעפטס־פאַרוואַלטער. אין 1939 און 1940 ווערט ער דערוויילט אַלס פאָרזיצער און פאַרוואַלטער פון דעם פאָלקסבינע קאָלעקטיוו. פירט אָן מיט דער אַלגעמיינער אַרבעט פון דעם אַנסאַמבל און צו זיין קרעדיט דאַרף דערמאָנט ווערן אַ גאָר גרויסע צאָל דערפאָלגן פון פ. ב. אויפפירונגען און דערגרייכונגען. ציט זיך צוריק אַלס פאַרוואַלטער פון דעם סעזאָן 1949־50. ווערט דערוויילט אַלס פאָרזיצער פון ברענטש 555, און פירט דורך דעם פינף און דרייסיקן יובילײ פון דער פאָלקסבינע. איצט איז ער אַקטיוו אין דער פאַרוואַלטונג און העלפט דורכפירן דעם 40־יאָריקן יובילײ — ער האָט אויך געדרוקט אַ צאָל אַרטיקלען וועגן טעאַטער אין די צייטונגען און צייטשריפטן.

אָבער פונקט ווי אין די פריערדיקע יאָרן, ווען די פ. ב. האָט דורכגע־מאַכט קריזיסן, האָט מען איצט אויך געהאָפט, אַז מען וועט די שלעכטע צייטן איבערקומען. דער שטורעם וועט אַוועק און די זון וועט ווידער אויפשיינען. ס'זיינען געמאַכט געוואָרן אַלע אָנשטרענגונגען אַז דער סעזאָן 1941־42 זאָל ניט אַוועק מיט גאָרנישט.

יעקב פישמאַן איז באַשטימט געוואָרן אַלס רעזשיסאָר. אַלע שוישפּילער האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט, מען איז געקומען צו פּראָבן און מען האָט פאַרגעסן אין פערזענלעכע דאגות. מען האָט פלייסיג געאַרבעט צוצוגרייטן „קליין קונסט־אָוונטן" פאַר דעם אַרבעטער־רינג. ס'איז אין פאַרלויף פון דעם סעזאָן דורכגעפירט געוואָרן זיבן אָוונטן אין רענד סקול, מיט נייע אויפפירונגען פון איינאַקטערס און סצעניזירונגען אונטערן נאָמען „אַ קראַנץ בלומען". די פאָרשטעלונגען זיינען געגעבן געוואָרן צום אָנדענק פון די פאַרשטאָרבענע דיכטער און דראַמאַטורגען וועמעס יאָרצייטן עס זיינען אויסגעפאַלן יענעם יאָר.

די פ. ב. האָט אויך דאַן געשפּילט פאַר אַ סך אַרב. רינג בראַנטשעס אין פאַרשיידענע טיילן פון שטאָט, און זיך אויך באַטייליגט אין דעם יום־טוב וואָס עס איז געגעבן געוואָרן לכבוד דעם שריפטשטעלער יעקב מאַרינאָוו.

די „קליין קונסט אָוונטן" זיינען געגעבן געוואָרן אין משך פון די חדשים: יאַנואַר און פעברואַר 1942. עס זיינען געשפּילט געוואָרן די פאָלגנדיקע איינ־אַקטערס און סצענירונגען: „מאָניש", „שוועסטער", „ביים פרעמדן חופּה־קלייד", פון י. ל. פּרץ. „די קרעטשמע", פון משה גיציס, „ראַשעל", פון שרה רייזען, „דוד און שונמית" און „בודדא" פון יהואש, און די „איבערגעבליבענע" — פון דזשין ראָוז.

דעם 20סטן אַפּריל 1942, איז לכבוד דעם 100 יאָריקן געבוירן־טאָג פון אברהם גאָלדפאַדען געגעבן געוואָרן אַ פאָרשטעלונג אין רענד סקול. מען האָט געשטעלט אַ נאָך ניט געשפּילטע פּיעסע גאָלדפאַדענס, מיטן נאָמען „סמבטיון".

ווען די פ. ב. האָט באַשלאָסן צו שטעלן די דאָזיקע פּיעסע האָט מען פּלאַנירט די אויפפירונג אין אַ גרויסן טעאַטער און שפּילן „סמבטיון" מיט די נויטיקע דעקאָראַציעס. „סמבטיון" איז לכתחילה אונדז רעקאָמענדירט געוואָרן פון דער „איוואָ". צו דער געלעגנהייט פון אברהם גאָלדפאַדענס הונדערט יאָריקן יובל. דער „איוואָ" האָט אונדז פאַרזיכערט זיך צו באַטייליקן אין דער גאָלדפאַדען־פייערונג, און העלפן פינאַנסירן די אויפפירונג, און מיר האָבן גענומען איינשטודירן די פּיעסע „סמבטיון". צוליב פאַרשיידענע סיבות, האָט זיך דער „איוואָ" ניט באַטייליקט אין דער פייערונג. עס האָט זיך נאַטירלעך אַרויסגעוויזן, אַז דורכפירן אַ גאָלדפאַדען יובילייַ אויף אַן אימ־פּאָזאַנטן אופן אין אַ גרויסן טעאַטער איז פאַרבונדן מיט גאָר גרויסע אויס־גאַבן. האָט די פאָלקס־בינע לויט אירע אייגענע כוחות געשטעלט די פּיעסע „סמבטיון" אויף דער קליינער בינע פון „רענד סקול", וועלכע איז געווען גוט

געננוג פּאַר די אויפפירונגען פון איינאַקטערס און אינסצעניזירונגען, אָבער ניט פּאַר קיין גרויסע פּיעסן. דער רעזולטאַט איז ניט געווען קיין זייער גוטער. מיט „סמבטיון״ איז אויך פאַרענדיקט געוואָרן דער סעזאָן פון יאָר 1941.

2

ווי אַלע מאָל, וויבאַלד איין סעזאָן ענדיקט זיך הייבט מען גלייך אָן טראַכטן וועגן קומענדיקן סעזאָן. אָבער די צייט דאַן, סוף־זומער, 1941, איז אַמעריקע געווען אין קריג. די שטימונג ביי יעדן איז געווען גאָר נישט קיין פריילעכע. די מלחמה האָט צוגענומען ביי אונדז יונגע שוישפּילער. די עלטערן זיינען געווען באַזאָרגט וועגן זייערע קינדער וואָס זיינען אַוועק אין דער אַרמיי. אויסער דעם האָבן מיר אין דער פּאָלקסבינע יענעם זומער געהאַט אַ גרויסן פאַרלוסט: איינער פון אונדזערע וויכטיקע שוישפּילער מיכאל פּרעדמעסט איז פּלוצלינג געשטאָרבן. דער פאַרלוסט איז געווען אַ שווערער. אַ ערשט ניט לאַנג צוריק האָט ער געשפּילט דעם שדכן אין „סמבטיון״, און פריער נאָך אַנדערע וויכטיקע כאַראַקטער ראָלן וואָס וועלן בלייבן אין זכרון ביי אַלעמען. זיין אַנטייל אין דער פ. ב. האָט צוגעגעבן וואָגיקייט דעם גאַנצן אַנסאַמבל. פּרעדמעסט האָט אונדז געפעלט אין וועלכער עס איז פּיעסע, וואָס מיר האָבן זיך געגרייט צו שטעלן.

מען האָט אָבער זיך געצוואונגען, און מיט אַלע כוחות זיך געשטאַרקט אַבי ניט צוזאַמענברעכן. מען האָט באַשלאָסן ווידער אַנצוגיין מיט דער אַרבעט, אין דעם סעזאָן ווידער דורכפירן אַ צאָל „קליין קונסט־פאַרשטעלונגען״. מיר האָבן ווידער באַשטימט יעקב פישמאַן אַלס רעזשיסאָר, און מען האָט צוגעגרייט עטלעכע איינאַקטערס פאַר דעם סעזאָן 1941־42 אונטערן נאָמען: „בלומענקרענץ״, און כאָטש די שטימונג איז געווען אַ געדריקטע, האָט מען דאָך אַוועקגעגעבן אַ סך כוחות. מען האָט אין סעזאָן פון 1942 אויפגעפירט אַן אינסצעניזירונג פון מענדעלע מוכר ספרים „פישקע דער קרומער״; „אַמע־ריקען ראַפּסאָדי״, פון משה גיציס, „משה רבינו״, פון ב. וולאַדעק, „דער חתן״, פון טונקעלער; „געץ זיי געלט, געץ זיי״, פון יוסף מאַרשאַליק; „די רעפּע־טיציע״, און „דעם שדכנס טאָכטער״, פון אברהם רייזען און דער „קאַטאַרזש־ניק״ פון ש. אַנסקי.

3

אין דעם יאָר 1942 האָבן אין ניו־יאָרק נאָך עקזיסטירט עטלעכע טעאַטערס. פון דעם בעסערן יידישן טעאַטער האָט נאָך מאָריס שוואַרצס „יידישער קונסט טעאַטער״ פאַרנומען אַ ווירדיקן פּלאַץ. אָבער עס האָבן זיך שוין געוויזן סמנים פון ירידה, פון גיין באַרג אַראָפּ. מיר האָבן געפילט, אַז דוקא אין שווערע צייטן טאָר מען ניט פאַרצווייפלען. יענעם סוף־סעזאָן האָט די פּאָלקסבינע באַשלאָסן אָנצוהייבן אַן אינטענסיווע באַוועגונג צו פאַר־ברייטערן און פאַרשענערן די אַרבעט.

אָנהויב זומער 1942 איז דערוויילט געוואָרן אַ פאַרוואַלטונג וועלכע איז באַשטאַנען פון: ס. ראָזען, ב. סטאַבינאָוויץ, מ. שטראַל, פּ. בעקער, ל. בעק, ז. לעווין, בראַניאַ ניומאַן, מ. אַדלער, ה. זיינער, י. מאַלין, אַנאַ בעק, און ב. לעווין, אַלס פאַרזיצער און פאַרוואַלטער.

די פאַרוואַלטונג האָט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פאַר דעם סעזאָן 1942—43. ערשטנס צו געפינען אַ פּלאַץ וואו די פ. ב. זאָל קענען שפּילן וואָס אָפטער; שטעלן, אויב מעגלעך, דריי פּיעסן אין לויף פון דעם סעזאָן; יעדער פּיעסע זאָל געשפּילט ווערן ניט ווייניקער ווי פינף מאָל; די פּיעסן זאָלן זיין פון יידישן אַמעריקאַנער לעבן; ווערבירן נייע מיטגלידער; עפענען אַ טעאַטער־סטודיאָ; אָנשטעלן אַ רעזשיסאָר; און דער עיקר; פאַרלאַנגען פון דעם אַרבעטער רינג בילדונג קאָמיטעט אַ גרעסערע סובסידיע כדי צו קענען דורכפירן די אַלע פּלענער. מיר האָבן זיך געווענדעט צו דעם בילדונגס קאָמיטעט פון אַרבעטער רינג. ביי אַ ספּעציעלער זיצונג פון דעם קאָמיטעט האָט מען אונדז אויסגעהערט מיט אינטערעס, מען האָט גוטגעהייסן דעם גאַנצן פּראָיעקט, דערוויל וועט מען ניט העכערן די סובסידיע, אָבער מען וועט העלפן וויפיל מ'וועט נאָר קענען. וועגן אַ רעזשיסאָר האָט אונדז אויפמערקזאַם געמאַכט פר. נ. כאַנין, אַז ער האָט באַקומען אַ בריוו פון דעם רעזשיסאָר יעקב ראָטבאַום, אַז ראָטבאַום וויל גערן אַרבעטן מיט דער פאָלקסבינע.

מיר האָבן נאָך פריער געטראַכט וועגן אָנשטעלן יעקב ראָטבאַומען אַלס רעזשיסאָר. מיר האָבן געוואוסט פון זיינע אויפטואונגען פאַר דער יידישער בינע. יעקב ראָטבאַום איז געקומען מיט אַ נאָמען. באַזונדערס איז ער געוואָרן פּאָפּולער אין די טעאַטער־קרייזן מיט זיין אויפפירונג פון שלום עליכמס „סענדער בלאַנק" אין „יידישן קונסט טעאַטער". מיר האָבן זיך גלייך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט יעקב ראָטבאַומען און מיר האָבן אים איינגעלאַדן צו זיין דער רעזשיסאָר פון דער פ.ב. ראָטבאַום איז געווען צופרידן וואָס ער וועט האָבן אַ געלעגנהייט צו אַרבעטן מיט אונדזער אַנסאַמבל. אָבער די הויפּט שוועריקייט איז באַשטאַנען אין דעם געהאַלט וואָס מיר האָבן אים פאָרגעלייגט. ענדלעך איז מען דורכגעקומען מיט אים. ס'איז שוין געווען אַ ביסל שפּעט אין סעזאָן, און מען האָט זיך געדאַרפט צואיילן. מיט אומגעדולד האָבן מיר שוין געוואַרט אָנצוהויבן די אַרבעט.

ביי אַ פאַרזאַמלונג פון דער פאָלקס־בינע האָט ראָטבאַום פאָרגעשלאָגן פאַר דעם סעזאָן די פאָלגענדע פּיעסן: „אָנקעל מאָזעס" פון שלום אַש; „ריווערסייד דרייוו", פון ל. קאָברין, און „יעדער מיט זיין גאָט", פון דוד פּינסקי. יעדער פּיעסע זאָל געשפּילט ווערן 1 מאָל אין וואָך אין לויף פון 5 וואָכן. ווי אַזוי די פּיעסן וועלן געשטעלט ווערן טעכניש וועט זיין געווענדט לויט דעם טעאַטער וואָס די פאָלקס־בינע וועט דינגען.

דער פּלאַן איז פון די שוישפּילער אויפגענומען געוואָרן מיט באַגייסטערונג. אַלע פאַרזאַמלטע זיינען געווען פול מיט האָפענונגען. מען האָט באַשטימט אַז „אָנקעל מאָזעס" זאָל זיין די ערשטע פּיעסע געשפּילט צו ווערן.

מיר האָבן אויך באַשטימט פאַר הילף רעזשיסאָר און בינע־פּאַרוואַלטער אַ מיטגליד פון דער פאָלקסבינע, מאַקס אָרינגער. עס איז אונדז אויך געלונגען צו קריגן דעם מאַלער ה. קאַנדעל. ה. קאַנדעל איז געקומען קיין אַמעריקע אין 1940 אַלס פּליטשלינג פון היטלער־דייטשלאַנד, וואו ער האָט פאַרנומען אַ וויכטיקן פּלאַץ אין דייטשן טעאַטער. ער האָט אויך געמאָלן דעקאָ־ראַציעס פאַר גרויסע אויפפירונגען איבער גאַנץ אייראָפּע. קאַנדעל האָט דאָ אין ניו־יאָרק געמאָלן די דעקאָראַציעס צו שלום עליכמס „סענדער בלאַנק", אין „יידישן קונסט טעאַטער". פאַר דער פאָלקס־בינע איז קאַנדעל געווען ווילינג צו אַרבעטן ממש אָן געצאָלט.

4

צו געפינען אַ פּלאַץ וואו צו שפּילן איז געווען אונדזער גרעסטע זאָרג. אונדזערע פינאַנסן זיינען געווען נול. מיר זיינען געווען איינגעטונקען אין חובות נאָך פון די פריערדיקע יאָרן. די סובסידיע פון אַרבעטער־רינג האָבן מיר גע־דאַרפט גלייך אויסגעבן. האָבן מיר געדאַרפט ווייטער זוכן וואו צו באָרגן, אונטער די אומשטענדן האָבן מיר אפילו ניט געקענט טראַכטן וועגן אַ גרויסן טעאַטער בנין, און צאָלן אַ סך דירה־געלט. האָבן מיר געזוכט אַ קליינעם פּלאַץ וואו מיר זאָלן קענען געבן אָפטע פאָרשטעלונגען. אַזוי זוכנדיק האָבן מיר זיך פאַרטראַכט וועגן דעם זאַל אויף דער 44טע גאַס, וואו מיר האָבן געמאַכט פּראָבן.

דאָס איז געווען אַ גרויסער זאַל גוט פאַר פאַרזאַמלונגען, אָבער ווען מען זאָל דעם זאַל איבערבויען קען מען אים פאַרוואַנדלען אין אַ פיין טעאַטערל. מיר האָבן זיך געווענדט צום באַלעבאָס מאַלין און מיר האָבן אים פאָרגעלייגט אַז ער זאָל דאָס פּלאַץ איבעררעמאָנטירן, מאַכן אַ שטיקל בינע, צוזאַמענקלאַפּן בענקלעך און מיר וועלן דינגען דאָס טעאַטערל צו שפּילן טעאַטער צוויי מאָל אין וואָך. מאַלין האָט צוגעשטימט. עס האָט גענומען עטלעכע וואָכן און דאָס פּלאַץ איז איבערגעבויט געוואָרן. עס איז געוואָרן אַ פיין טעאַטערל מיט 198 פּלעצער, מיט אַ קליין בינעלע. עס איז אפילו ניט געבליבן גענוג פּלאַץ פאַר די שוישפּילער וואו זיך איבערצוטאָן. מיר האָבן אָבער דאָס טעאַטערל געדונגען מיט דער האָפענונג אַז די פאָלקס־בינע וועט קינסטלעריש וואַקסן און מיט דער צייט האָבן אָן אייגענעם, גרעסערן טעאַ־טער־בנין.

אין דער זעלבער צייט האָט די אַדמיניסטראַציע צוגעגרייט דעם גע־שעפטלעכן אַפּאַראַט. מען האָט געדאַרפט באַזאָרגן דאָס טעאַטער מיט באַלויכ־טונג, קאָסטיומען, דעקאָראַציעס, פּובליסיטי, וכדומה. אויף דעם אַלעמען דאַרף מען האָבן געלט, האָבן מיר אָנגעהויבן צו זוכן וואו מען קען לייען. איז אונדז געקומען צו הילף אַ חבר, אַ מיטגליד און אַ מיטשפּילער, וואָס האָט ליב טעאַטער און נאָך מער די אידעאַלע גרופּע פון דער פאָלקס־בינע. דאָס איז געווען לואיס בעק ע"ה. ער האָט אויסגעבאָרגט געלט.

און אַ דאַנק דעם פריינט לואי בעק ע"ה האָט זיך די אַרבעט אָנגעהויבן. עס איז אונדז אויך געקומען צו הילף דער א. ר. דער בילדונגס קאָמיטעט האָט געקויפט עטלעכע פאָרשטעלונגען און אַרויסגעשיקט בילעטן צו די ברענטשעס, און פאַר די וויטערע פאָרשטעלונגען האָבן מיר זיך פאַרלאָזט אויף דער קאַסע־איינגאַמע. און אָט אונטער די אומשטענדן האָבן מיר זיך געגרייט צו געבן די ערשטע אויפפירונג פון אשעס „אָנקעל מאָזעס".

5

נאָך דעם ווי מען האָט שוין געמאַכט עטלעכע וואָכן פּראָבן צו שפּילן „אָנקעל מאָזעס" זיינען מיר נאָך אַלץ געווען אין ספק צי האָט מען געמאַכט דעם ריכטיקן אויסוואַל מיט דער פּיעסע. צי איז ניט צו־ריזיקאַליש צו שטעלן אַ פּיעסע, וואָס איז פריער געשפּילט געוואָרן פון באַרימטע פּראָפעסיאָנעלע שוישפּילער. די אומזיכערקייט האָט אָבער געווירקט אַז די שוישפּילער־מיט־גלידער פון דער פאָלקס־בינע זאָלן זיך נאָך מיט מער עקשנות נעמען צו דער אַרבעט. מיר האָבן געגלויבט אין די פעאיקייטן פון אונדזערע שוישפּילער. מיר האָבן אויך געהאָפט אַז די פּיעסע אַליין וועט אונדז אויך העלפן צו האָבן דערפאָלג.

אַשס „אָנקעל מאָזעס" שילדערט דאָס לעבן פון גרינע יידן, אין דעם גרויסן קעסל־גרוב ניו־יאָרק. יידן, נאָר־וואָס אַריבערגעקומענע פון די קליינע שטעטלעך אין דער אַלטער היים, און די צרות וואָס זיי האָבן דאָ, אין דעם נייעם לאַנד. די שווערע אַרבעט אין די סוועט־שעפּער, א. אַז. וו. אַזאַ פּיעסע דאַרף זיין אַ דערפאָלג.

די צייט פון דער פּרעמיערע האָט זיך דערנענטערט, און מיר האָבן אונטער דער לייטונג פון ה. קאַנדעל צוגעגרייט די דעקאָראַציעס. אין דעם טאָג פון דער פּרעמיערע גייען אַלע אַרום מיט קלאַפּנדיקע הערצער. מען האָט געעפנט די קאַסע, עס קומען מענטשן צו דער קאַסע, מען קויפט בילעטן. אָט איז צוגעקומען אַ ייד צו דעם פענסטערל. ער לייגט אַוועק אַ קוואָדער און גיט אַ זאָג: „גיט מיר נאָר אַ גוטן טיקעט פאַר אַ פערטעלע". די קאַסירערין זאָגט אים, אַז ס'איז ניטאָ מער אין דער פאָלקס־בינע קיין טיקעט פאַר 25 סענט, ס'קאָסט שוין אַ דאָלער. דער ייד ווערט אין כעס. סטייטש? ער איז אַ מעמבער אין א. ר. אַלע מאָל געצאָלט אין רענד סקול 25 סענט. מען דערקלערט אים אַז איצט איז אַנדערש. ס'האָט אָבער ניט געהאָלפן, דער ייד איז אַוועק.

אין טעאַטער הערשט אַן אָנגעצויגענע שטימונג. דער עולם זיצט גע־שפּאַנט. קוקט זיך צו צו דער האַנדלונג און ווערט פאַרכאַפּט פון דער שפּיל וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ באַוועגלעך קונסט בילד. אַלע זיינען באַגייסטערט פון דער פאָרשטעלונג.

אויף דער בינע זיינען געבליבן די שוישפּילער, מען איז געפאַלן איינער

דעם אַנדערן אויף די העלדזער, מען האָט זיך געקושט און געוויינט פאַר פרייד. דער דערפאָלג איז געווען אַ פאַרדינטער.

מיט דער אויפפירונג פון „אַנקעל מאָזעס" האָט די פאָלקס־בינע געעפנט אַ ניי בלאַט אין איר לאַנג יאָריקער עקזיסטענץ.

אַ סצענע פון „אַנקל מאָזעס" פון שלום אַש

פון רעכטס: ליובאַ בלום־קאַנדעל, שרה סטייבין, ראָזע ראָזענצווייג, [illegible].
(אינמיטן) יעקב ראָזענבלום, לואי בעק.

אין דער פיעסע האָבן זיך באַטייליקט שוישפילער וועלכע זיינען געווען מיט דער פאָלקס־בינע אַ לאַנגע צייט, אייניקע פון דעם טאָג אָן בעת די פאָלקס־בינע איז געגרינדעט געוואָרן. אויסער סעמיועל דאַנעסאָן ע"ה, וואָס איז געווען אַ נייער. זיין ראָל אַלס דער „באַראַטאָר", האָט ער געשפּילט זייער גוט, און אַזוי האָט יעדער שוישפילער זיך אויסגעצייכנט אין דער אויפפירונג.

מען האָט די פיעסע געשפּילט דרייצן מאָל. טאַקע אין קליינעם טעאַטער, אָבער עס זיינען געקומען אין טעאַטער זען די פאָרשטעלונג אַ פּאָר טויזנט מענטשן. טאַקע ניט גענוג, אָבער ווען מען טראַכט פון דעם ניט צו גרויסן פּלאַץ, די ניט צופיל באַקאַנטשאַפט מצד דעם עולם צו דער פאָלקסבינע, זיינען מיר גע־ווען צופרידן און עס האָט אונדז געגעבן חשק ווייטער אָנצוגיין מיט דער אַרבעט.

מען האָט וועגן דער אויפפירונג אַ סך געשריבן אין דער פרעסע.

אָט וואָס חיים גוטמאַן (דער לעבעדיקער) שרייבט דאַן וועגן דער אויפ־פירונג פון „אַנקעל מאָזעס" אין מאָרגען־זשורנאַל, יאַנואַר, דעם 29סטן, 1943 ;

„ס'איז פאַר מיר געווען אַן אַנגענעמע איבערראַשונג. איך בין געווען צו־געגרייט צו זען אַן אַלט־מאָדישע דילעטאַנטישע פאָרשטעלונג, לויט דעם נוסח

פון דעם אַמאָליקן דראַמאַטיק קלוב, און ווי איבערראַשט בין איך געוואָרן דערזעענדיק אַ מאָדערנע טעאַטער פאָרשטעלונג, ניי, פּריש, און פאַרכאַפּנד.

חוץ דער פיינער רעזשי איז אויך דאָס שפּילן קרעפּטיק און אויסגעהאַלטן אין טאָן.

אַ סצענע פון „אַנקל מאָזעס" פון שלום אַש

פון רעכטס: יעקב ראָזענבלום, משה דערווין, רובין סיגאַל, חיים זיינער, סעמואיל דאַנענזאָן.

עס קומט אַ דאַנק דעם נאַציאָנאַלן בילדונגס קאָמיטעט פון א. ר. פאַר געבן ראַטבאָומען די געלעגנהייט צו ווייזן אַז, מען קען מיט אַ ביסעלע מי, מיט ניט־פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן, מאַכן אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג אין יידיש וואָס עס איז כדאי צו זען".

אויך ש. ערדבערג שרייבט אין "טאָג" פון 16טן פעברואַר 1943, וועגן „אַנקעל מאָזעס":

„די פאָלקסבינע האָט אַריינגעלייגט גרויס כונה אין דער אויפפירונג פון שלום אַשס „אַנקעל מאָזעס". נאָר גלויביקע, נאָר ריכטיקע מאמינים קענען אַריינלייגן אַזאַ כונה, אַזאַ דבקות אין זייערע מעשים. די פיינקייט, די שטימונג פון ערלעכקייט האָט פון דער בינע זיך אַריבערגעטראָגן צו די צושויער אין זאַל, און מ'האָט זיך צוגעקוקט און איינגעהערט מיט כונה. די פאָלקסבינע דאַרף געלויבט און דערמוטיקט ווערן.

„גוט געשפּילט האָבן: יעקב ראָזענבלום אַלס „אַנקעל מאָזעס"; ליליען בלום אַלס מאַשאַ; שרה סטייבין אַלס ראָזאַ; משה דערווין, ראָזע ראָזענצווייג; לואי בעק, היימאַן זיינער; מאַקס פּאָלאַק; רובין סעגאַל; בנימין קרעמער; ברוך פּיוועלאָוויץ; מאָריס אַדלער און סעמיועל דאַנעזאָן".

אַ סצענע פון „אַנקל מאָזעס" פון שלום אַש

שׂרה סטייבין, ליובאַ בלום־קאַנדעל, משה דערווין, חיים זיינער. (עס זיצט) יעקב ראָזענבלום.

אַ סצענע פון „אָנקל מאָזעס" פון שלום אַש



חיים זיינער, רובין סיגאַל, א. ערינגער, משה דערווין, ליובאַ בלום־קאַנדעל. (עס זיצט) יעקב ראָזענבלום.

6

אין דער צייט ווען מען האָט נאָך געשפּילט אשעס „אָנקעל מאָזעס״ האָט מען זיך געגרייט צו דער צווייטער פּיעסע, „ריווערסייד דרייוו״, פון לעאָן קאָברין. אַ פּיעסע, וואָס שילדערט דאָס יידישע לעבן אין ניו־יאָרק אָנהויב 20טן יאָרהונדערט. די פּיעסע „ריווערסייד דרייוו״ האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט יעדן שוישפּילער צו שאַפן אַ לעבעדיקן כאַראַקטער.

ס׳זיינען געמאַכט געוואָרן צוגרייטונגען פאַר דער בינע. קיין דעקאָראַציעס האָבן מיר ניט געמאַכט, ניט ווייל מען האָט ניט געדאַרפט, נאָר ווייל „אָנקעל מאָזעס״ איז געווען בלויז מאָראַליש אַ גרויסער דערפאָלג, אָבער ניט פינאַנציעל. די קאַסע איז געווען אַ ליידיקע... און אַ דאַנק דעם מאַלער ה. קאַנדעל ע״ה איז די בינע געווען אויסגעשטאַט מיט אַלעס וואָס מען האָט געדאַרפט. און מיר זיינען געווען גרייט פאַר דער פּרעמיערע פון קאָברינס „ריווערסייד דרייוו״.

כדאי צו דערמאָנען, אַז, תחילת, האָט ל. קאָברין ע״ה נישט דערלויבט צו שטעלן די פּיעסע, פּשוט, ער האָט צו דער פאַלקסבינע נישט געהאַט דעם נויטיקן צוטרויען. דער רעזשיסאָר ראַטבאַום האָט אָבער שפּעטער געקראָגן פון קאָברינען די דערלויבעניש צו שטעלן די פּיעסע.

און אָט זיינען מיר פאַר דער פּרעמיערע פון „ריווערסייד דרייוו״, די שוישפּילער זיינען גרייט, יעדער פאַרנעמט זיין פּלאַץ. ס׳האָט זיך געפילט אַ זיכערקייט אַז די אויפפירונג וועט האָבן אַ דערפאָלג. אין לאַבי האָט זיך פאַרזאַמלט אַן עולם. ס׳זיינען געקומען אָנגעזעענע געסט, שרייבער, און סתם אינטעליגענטן און אויך לעאָן קאָברין, ע״ה. די נייעס אַז קאָברין געפינט זיך אין טעאַטער ווערט שנעל אַריבערגעטראָגן אונטער די קוליסן, און די שוישפּילער פילן זיך צופרידן וואָס דער מחבר איז געקומען זען די פאָרשטעלונג. אויך דער עולם איז אין אַ יום־טובדיקער שטימונג. נאָך דער פאָרשטעלונג איז לעאָן קאָברין אַרויפגעקומען הינטער די קוליסן, האָט באַדאַנקט דעם רעזשיסאָר און די שוישפּילער פאַר דער פיינער אויפפירונג פון זיין פּיעסע. קאָברין האָט געזאָגט אַז ער איז געווען אַביסל באַזאָרגט, און געצווייפלט צי די פאָלקס־בינע איז קאָמפּעטענט גענוג צו שטעלן זיינס אַ פּיעסע. אָבער נאָך דעם ווי ער האָט געזען די פאָרשטעלונג איז ער זייער צופרידן. די אויפפירונג פון „ריווערסייד דרייוו״ קען זיך פאַרגלייכן מיט די בעסטע אויפפירונגען פון זיינע פּיעסע אין וועלכע גרויסע קינסטלער האָבן געשפּילט.

„ריווערסייד דרייוו״ איז געשפּילט געוואָרן 12 מאָל, און אין יעדער פאָרשטעלונג איז אויפגענומען געוואָרן מיט באַגייסטערונג. נאָר די פּרעסע האָט די אויפפירונג כמעט פאַרשוויגן. פאַרוואָס דאָס איז געווען אַזוי, בלייבט פאַר אונדז אַ רעטעניש. די איינציקע קריטיק איז געווען אין „מאָרגן־פרייהייט״. און אָט וואָס נ. בוכוואַלד שרייבט וועגן ל. קאָברינס „ריווערסייד דרייוו:

„ווידער האָט די פאָלקסבינע נאָך מער ווי באַשטעטיקט אַז דאָס איז אַ גרופּע פון פייאיקע שוישפּילער, וואָס קענען דורכטראָגן מיט קאָמפּעטענץ און ווירדע ערנסטע ראָלן. זיי פאַרמאָגן די פייאיקייט צו שפּילן קאָלעקטיוו און שאַפן עכטקייט אין אַנסאַמבל־שפּיל. עס וואָלט זיך ניט וועלן אויסטיילן דעם אָדער יענעם, וויסנדיק אַז עס זיינען דאָ נאָך אַ צאָל, וואָס האָבן נאָך ניט געקראָגן קיין געלעגנהייט אַרויסצואווייזן זייערע כוחות. פונדעסטוועגן דאַרפן דאָ פאַר־צייכנט ווערן די גאָר וואוילע קינסטלערישע אַרבעט פון יעקב ראָזענבלום, יהושע זעלדיס, לואי בעק, אַנאַ בעק, סעמיואל דאָנעזאָן, היימאַן זיינער, פּ. לוקס, רעני ספּעקטאָר, און רבקה אַדלער, וועלכע איז דורכאויס גלויבלעך אין דער ראָל פון מיסעס דזשאָפּע".

7

אין דער צייט ווען די פאָלקס־בינע האָט געשפּילט „ריווערסייד דרייוו" האָבן מיר געפּלאַנט וועגן קומענדיקן יאָר. דער סעזאָן האָט זיך פאַרצויגן לענגער ווי מיר האָבן דערוואַרט. אַזוי, אַז מיר האָבן ניט געזען קיין מעג־לעכקייט צו געבן נאָך אַ נייע אויפפירונג יענעם סעזאָן.

יעקב ראָטבאַום, דער רעזשיסאָר, האָט פאָרגעלייגט אַז מיר זאָלן אין פאַרלויף פון יענעם סעזאָן נאָך געבן אַ גרויסע פאָרשטעלונג, און אויפפירן די מוזיקאַלישע קאָמעדיע, „אַ גאָלדפאַדען חלום", באַאַרבעט פון ראָטבאַומען, מיט מוזיק פון גאָלדפאַדען און הענאָך קאָן. ראָטבאַום האָט אונדז איבערגעגעבן אַז ער האָט די קאָמעדיע געלייענט פאַר פריינד ג. כאַנין, דעם דעמאָלטיקן דירעקטאָר פונעם א. ר. בילדונגס קאָמיטעט. די פּיעסע איז אים זייער שטאַרק געפעלן. ג. כאַנין האָט פאָרגעלייגט, אַז די פאָלקסבינע זאָל געבן אַ ספּעציעלע פאָרשטעלונג לכבוד דעם א. ר. קאָנווענשאָן וואָס האָט דאַן געזאָלט פאָרקומען אין חודש מאַי, 1943.

דער פאָרשלאַג האָט אונדז פאַראינטערעסירט. און יעקב ראָטבאַום האָט אויך פאַר דעם פאָלקס־בינע קאָלעקטיוו פאָרגעלייענט די פּיעסע: „אַ גאָלדפאַדען חלום", און זי האָט ביי אונדז אַלעמען שטאַרק אויסגענומען. מיר האָבן דערקענט גאָלדפאַדענס האַרציקע און גוט־באַקאַנטע כאַראַקטערן; די באָבע יאַכנע, האָצמאַך, די צוויי קוני־לעמעלס, און נאָך העלדן פון גאָלדפאַדענס אומפאַרגעסלעכע טעאַטער שטיק, וואָס זיינען אַלעמען אַזוי גוט איינגעבאַקן אין האַרצן. און ווידער האָבן מיר געהערט די האַרציקע געזאַנגען, די לידער גאָלדפאַדענס, וואָס זיינען געזונגען געוואָרן אַזוי פיל יאָרן. און מיר האָבן זיך געפרעגט די פראַגע: זיינען מיר גרייט צו שפּילן אַזאַ גראַנדיעזן ספּעקטאַקל? מיר האָבן אין פאַרלויף פון יאָרן אויפגעפירט דראַמעס, קאָמע־דיעס, אָבער ניט קיין מוזיקאַלישע ספּעקטאַקלען. מיר האָבן געצווייפלט צו מיר האָבן די נויטיקע שוישפּילער פאַר דעם. אויך צי וועלן מיר קאָנען באַווייזן אין פאַרלויף פון 6 וואָכן איינשטודירן די מוזיקאַלישע קאָמעדיע.

יעקב ראָטבאַום האָט אונדז פאַרזיכערט, אַז אויב ־ע, וועט אים נאָר געבן

די נויטיקע קאָאָפּעראַציע און אַרבעטן יעדן טאָג וועט די פאָלקס־בינע קאָנען שפּילן פאַר די דעלעגאַטן פון דער אַרב. רינג קאָנווענשאָן אין חודש מאַי. די שוישפּילער האָבן אָנגעהויבן איינשטודירן זייערע ראָלן. פּראָבען זיינען אָנגעגאַנגען פינף מאָל אַ וואָך, מען האָט געדאַרפט איינשטודירן געזאַנג־נומערן. הענאָך קאָן, דער קאָמפּאָזיטאָר, איז, אגב, דאָן נאָר־וואָס אָנגעקומען אין לאַנד און די מוזיק וואָס ער האָט געשאַפן פאַר „אַ גאָלדפאַדען חלום", האָט באַצויבערט די שוישפּילער ביים איינשטודירן די געזאַנג־נומערן. די דעקאָראַציעס זיינען געמאַכט געוואָרן פון ה. קאַנדעל, ע"ה.

מאָנטיק דעם 3טן מאַי, 1943, אין אָוונט, זיינען שוין געווען פאַרזאַמלט אַרום דעם טעאַטער טויזנטער מענטשן, וואָס האָבן זיך געשפּאַרט צו דעם אַריינגאַנג פון טעאַטער. דער טעאַטער איז נאָך געווען פוסט. נאָר אויף דער בינע זיינען געשטאַנען די צווייי פיגורן פון „קוני לעמל" און דער „באָבע יאַכנע", און געמאַכט דעם איינדרוק ווי זיי וואָלטן גערופן די שוישפּילער; קומט און מיר וועלן צוזאַמען דורכפירן דאָס פאַרכישופטע שפּיל — דעם „גאָלדפאַדען חלום"...

8

געענדיקט אַ יאָר אַרבעט דאַרף מען טראַכטן און זיך צוגרייטן פאַרן קומענדיקן יאָר טעאַטער־טעטיקייט. אָבער דער פינאַנציעלער מצב פון דער פאָלקסבינע איז געווען אַ שלעכטער און האָט געשטערט וועלכע עס איז צוגרייטונג. דערצו האָט דער שרייבער פון די שורות צוליב פּערזענלעכע אורזאַכן, געמוזט אויפגעבן דעם אַמט אַלס פאַרוואַלטער. אַביסל גרינגער איז אַלעמען געוואָרן ווען ל. מאַן, האָט איבערגענומען דעם אַמט צו זיין דער הויפּט־פאַרוואַלטער פון דער פאָלקס־בינע. פריינד ל. מאַן איז תמיד געווען געטריי און איבערגעגעבן אונדזער טעאַטער, דערצו איז ער אַ גוטער אָרגאַניזאַטאָר. מיר זיינען אַלע געווען זיכער, אַז ער וועט פירן די פאָלקס־בינע אויף דעם ריכטיקן וועג.

זיך שטיצנדיק אויף דעם דערפאָלג פון „אַ גאָלדפאַדען חלום" האָט די פאַרוואַלטונג באַשלאָסן יענעם סוף־סעזאָן, צו שטעלן די זעלבע פּיעסע אויך קומענדיקן סעזאָן, מיט יעקב ראָטבאַום אַלס רעזשיסאָר, און שפּילן דריי מאָל אַ וואָך אין דעם מאַלין טעאַטער, און אין דער זעלבער צייט אויך צוגרייטן אַ נייע פּיעסע.

די פלענער זיינען גוטגעהייסן געוואָרן פון דעם אַרב. רינג בילדונג־קאָמיטעט. ס'איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אַ קינסטלערישער ראָט וואָס איז באַשטאַנען פון: יעקב ראָטבאַום, ה. קאַנדעל און הענאָך קאָן. אַלס בינע פאַרוואַלטער איז ווידער באַשטימט געוואָרן מאַקס אָרינגער.

אין חודש אויגוסט האָט דער פאָרזיצער פון דער פאַרוואַלטונג ל. מאַן פּלוצים געמוזט, צוליב זיין געזונט, זיך צוריקציען פון אַלע אַקטיוויטעטן אין דער פאָלקס־בינע און איך בין ווידער געצוואונגען געווען צוריק צו ווערן פאָרזיצער און פאַרוואַלטער פון דער פאָלקס־בינע אויפן קומענדיקן יאָר.

די אויפפירונג פון „אַ גאָלדפאַדען חלום" אין מאָלין טעאַטער, איז געווען גאָר אויף אַן אַנדער אופן ווי אין „נעשאָנאַל טעאַטער". צוליב דער קליינער בינע האָט דער רעזשיסאָר געלאָזט די שוישפּילער אויפטרעטן צווישן דעם עולם. אַזוי, אַז ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק אַז דער טעאַטער זאָל, און די בינע — זיינען איינס. דאָס האָט צוגעגעבן חן דער גאַנצער אויפפירונג. פּאַליא קאַדיסאָן האָט געשפּילט אויף דער פּיאַנאָ, און דורך איר פיינעם שפּילן איז געקומען די מוזיק־באַגלייטונג פאַר דער אויפפירונג. דער עולם האָט אויפגענומען די שוישפּילער מיט ענטוזיאַזם. „אַ גאָלדפאַדען חלום" איז געשפּילט געוואָרן 20 וואָכן. מען האָט וועגן דער אויפירונג זייער פיל געשריבן אין אַלע צייטונגען און זשורנאַלן. ס'האָבן באַזוכט די פאָרשטעלונגען פאַרשיידענע קינסטלער־געסט, אפילו פון אַנדערע לענדער.

אָט וואָס עס שרייבט דוד פּינסקי, אין „צוקונפט", אַפּריל 1944:

„אַ גאָלדפאַדען חלום" איז אַן אויפפירונג פון וועלכע אַלע האָבן הנאה געהאַט; אַלע האָבן אויסגעדריקט צופרידנקייט און נחת, אַלע וועלן געדענקען וואָס זייערע אויגן האָבן געזען און ניט פאַרגעסן דעם גענוס וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט".

אויך אין „פאָרווערטס", נאָוועמבער 12, 1943, שרייבט ד"ר ל. פאָגעלמאַן, וועגן „אַ גאָלדפאַדען חלום":

„פון אַלע פאָרשטעלונגען וואָס זיינען לעצטנס אויפגעפירט געוואָרן פון דער פאָלקסבינע געפעלט מיר די נייע אויפפירונג פריער פון אַלץ צוליב דעם וואָס זי איז קאָלירפול, שפּילעוודיק און עכט טעאַטראַליש, זי פאַרמאָגט חן, דעם חן פון פאָלקס־הומאָר. — „אַ גאָלדפאַדען חלום" איז אַ פאָלקסטימלעכע גראָטעסק־שפּיל, וואָס אַמוזירט אונדז ווי אַ פאָלקס־מעשהלע, ווי אַ פאַנטאַס־טישע געשיכטע וואָס פאַרמאָגט אַן אייגנאַרטיקן חן. איינע פון די הויפּט־מעלות פון דער אויפפירונג איז דער האַרמאָנישער צוזאַמענשפּיל פון דער טרופּע.

פון די שוישפּילער מאַכט אַ באַזונדער איינדרוק יהושע זעלדיס אין דער ראָל פון האַצמאַך; היימאַן זיינער אַלס עוזר, דער סופליאָר; ליליען־בלום־קאַנדעל; שרה סטייבין אין דער דאַנקבאַרער ראָל פון דער באָבע יאַכנע; בראָניאַ ניומאַן, רענעי ספּעקטאָר און פּאָלאַ אייזנער אַלס די דריי האַצמאַכס טעכטער; מרדכי שטראַל; בנימין קרעמער; יעקב ראָזענבלום; רובין אַרנאָו, לואי בעק, ברוך פּיוועלאָוויץ; מאָריס אַדלער; משה דערווין און רבקה אַדלער. זיי אַלע פּאַסן זיך גוט אַריין אין דעם אַלגעמיינעם שפּיל. מיר קענען גראַטולירן די פאָלקסבינע מיט אירע קינסטלערישע דערגרייכונגען אין דער פאָרשטעלונג".

„אַ גאָלדפאַדען חלום" איז געווען יענעם סעזאָן דער געשפּרעך פון יעדן אינטעליגענטן טעאַטער־גייער. אָבער מען קאָן זיך ניט באַרימען אַז דאָס מאָלין־טעאַטערל איז אַלע מאָל געווען באַזעצט. ס'זיינען געווען טעג ווען מען האָט געשפּילט פאַר אַ גאָר קליינעם עולם. מיר האָבן אַלעס מעגלעכעס געטאָן

„אַ גאָלדפאַדען חלום" — מאַרק־סצענע

יהושע זעלדיס, רבקה אַדלער, בראָניע ניומאַן, א. טייך, היימאַן זיינער, רענעי ספעקטאָר, סאָניאַ סיערס, פעני מאַרקא, שרה סטייבין, מילדרעד גוירנער, ליליען בלום־קאַנדעל, פאָלאַ אייזנער, חנה לעווין.

די באַזוכערשאַפט צו פאַרגרעסערן. מיר האָבן אפילו גערופן פאַרזאַמלונגען פון פריינד פון דער פאָלקס־בינע; ס׳זיינען אויך פאָרגעקומען קאָנפערענצן פון א. ר. ברענטשעס. ס׳האָט אַביסל געהאָלפן, און מיר האָבן געהאַט גוטע האָפענונגען אַז מיר זאָלן קאָנען פאַרענדיקן דעם סעזאָן אָן אַ דעפיציט. אָבער ווערליק מען האָט גערעדט אין שטאָט וועגן „אַ גאָלדפאַדען חלום" האָט מען אונדז חושד געווען אַז מיר מאַכן גאָלדענע געשעפטן, און די טעאַטער יוניאָנס האָבן פאַרלאַנגט פון אונדז אַז מיר זאָלן אָנשטעלן יוניאָן־אַרבעטער פאַר דעם טעאַטער ווי, אַ קאַסירער, אָשערס, קאָסטיומירער און בינע־אַרבעטער. מיר האָבן דערקלערט די פאָרשטייער פון די יוניאָנס אַז מיר קאָנען ניט אָנשטעלן אַזעלכע מענטשן, פשוט ווייל מיר קאָנען זיי ניט אויסהאַלטן. מיר זיינען ניט קיין קאָמערציאַל טעאַטער. אונדזערע מיטגלידער טוען אַליין, פרייוויליג, די אַרבעט. און כדי צו קאָנען אָנגיין מיט אונדזער אַרבעט ווערן מיר געשטיצט פון דעם אַרב. רינג, און פון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. אָבער אונדזערע רייד האָבן גאָר ניט געהאָלפן. מען האָט אונדז געסטראַשעט מיט „פיקעט לאַינס".

„אַ גאָלדפאַדען חלום"

די דריי האָצמאַכס: לואי בעק, יהושע זעלדיק, [illegible] ברוך [illegible]

ס׳האָבן זיך אָבער אַריינגעמישט די פריינד ראובן גוסקין ע״ה, און — אים צו לענגערע יאָרן נ. כאַניז, אויך אַ פריינד פון די „געווערקשאַפטן״ און מען האָט געפּועלט ביי די יוניאָנס אַז זיי זאָלן אונדז לאָזן דערווייל דעם סעזאָן ענדיקן, און קומענדיקן סעזאָן וועלן מיר פאַרהאַנדלען וועגן דעם.

דער סוף איז געווען, אַז עס האָט גאָר נישט געהאָלפן. אויף דער צווייטער וואָך האָבן סיי די „סטיידזש־הענד״ יוניאָנס, סיי די „פּובליסיטי־יוניאָן״, אַוועקגעשטעלט פּיקעטס, אַרום דעם מאַלין טעאַטערל, אין אַ זונטיק ביי טאָג, און אין אָוונט. און די פ. ב. איז געווען געצוואונגען אָנצושטעלן 2 מענטשן און באַצאָלן זיי אַ געהאַלט פאַר גאָר נישט טאָן.

אין מיטן פון דעם סעזאָן האָט מאַקס אַרינגער, צוליב זיין געזונט, געמוזט רעזיגנירן פון זיין אַרבעט, און מיר האָבן אָנגעשטעלט מרדכי יחסן אַלס בינע פאַרוואַלטער. יחסן האָט אויך איבערגענומען די אַרבעט פון „פּובליסיטי״ און קאָרעספּאָנדענץ. מ. יחסן איז בכלל געוואָרן זייער נוצלעך אין דער פאָלקס־בינע און פאַר זיין טעכנישער בינע־אַרבעט און פאַר זיין גוטער און פּינקטלעכער אַרבעט פאַרדינט ער באַזונדערס אַ סך לויב.

קיין זאַך האָט ניט געקאָנט אָפּשטעלן די טעטיקייט פון דעם פאָלקס־בינע קאָלעקטיוו. וואָס ס׳זאָל ניט געווען פּאַסירן זיינען די פאָרשטעלונגען אָנגעגאַנגען, ס׳איז געווען אַ סך נחת און גאַנצע בערג מיט צרות. אָבער די פאָרשטעלונגען האָבן דערפון ניט געליטן, אפילו ווען עס האָט, חלילה, פּאַסירט, ביי איינעם פון די אָנטיילנעמער, אַן אומגליק אין דער משפחה. געננוג צו דערמאָנען ווי אַ ביישפּיל, דער אומגליקספאַל וואָס עס האָט געטראָפן דעם ברודער פון אונדזער ליבער שוישפּילערין, ליליען בלום קאָנדעל. איר ברודער דוד, איז אומגעקומען אין אַ טרעין־עקסידענט. אָבער ליליען האָט געשפּילט טעאַטער, דעמזעלבן טאָג. ווי אַ דיסציפּלינירטע שוישפּילערין האָט זי געפאָלגט דעם רעזשיסאָר, און ניט צעשטערט די פאָרשטעלונג פון דער פאָלקס־בינע. דעם אייגענעם צער האָט זי געשטילט מיט דעם דינען געטריי אונדזער טעאַטער־קאָלעקטיוו. מיר דערמאָנען דאָס, ווייל מיר געדענקען זייער גוט יענעם טאָג. דעם צער פון דער שוועסטער אויפן פּלוצימדיקן טויט פון איר ברודער — האָבן מיר אַלע מיטגעפילט שטילערהייט. אָבער ווי עס גייט דאָס ווערטל: „דהי שאָו מאַסט גאָו אָן״...

כדאי דאָ צו ברענגען פאַרן לייענער אַ ליד, וואָס די דיכטערין מלכה לי האָט אין יענע טעג אָנגעשריבן. דאָס ליד טראָגט טאַקע דעם נאָמען „די שפּיל גייט אָן״, און איז געווידמעט „דער שוישפּילערין ליליען בלום, און איר יונגן טראַגיש־אומגעקומענעם ברודער סאָלדאַט, וואָס איז געפאַלן אין נאָרט קאַראָליינאַ באַן קראַך אויפן וועג אַהיים אויף אורלויב״:

די שפּיל גייט אָן!

פון מלכה לי

דיין ברודער איז געשטאָרבן—אויפן וועג אַהיים—
דו שפּילסט היינט טעאַטער—די שפּיל דאַרף ווייטער גיין...

די וועלט איז איצט אַ בינע—פון לעבן און פון טויט
די שפּיל גייט אָן—דער הימל בלוטיגט רויט...

דיין ברודער איז געפאַלן—צעשמעטערט זיין געביין,
זיין קערפּער קומט אויף אורלויב צוריק צו זיך אַהיים.

דו ציסט זיך צו דיין ברודער, זעסט אים אין זאַל,
אין שימער פון די מענטשן־קעפּ דו גיסט צו אים אַ פאַל...

דו שוועבסט איצט צו די שינעס אין דער שטורעם נאַכט,
די באַן זי ליגט צעשמעטערט—גופים ווי אויף אַ שלאַכט...

פון די חורבות טויטע דו הויבסט דיין ברודער אויף,
טראָגסט אים אויף די הענט אויף דער בינע איצט אַרויף.

ד שלאָגסט צוריק די פלאַמען, וואָס לעקן זיינע הענט,
דו קושט דיין ברודערס פּנים—ער האָט דיין שטים דערקענט...

דו וועקסט אים אין זיין חלום, ברודער, ברודער מיין!
צו גאָלדפּאַדענס שפּיל— געזאָלט האָסטו היינט זיין...

דו שפּילסט פאַר אים טעאַטער—בלויז פאַר אים אַליין.
פון דיין קול—ווי פון אַ פלייט עס שלאָגט אַ ים געוויין...

דו שוועבסט ווי אין אַ חלום, גאָלדפאַדען קוקט אַראָפּ פון בילד,
ווי אַ כישוף־פידל האָסטו דיין צער צעשפּילט.

און די באָבע־יאַכנע גיט דיר אַ פראַשעק איין;
אין גאָלדפאַדענס חלום—זאָל עס אַ חלום זיין...

פון די אַלע העלדן ביסטו היינט אַליין אַ העלד:
האָסט פאַרשפּילט דיין אומגליק אין אַ חלום־וועלט...

9

ניט קוקנדיק אויף דעם גרויסן קינסטלערישן דערפאָלג פון „אַ גאָלד־פאַדען חלום" וואָס האָט געהאַט גוטע אויסזיכטן געשפּילט צו ווערן אַ גאַנץ יאָר, — האָט אָבער דער פאָלקס־בינע קאָלעקטיוו זיך ניט געוואָלט באַנוגענען מיט דעם, און געהאַט דעם פּלאַן אויפצופירן נאָך אַ פּיעסע דעם זעלבן סעזאָן — 43־1944.

דער פּלאַן איז געווען צו שפּילן אַ דראַמע, און ניט קיין מוזיקאַלישע שפּיל. מיר האָבן געלייענט אַ גרויסע צאָל פּיעסן און אונדז איז זייער געפעלן ה. לייוויקס פּיעסע, „די אָרעמע מלוכה". לייוויקס פּיעסע גיט אַלע מעגלעכקייטן פאַר שוישפּילער צו שאַפן אינטערעסאַנטע טיפּן. דער פּערסאָנאַל איז דאָן געווען אַ גרויסער און אַלע שוישפּילער וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין גאָלד־פאַדענס חלום האָבן געוואָלט, נאַטירלעך, אויך אָנטייל נעמען אין לייוויקס דראַמע. דאָס איינשטודירן לייוויקס „די אָרעמע מלוכה", איז פאַר די שוי־שפּילער געווען זייער אינטערעסאַנט, ווייל אין דער פּיעסע האָט יעדער שוישפּילער געמוזט צוטראָגן זיין גאַנץ ביסל אייגנס. די פּיעסע האָט ניט געקאָנט געדעקט ווערן מיט עפּעס אַנדערש, ווי מיט די פעאיקייטן פון דעם שוישפּילער. קיין אַנדערע עפעקטן האָבן דאָ ניט געקאָנט העלפן.

הענאָך קאָן האָט געשאַפן די מוזיק פאַר דער פּיעסע. ה. קאַנדעל האָט געבויט די דעקאָראַציעס מיט דער הילף פון די שילער פון האַנטער קאָלעדזש, וואו ער איז געווען לערער.

אַלע צוגרייטונגען זיינען געמאַכט געוואָרן פאַר דער פּרעמיערע. דער אַנסאַמבל האָט זיך שוין צוגעוואוינט צו פּרעמיערעס. עס האָט זיך געפילט ביי יעדן אַ זיכערקייט, דער געמיט איז געווען אַ לייכטער, כאָטש די פּיעסע האָט פון יעדן געפאָדערט אַ סך ערנסט. די שוישפּילער זיינען אַלע געווען דורכגעדרונגען פון לייוויקס סימבאָלישן רעאַליזם. די פּרעמיערע איז באַשטימט געוואָרן אויף דעם 18טן מערץ, 1944.

„די אָרעמע מלוכה" איז אויפגענומען געוואָרן פון דעם עולם מיט אַ געוואַלדיקער פּאָראינטערעסירטקייט. די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן קינסטלעריש. ס'איז געווען אַ גרויסע מהלך פון דעם פרייליך־אומעטיקן „אַ גאָלדפאַדענס חלום" ביז דער טיפער דראַמע פון ה. לייוויקס „אָרעמע מלוכה" וואו עס ווערט געשילדערט די וועלט פון בעטלער. מען האָט די פּיעסע געשפּילט יעדן שבת ביז צום ענדע פון דעם סעזאָן. די פּרעסע האָט זיך זייער גוט אָפּגערופן.

ביי דער פּרעמיערע האָט לייוויק געהאַלטן אַן אינטערעסאַנטע רעדע וועגן דעם מצב פון דעם איצטיקן יידישן טעאַטער. צום סוף האָט ער האַרציק באַדאַנקט די שוישפּילער און די אָנפירער פון דער פאָלקס־בינע פאַר זייער ערנסטער באַציאונג צו די שאַפונגען פון יידישן דראַמאַטורג.

יענער סעזאָן 43־1944 איז געווען אַ גייסטרייכער. 62 מאָל איז געשפּילט

„די אָרעמע מלוכה" — פון ה. לייוויק



פון רעכטס: (עס יצן) משה דע־רוויז, יעקב ראָזענבלום. (שטייען) אַנאַ בעק, חנה לעווין און לואי בעק.

געוואָרן „אַ גאָלדפאַדען חלום", און 8 פאַרשטעלונגען פון דער „אָרעמער מלוכה", מיט אַ באַזוכערשאַפט פון אַריבער 10 טויזנט טעאַטער־באַזוכער.

אָט איז אַ טייל פון אַן אַרטיקל, וואָס דניאל טשאַרני האָט געשריבן וועגן דער אויפפירונג פון ה. לייוויקס „אָרעמע מלוכה" און „„אויפן שוועל", אַפּריל, 1944:

„די אויפפירונג פון לייוויקס „אָרעמע מלוכה" האָט אונדז איבערצייגט, אַז ראָטבאַום איז ניט נאָר דער ריכטיקער רעזשיסאָר נאָר אויך אַז דער טעאַטער־קאָלעקטיוו פון דער פאָלקסבינע זייַנען שוין די ריכטיקע צייטיק־געוואָרענע אַרטיסטן. דער בראַווער רעזשיסאָר ראָטבאַום טוט ווירקלעך גוט וואָס ער קולטיווירט ניט אין זיין שוישפּילער־קאָלעקטיוו די פאַרשאָלטענע סטאַר־סיסטעם, וואָס האָט, גלויב איך, אומגליקלעך געמאַכט אונדזער טעאַטער־

קולטור. אַלע אַרטיסטן פון דער פאָלקסבינע מוזן גלייך מיטשפּילן — ווער מער, ווער ווייניקער, אָבער אַלע מוזן גוט שפּילן ווי קליין די ראָלע זאָל ניט זיין. דעריבער שניידט זיך אַריין אין זכרון די געשטאַלט פון דעם בלינדן בעטלער (לואי בעק), פּונקט אַזוי ווי די געשטאַלט פון יונתן (היימאַן זיינער) און פון דעם שיינעם יידן (בען קעסלער) און די „ליבהאָבערינס״, (אַנאַ בעק, דבורה אויערבאַך, און חנה לעווין) וואָס האָבן אין „אַ גאָלדפאַדען חלום״ איינע און דיזעלבע קליינע ראָלע פון דער שטיפמאַמען, זיינען דאָ שוין אַלע דריי אין לייוויקס „אַרעמע מלוכה״ דערהויבן געוואָרן צו דריי גאַנץ באַזונדערע און פאַראַנטוואָרטלעכע ראָלן. די דריי בעטלערינס פאַרשניידן זיך גאַנץ גוט אין זכרון פונעם צושויער, — באַזונדערס חנה לעווין״.

***

די פאַרשטעלונגען אין דעם סעזאָן 43-1944 האָט דער פאָלקס־בינע גע־שאַפן זייער אַ גוטן נאָמען אין דער יידישער און ניט־יידישער טעאַטער־וועלט. די צוגרייטונג פאַר דעם קומענדיקן סעזאָן איז איבערגעגעבן געוואָרן צו דער ביי־דערוויילטער פאַרוואַלטונג. די פירערשאַפט איז כמעט באַשטאַנען פון די זעלבע מענטשן וואָס האָבן פריוויליג דורכגעפירט די אַרבעט אין די פאַרגאַנגענע יאָרן.

מען האָט דאַן געהאַלטן ביים דינגען פאַר דער פאָלקס־בינע דעם פּרעזי־דענט־טעאַטער אויף דער 48סטער גאַס, אין ניו־יאָרק. דער טעאַטער־בנין וואָלט געוועזן צוגעפּאַסט פאַר דער פאָלקסבינע, כאָטש די אויסגאַבן האָבן אפילו געדאַרפט זיין פיל גרעסער ווי אין דעם מאַלין טעאַטער.

אמת, מיר האָבן געוואוסט אַז די פאָלקס־בינע אַליין וועט ניט קענען זיך אונטערנעמען אויסהאַלטן אַזאַ בנין, האָבן מיר געגרינדעט אַ געזעל־שאַפט פון „פריינד פון דער פאָלקס־בינע״, און מיר האָבן גערופן אַ פאַר־זאַמלונג פון די דאָזיקע פריינד און קולטור־טוער, וואו עס איז געשאַפן געוואָרן קרוב צו צוויי טויזנט דאָלער. מיר זיינען אין אַ פאַר טעג אַרום אַוועק צום באַלעבאָס פון דעם פּרעזידענט־טעאַטער, מכח דינגען דעם בנין, אָבער מיר זיינען געקומען אַביסל צו שפּעט; דער טעאַטער איז שוין געוועזן פאַרדונגען צו אַן אַנדער טרופּע. זיינען מיר ווייטער פאַרבליבן אין דעם קליינעם „מאַלין טעאַטערל״, און זיך פאַרזיכערט צו קענען שפּילן דריי פאַרשטעלונגען יעדע וואָך. מיר האָבן באַוויזן צו מאַכן געוויסע אויסבעסערונגען אין דעם טעאַטערל, אויף אונדזער אייגענעם חשבון, און מיר האָבן באַפּוצט די „לאָבי״ מיט ביל־דער פון אונדזערע אויפפירונגען, עס זאָל אויסקוקן לייטישער. אַזוי, אַז אַרום און אַרום האָט עס געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ שיין, קליין, אינטים טעאַטערל. נאָך די אַלע איינריכטונגען איז אין דער קאַסע אונדזערער געבליבן גאָר ווינציק געלט, כדי אָנצוהויבן, ווי עס באַדאַרף צו זיין, דעם נייעם סעזאָן.

מיר האָבן געהאַט אַן אָפּמאַך מיט יעקב ראַטבאַום, אויף אַ יאָר צייט.

אונדזער אָפּמאַך איז געווען, אַז ער דאַרף אַרבעטן אויסשליסלעך מיט דער פאָלקסבינע, אַז ער דאַרף אויפפירן קומענדיקן סעזאָן צוויי נייע פּיעסן, און דערצו נאָך געבן קורסן וועגן טעאַטער פאַר די מיטגלידער פון אונדזער טעאַטער־קאָלעקטיוו; און אַז ער האָט דאָס רעכט צו שטעלן בלויז איין פּיעסע מיט דעם „נייעם פאָלקס טעאַטער". עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז צוליב דעם וואָס ראָטבאַום איז געווען באַשעפטיקט ביים רעזשיסירן אַ פּיעסע מיט דעם פאָלקס טעאַטער, איז די אַרבעט פון דער פאָלקס־בינע פאַר־נאַכלעסיגט געוואָרן און מיר האָבן שוין ניט געהאַט קיין אויסזיכט צו געבן אַ נייע אויפפירונג אַנהויב סעזאָן. האָבן מיר באַשלאָסן ווידער צו עפענען דאָס טעאַטער מיט „אַ גאָלדפאַדען חלום" און די „אַרעמע מלוכה" אַנהויבנדיק דעם 14טן אָקטאָבער, 1944, אין דער צייט ווען מען וועט שפּילן שבת און זונטיק, און זיין גרייט מיט אַ נייער אויפפירונג ניט שפּעטער ווי אין אַנהויב דעצעמבער. מיר האָבן באַשלאָסן אויפצופירן די באַרימטע קאָמעדיע „דאָס גרויסע געווינס" פון שלום עליכם.

10

„דאָס גרויסע געווינס" איז ביי דער פאָלקס־בינע אַנדערש געשטעלט געוואָרן. יעקב ראָטבאַום האָט אַריינגעגעבן אַ סך נייקייטן, געזאַנג־נומערן; מיט טעקסטן פון משה בראָדערזאָן, מוזיק — הענאָך קאָן. אין די שוישפּילער האָבן זיך גענומען גאָר ערנסט צו דער אַרבעט, און מיט גרויס חשק האָט יעדער שוישפּילער זיך געפּלייסט צו שפּילן און אַרויסצוברענגען שלום עליכמס הומאָר פאַר דעם עולם. די פּרעמיערע פון „דאָס גרויסע געווינס" איז געשפּילט געוואָרן שבת דעם 13טן יאַנואַר 1945.

די אויפפירונג האָט איבערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונגען. אַלע, אָן אויסנאַם, האָבן זיך אויסגעצייכנט אין דער קאָמעדיע. דער עולם האָט גרויס הנאה געהאַט זיצנדיק אין טעאַטער. מען האָט געלאַכט האַרציק און אויפן קול, און דאָס געלעכטער, יידישלעך, פון דער חכמה וואָס די וואוילע און האַרציקע העלדן שלום עליכמס ברענגען אַרויס מיט זייער רעדן און מיט זייערע האַנדלונגען. די פּרעסע האָט דער פאָלקס־בינע שטאַרק געלויבט, אָט וואָס ד"ר ל. פאַגעלמאַן האָט געשריבן וועגן „דאָס גרויסע געווינס", אין „פאָרווערטס" דעם 2טן פעברואַר, 1945;

„דאָס גרויסע געווינס" איז דורכאויס פאָלקסטימלעך, סיי לויטן אינ־האַלט סיי לויטן הומאָריסטישן און לירישן גייסט. שלום עליכם אַנטפּלעקט זיך דאָ פאַר אונדז, לויט יעקב ראָטבאַומס רעזשי אין אַ מאָדערניסטישער אויפפאַסונג, אין דעם גייסט פון גראָטעסק, און אַ לייכטן פאָלקס־שפּיל.

אַ באַזונדער אָנגענעמען איינדרוק מאַכט דאָס שפּילן פון דער טרופּע: היימאַן זיינער שפּילט גאַנץ גוט דעם שניידער; ליליען־בלום־קאַנדעל — דעם שניידערס טאָכטער; יהושע זעלדיס און לואי סיגעל — אַ טשיקאַווע אימוזאַנטע פּאָרל פון נאַאיווע פּאַרליבטע שניידער־יונגען; מאַקס ניידיטש

איז אויסגעצייכנט אַלס דער שדכן; יעקב ראָזענבלום און ברוך פּייועלאָוויטש, רעני ספּעקטאָר און שרה סטעבין; ראָזאַ ראָזענצווייג, חנה לעווין, פּאָלין ווייטמאַן; יוסף וואָלפסאָן, אהרן האַליץ; מאָריס אַדלער, בנימין קרעמער און משה דערווין צייכענען זיך אַלע אויס אין די שלום עליכם טיפּן פון דער שלום עליכם קאָמעדיע".



„דאָס גרויסע געווינס" פון שלום עליכם

פון רעכטס: מאָריס אַדלער, מיכל נידזשש, חנה לעווין, יעקב ראָזענבלום, פּאָלין ווייטמאַן, יוסף וואָלפסאָן. אויבן שטייען: שרה סטיבין, רעני ספּעקטאָר און חיים זיינער.

די פאָרשטעלונגען פון „דאָס גרויסע געווינס" זיינען אָנגעגאַנגען דריי מאָל אַ וואָך, רעגלמעסיק. דער עולם האָט אַלע מאָל אויפגענומען די שלום עליכם-קאָמעדיע מיט צופרידנקייט. אַזוי זיינען אַוועק עטלעכע וואָכן און צו קיין נייער אַרבעט האָט מען זיך נאָך אַלץ ניט גענומען. מיר האָבן שוין קיין

צווייטע אויפפירונג ניט געקאָנט צוגרייטן. די שטימונג אין דער פאָלקס־בינע איז געווען אַ געדריקטע, אויסערדעם איז די פינאַנציעלע לאַגע ניט געווען קיין גוטע, ווייל אונדזערע אויסגאַבן פאַר די אָנגעשטעלטע זיינען געווען זייער גרויסע. מען האָט אויך געצאָלט כסדר ראָיאַלטיס. און כדי אַלץ צו דעקן האָבן מיר געמוזט אָנקומען נאָך הילף סיי צו דעם א. ר.

„דאָס גרויסע געווינס" פון שלום עליכם



ה[illegible] זייער, יעקב ראָזענבלום, שרה סטייבין, אַנאַ בעק, ליובאַ בלום־קאַנדעל, רענעי ספעקטאָר, דבורה אויערבאַך, יהושע זעלדיס, לואי סיגאַל, לואי בעק, מיכל ניידיטש, ברוך פייוועלאָוויטש, ראָזע ראָזענצווייג, מאָריס אַדלער, יוסף וואָלפסאָן, חנה לעווין, בנימין קרעמער, מינדל גוירנער, משה דערווין, חיים נעטער, פאָלאַ ווייטמאַן.

און סיי צו יחידים. אַ פריינד פון דער פאָלקס־בינע האָט באַצאָלט פאַר די דעקאָראַציעס און די קליידער, און דאָס האָט אַביסל לייכטער געמאַכט די שווערע לאַסט וואָס האָט די פאָלקס־בינע געדריקט.

מיר האָבן אָבער געהאַט גוטע אויסזיכטן צו דעקן אונדזער דעפיציט

דורכן געבן פאַרשטעלונגען סוף סעזאָן, אין אַנדערע שטעט. מיר האָבן פאַר־האַנדלט מיט ניו־יאָרקער טעאַטערס, מיט פילאַדעלפּיע און מאָנטרעאָל. אין מאָנטרעאָל האָבן געזעלשאַפטלעכע טוערס געאַרבעט און צוגעגרייט פּלענער, אַז די פאָלקס־בינע זאָל קומען אַהין אויף פסח און דאָרט אויפפירן „אַ גאָלדפאַדען חלום". אָבער פון דעם פּלאַן צו שפּילן אין מאָנטרעאָל איז גאָר נישט געוואָרן, צוליב דעם וואָס יעקב ראָטבאַום איז אַן אונדזער דערלויבעניש געפלויגן 2 מאָל אין וואָך קיין מאָנטרעאָל און דאָרט צוגעגרייט מיט דעם „מאָנטרעאָלער יידישן כאָר" איין אויפפירונג פון „אַ גאָלדפאַדען חלום" אונ־טער דעם נאָמען „זכרונות פון אַמאָל".

מיר האָבן געשריבן דעם מאָנטרעאָלער כאָר, אַז מיר פּלאַנירן צו קומען קיין מאָנטרעאָל מיט „אַ גאָלדפאַדען חלום" און אַז ראָטבאַום האָט ניט קיין רעכט אויסצופירן די פּיעסע מיט אַנדערע גרופּן ווייל דאָס ברענגט אונדז שאָדן. האָבן זיי געענטפערט, אַז זיי האָבן געמאַכט אַ קאָנטראַקט מיט ראָט־באַומען און זיי מאַכן אַלע צוגרייטונגען און זיי קאָנען דאָס איצט ניט אָפּשטעלן ווייל זיי וועלן האָבן גרויסן פינאַנציעלן שאָדן.

מיר האָבן געפּרובירט ווירקן אויף ראָטבאַומען אַז ער זאָל ניט שטעלן „אַ גאָלדפאַדען חלום" אין מאָנטרעאָל, ווייל לויט אונדזער אָפּמאַך טאָר ער ניט אַרבעטן מיט אַנדערע גרופּן, און אַז ער פאַרנאַכלעסיגט די אַרבעט מיט דער פאָלקס־בינע, און אַז ברענגט אונדז דערמיט גרויס שאָדן. אונדזערע טענות האָבן ניט געהאָלפן און מיר האָבן געמוזט איבעררייסן אונדזערע פאַרבינדונגען מיט יעקב ראָטבאַומען. נאַטירלעך איז פאַרלויפיק גאָר נישט געטאָן געוואָרן צוצוגרייטן פּלענער פאַר דער צוקונפט.

אונטער אַזעלכע אומשטענדן האָבן מיר געאַרבעט יענעם סעזאָן 1944־1945. די פאַרשטעלונגען פון דעם „גרויסן געווינס" זיינען אָנגעגאַנגען ביז אַפּריל דעם 13טן, 1945.

אַפּריל דעם 27סטן האָבן מיר געשפּילט אין פילאַדעלפּיע פאַר די א. ר. שולן „אַ גאָלדפאַדען חלום".

אין דעם זעלבן אָוונט האָט אין פילאַדעלפּיע גאַסטראָלירט די טרופּע פון ברוקלין פאַרקוועי־טעאַטער. דער מענעדזשער פון דער טרופּע מר. גאָלדבערג איז געקומען אין טאַון האָל. זעענדיק דעם ערשטן אַקט פון „אַ גאָלדפאַדען חלום" האָט ער זיך געווענדט צו דעם פאַרוואַלטער פון דער פאָלקס־בינע און געשלאָסן מיט אים אַן אָפּמאַך, אַז קומענדיקע וואָך זאָל די פאָלקס־בינע שפּילן אין פאַרקוועי־טעאַטער, אין ברוקלין, „אַ גאָלדפאַדען חלום".

מיר האָבן אין ברוקלין געשפּילט 6 פאַרשטעלונגען. מיר האָבן דאָרט געשפּילט גאָר פאַר אַן „אַנדער עולם", אַן עולם וואָס איז געווען אַ שטענדיקער באַזוכער פון לייכטערע קאָמעדיעס און מעלאָדראַמעס, פון ניט גאָר קיין הויכער מדרגה. אָבער מען האָט אונדז אויפגענומען זייער שיין און גוט.

די עטלעכע פאַרשטעלונגען האָבן אונדז אַביסל געהאָלפן פינאַנציעל. וואָס

שייך אונדזערע פאַרבליבענע חובות האָבן געצײלטע פאָלקס־בינע פריינד ווידער זיך צוזאַמענגענומען און אַלע חובות אָפּגעצאָלט.

כאָטש אונדזער מאַטעריעלער צושטאַנד איז געווען אַ שווערער יענעם סעזאָן, און מיר האָבן ניט דורכגעפירט אַלע אָנגעצייכנטע פּלענער, זיינען מיר דאָך כמעט געווען צופרידן סיי פון דעם סעזאָן און אויך פון די לעצטע דריי. מיר האָבן אין משך פון דריי טעאַטער־סעזאָנען געגעבן: דרייצן פאָרשטעלונגען פון „אָנקל מאָזעס", צען פאָרשטעלונגען פון „ריווער־סייד דרייוו"; הונדערט פאָרשטעלונגען פון „אַ גאָלדפאַדען חלום"; 22 פאָר־שטעלונגען פון דער „אָרעמער מלוכה", און 42 פאָרשטעלונגען פון דעם „גרויסן געווינס". צענדליקער טויזנטער באַזוכער האָבן געזען די אויבנדער־מאָנטע פאָרשטעלונגען, און מיט רעכט קען מען זאָגן, אַז די פאָלקס־בינע האָט אין דער שווערער צייט, טראָץ אַלע באַגרענעצטע מיטלען, באַוויזן זייער אַ סך און זייער פיל בייגעשטייערט און אַריינגעשריבן איר אייגן קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דעם יידישן טעאַטער אין אַמעריקע.

11

די פאָלקס־בינע האָט זיך יענעם סוף־סעזאָן געגויטיגט אין אַ רעזשיסאָר. דער רעזשיסאָר דוד ליכט פון אַרגענטינע איז אונדז רעקאָמענדירט געוואָרן פון וויכטיקע פּערזענלעכקייטן, — וואָס זיינען פאַרבונדן מיט יידישער קולטור־אַרבעט, — אַלס אַ גאָר פיינער רעזשיסאָר. דוד ליכט האָט זיך דאַן געפונען אין אַרגענטינע, האָבן מיר זיך מיט אים דורכגעשריבן און דערציילט אין קורצן ווער די פאָלקס־בינע איז, און אַז מיר וואָלטן אים געוואָלט האָבן אַלס רעזשיסאָר פאַר דער פאָלקס־בינע. עס האָט לאַנג ניט געדויערט און מיר האָבן פון אים באַקומען אַן ענטפער.

אין דעם בריוו וואָס ער שרייבט אונדז, לאָזט ער אונדז וויסן אַז ער וויל גערן קומען און אַרבעטן מיט אונדז. כאָטש די באַדינגונגען האָבן אונדז גע־דאַרפט אַריינברענגען אין גרויסע התחייבותן האָבן מיר דאָך אָנגענומען זיינע פאָרשלאָגן, ווייל מיר האָבן געפילט אַז מיט ליכטס אַהערקומען צו אונדז וועט דער קינסטלערישער ניוואָ פון דער פאָלקס־בינע דערהויבן ווערן. גלייך נאָך דוד ליכטס אָנקומען צו אונדז, האָבן מיר געהאַט עטלעכע באַראַטונגען און דיסקוטירט אַלע פּראָבלעמען פאַר דעם קומענדיקן סעזאָן.

דעם 11טן נאָוועמבער 1945 איז פאָרגעקומען דער אָפיציעלער קבלת־פּנים פאַר דוד ליכטן, פאָרטרעטער פון א. ר., שוישפּילער און שרייבער, האָבן אים האַרציק באַגריסט. נאָך אַלע באַגריסונגען האָט דוד ליכט גערעדט פאַרן עולם, געדאַנקט פאַר דער האַרציקער אויפנאַמע „איך בין געקומען אַהער", האָט ער געזאָגט דאַן, אין זיין רעדע; „איינצוגלידערן זיך אין דעם שעפערישן יידישן קולטור־לעבן. וואָס שייך טעאַטער, גלויב איך, אַז מיר דאַרפן עס אָנהויבן בויען פון דאָס ניי, מיר זיינען צו אָרעם און אין דער זעלבער צייט

— צו רייך, צו קאָנען זיך דערלויבן צופיל שלעכטע טעאַטערס. די אויפגאַבע פון דער פאָלקס־בינע דאַרף זיין אַ פול ברייטערע, און פיל טיפערע ווי צו זיין בלויז נאָך אַ טעאַטער אין ניו־יאָרק״.

צוליב דעם וואָס דוד ליכט איז געקומען פיל שפּעטער ווי מיר האָבן דערוואַרט האָבן מיר זיך געמוזט צווײלן, און גלייך טאָקע צוגעטראָטן צו דער אַרבעט איינצושטודירן אַ נייע פּיעסע. פון די אַלע פּיעסן וואָס ליכט האָט געבראַכט מיט זיך און פאַר אונדז געלייענט, האָבן מיר אויסגעקליבן צו שפּילן דעם סעזאָן פון 1945־46 „מנחם מענדל חלומט״. אַ פּיעסע, באַזירט לויט שלום עליכמס באַרימטן ווערק „מנחם מענדל מיעהופּעץ״ (אין דעם בריוו אויסטויש מיט זיין ווייב שרה שיינדל), באַאַרבעט פון דוד ליכט, מיט מוזיק פון ה. לודוויק. די שוישפּילער האָבן מיט פולן ערנסט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט צו שאַפן די געשטאַלטן וואָס שלום עליכם האָט געשילדערט אין זיין בוך „מנחם מענדל״. אין דער צייט וואָס פראָבן זיינען אָנגעגאַנגען זיינען צוגעגרייט געוואָרן אַלע נויטיקע טעכנישע איינשטעלונגען. די צוגרייטונגען האָבן באַטראָפן טויזנטער און דאָס געלט איז געווען שווער צו שאַפן. מיר האָבן געהאַט מנחם מענדלס חלומות ווי אַזוי צו שאַפן דאָס געלט, אָבער מיר האָבן געהאַט מער מזל ווי מנחם מענדל אין זיינע געשעפטן... מיר האָבן גערופן אַ קאָנ־פערענץ פון ברענטשעס פון א. ר. און יוניאָנס, און ביי דער קאָנפערענץ איז געשאַפן געוואָרן אַ גאַנץ פיינע סומע. און אויך אַ צוזאָג, אַז די דעלעגאַטן וועלן ווירקן אַז זייערע אָרגאַניזאַציעס זאָלן קויפן בענעפיטן. מיר האָבן זיך אויך געווענדעט צו די מיטגלידער און צו די פריינד פון דער פאָלקס־בינע, און דער רעזולטאַט איז געווען בעסער ווי דערוואַרט. פריינד לואי בעק ע״ה האָט דאַן געגעבן אַ מתנה דער פאָלקס־בינע אַ מוזיקאַלישן אינסטרומענט (אַ פּוס־האַרמאָני). דאָך זיינען די זאַמלונגען ווייט ניט געווען גענוג צו דעקן די הוצאות. אַ טאָג פאַר דער פאָרשטעלונג זיינען מיר נאָך געווען שולדיק פאַר די דעקאָראַציעס און פאַר דער נייער באַלייכטונג. אויך פאַרן פאַרגרעסערן די בינע. און צו נעמען געלט איז ניט געווען וואו. ס׳איז נאָך געווען אַ האָ־פענונג צו באַקומען דאָס נויטיקע געלט ביי אַ חשובן פריינד פון דער פאָלקס־בינע, דאָס זיינען די טייערע וועלוול און באַלטשע וואָלקין, זיי האָבן געגעבן אַ מתנה דער פאָלקסבינע 500 דאָלער. (אגב, דאָס זיינען געווען די זעלבע פריינד וואָס האָבן אונדז פריער געהאָלפן.) און דאָס האָט מעגלעך געמאַכט צו באַצאָלן די חובות.

די נייעס איז אויפגענומען געוואָרן מיט פרייד און אַלע שוישפּילער האָבן געפילט אַז מען איז מער ניט אַליין, און מיט אַ גוטן געמיט זיינען די לעצטע צוגרייטונגען געמאַכט געוואָרן פאַר דער פּרעמיערע פון „מנחם מענדל חלומט״ שבת אָוונט, דעם 2״טן יאַנואַר, 1946. דער גאַנצער קאָ־לעקטיוו האָט מיט גרויס ערנסט און פייערלעכקייט געשפּילט די נייע פּיעסע אונטער אונדזער נייעם רעזשיסאָר דוד ליכט, און אַזוי דעם גאַנצן סעזאָן. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דוד ליכט איז זייער אַ באַגאַבטער און ענערגישער רע־

זשיסאָר און אויך אַ גוטער לערער. חוץ דעם האָט ער דעם טאַלאַנט צו באַ־אַרבעטן די פּראָזע פון אַזאַ געניאַלן שרייבער ווי שלום עליכם, און אַזוי פיל איבערצוגעבן. אין „מנחם מענדל חלומט" זיינען דערשינען די אַלע באַקאַנטע העלדן שלום עליכמס, און ווידער האָבן מיר געהערט דעם קלוגן הומאָר פון דעם גרויסן הומאָריסט, פון וועלכן עס לאַכט זיך אַזוי האַרציק.

אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק האָט אויך געמאַכט די צוגעפּאַסטע מוזיק פון ה. לודוויק, אַראַנזשירט (פאַר פּיאַנאָ און פוס־האַרמאָניע) פון הענאַך קאָן. אויך די טענץ איינשטודירט פון דזשוליאַ לעווין. אַ גאַר גרויסן בייטראַג צו דער אויפפירונג האָט געגעבן ה. קאַנדעל מיט זיינע דעקאָראַציעס, דוד ליכטס רעזשי פאָדערט תמיד צו שטעלן אַ פּיעסע מיט פילע דעקאָראַציעס, אַזוי, אַז מיר האָבן געמוזט צוליב דעם פאַרגרעסערן די בינע.

דער טעאַטער עולם האָט אויפגענומען די פאָרשטעלונגען אויסערגעוויינ־לעך גוט. און די פּרעסע, די קריטיק האָט זיך זייער גוט אָפּגערופן. אָט איז אַ טייל פון דעם וואָס ש. ד. זינגער שרייבט וועגן דער אויפפירונג פון „מנחם מענדל חלומט" אין „קולטור און דערציאונג", מערץ, 1946 :

„די פאָלקסבינע מעג זיך אַליין גראַטולירן וואָס שייך דער גאַנצער אויפ־פירונג. דאָס קליינע טעאַטערל איז פול מיט געלעכטער פון דער ערשטער ביז דער לעצטער סצענע. און דער געלעכטער איז אַ האַרציקער, אַ שלום־עליכמדיקער, אַזאַ וואָס דערמאָנט אונדז די מאָריס שוואַרץ־אויפפירונגען פון „שווער צו זיין אַ ייד", און „דאָס גרויסע געווינס". דוד ליכט האָט באַוויזן צוריקצוברענגען יענעם האַרציקן, געלייטערטן געלעכטער צום היינטיק־בע־סערן יידישן טעאַטער צושויער — וועמען עס לאַכט זיך, אגב אַזוי ווינציק... אויף דער בינע, אין דעם מאַלין־טעאַטער, באַוועגט זיך אַ גרופּע שפּילער, וואָס מען פאַרגעסט לחלוטין אַז זיי זיינען ניט קיין פּראָפעסיאָנעלע שוישפּי־לער, נאָר אַזעלכע וואָס ווערן געפירט פון אַ רעזשיסאָרס האַנט. פון דעם „אַ גאָלדפאַדען חלום", ביז דעם „מנחם מענדל חלום", איז די פאָלקסבינע באמת אויסגעוואָקסן.

יהושע זעלדיס, וועמען מיר געדענקען נאָך אין דער ראָלע פון האָצמאַך, אין „אַ גאָלדפאַדען חלום", האָט זיך דאָ, אין דער געשטאַלט פון מנחם מענדלען ממש איבערטראָפן. לייכט, שוועבנדיק, מיט אַן אַ שיעור חן שפּילט ער די ראָלע. דער איבערגאַנג פון חלום ביז וואָר און צוריק שפּילט זעלדיס אָן יענע אָנשטרענגונגען, וואָס זעלטן גיט זיך דאָס איין אַן אמתן פּראָפע־סיאָנעלן שוישפּילער.

לעבעדיק איז אויך אַרויסגעקומען די באַרימטע שוויגער מנחם מענדלס, געשפּילט איבעראַשנדיק גוט פון שרה סטייבין.

ס'איז דאָ שלום עליכם אין אַ גוטער מאָס. שלום עליכם אין זיין פאַנ־טאַזיע. שלום עליכם וואָס האָט האַרציק געלאַכט איבער זיינע קאַסריליעווקער פאַרשוינען, אָבער מיט ליבשאַפט, און דער עיקר, מיט טיפער פאַרשטענדעניש".

***

די פאָלקס־בינע האָט די פיעסע „מנחם מענדל חלומט" געשפּילט 40 מאָל. מען האָט די פּיעסע אויך אויפגעפירט אין סטעמפּאָרד, קאָנ., פאַר דעם דאָרטיקן יידישן צענטער. מיר האָבן אויך געשפילט אַ סצענע פון „מנחם מענדל חלומט" אין טאַון האָל דעם 9טן יוני 1946, אַראַנזשירט פון דער „ציקאָ", צו דעם 30טן יאָרצייט פון שלום עליכם.

אין אַלגעמיין איז דאָס געווען אַ גוטער סעזאָן. מיט אַ גוטער באַזור־כערשאַפט, אָבער די הכנסה האָט ניט געדעקט די ריזיקע אויסגאַבן. מיר האָבן זיך שוין אָבער פאַר דער צייט צוגעוואוינט און זיך אויסגעלערנט צו וויסן אַז צווישן קונסט און געלט איז ניט קיין שידוך. יענער סעזאָן האָט אונדז איבערצייגט, אַז ס'איז דאָ פּלאַץ אין ניו־יאָרק פאַר אַ גוט טעאַטער, אָבער עס מוז דערביי געשאַפן ווערן די נויטיקע געלט־מיטלען וואָס זאָלן אויסהאַלטן אַ קליינעם ערנסטן טעאַטער.

מיט דעם קינסטלערישן דערפאָלג פון „מנחם מענדל חלומט" איז אויך געוואַקסן די חשיבות צו זיך אַליין און צו די אייגענע כוחות. מ'איז איצט געווען גרייט זיך צו פאַרמעסטן אויף אַ פּיעסע וואָס זאָל, אין פאַרנעם, ניט זיין קלענער פון דער שלום־עליכם־קאָמעדיע.

12

מיר האָבן גערן געוואָלט שפּילן איינס פון י. ל. פּרצעס דראַמאַטישע ווערק. באַזונדערס איז דער פאַרלאַנג געווען ביי אַלעמען צו שפּילן פּרצעס „אין פּאַליש אויף דער קייט". מיר האָבן געוואוסט אַז דוד ליכט האָט געמאַכט אַ באַאַרבעטונג פון דער דאָזיקער דראַמאַטישער פּאָעמע. מיר האָבן אויך געוואוסט, אַז ליכט האָט אויפגעפירט זיין באַאַרבעטונג פון „אין פּאַליש אויף דער קייט" אין פּאַריז און אין בוענאָס איירעס.

אין איינעם אַן אָוונט האָט ליכט פאַר אונדז געלייענט זיין באַאַרבעטונג פון פּרצעס דראַמאַטישער פּאָעמע. מיר זיינען אַלע געווען באַגייסטערט. ווייל מיר האָבן געהערט מער ווי מיר האָבן דערוואַרט. ליכט האָט אין זיין באַאַרבע־טונג פון פּרצעס דראַמע אויך אַריינגעוועבט געשטאַלטן פון פּרצעס ווערק. עס איז געבליבן, ווי ביי פּרצן, אַ דראַמע אין דריי אַקטן. דער סדר אָבער איז אין דער ליכט־באַאַרבעטונג געווען אַן אַנדערער ווי ביי פּרצן. מ'האָט אָבער געפילט אין יעדער סצענע דעם גרויסן פּרץ־גייסט, דעם סאָציאַלן אומרו פּרצעס, און די אידייע פּרצעס, די קאָנפליקטן צווישן דעם אַלטן און דעם נייעם דור. און מער נאָך האָבן מיר געפילט, ווי ליכט האָט גאָר נישט געמינערט פון פּרצן, נאָר פאַרקערט, ער האָט אַרויסגעוויזן פיל קענטשאַפט אין פּרצעס ווערק.

די פּיעסע „אין פּאַליש אויף דער קייט", ווי ליכט האָט זי פאַר אונדז געלייענט, און בעת־מעשה געמאַכט זיינע דערקלערונגען און פירושים, ווי ער,

אַלס רעזשיסאָר, פאַסט אויף די דראַמע, — איז אונדז אַלעמען זייער שטאַרק געפעלן, כאָטש מיר האָבן געוואוסט אַז אויפפירן „אין פאַליש אויף דער קייט" וועט אונדז גרינג נישט אָנקומען.

אַזוי איז טאַקע געווען. אַריבער דריי חדשים האָט געגומען איינשטודירן פרצעס דראַמאַטישער פּאָעמע. מיר האָבן אַלע זיך איינגעהערט צו ליכטס ערנסטע וואָרנונגען, אַז ס'טאָר נישט פאַרלירן גיין דאָס טיף-שיינע לשון פרצעס, עס טאָר קיין שום פגימה נישט זיין בעתן אויסרעדן פרצעס געדאַנקען־רייכע ווערטער. פרץ מוז ניט בלויז גוט געשפּילט ווערן, דאָס איז ווינציק. דאָ מוז, דורך שפּיל און באַוועגונג, איבערגעגעבן ווערן פרצעס טיפע אידייען.

די פּרעמיערע פון „אין פאַליש אויף דער קייט" איז געגעבן געוואָרן יאַנואַר דעם 11טן 1946. שבת זיינען אַלע שוישפּילער געקומען פריער ווי אַלעמאָל אין טעאַטער, כדי נאָך אַמאָל איבערצוגיין געוויסע סצענעס אונטער די קלאַנגען פון מוזיק, באַגלייט פון אַ ניי־מוזיקאַלישן אינסטרומענט (סאַ־לאַוועקס). דער דאָזיקער נייער אינסטרומענט האָט אַרויסגעגעבן אַזעלכע וואונדערלעכע טענער. מיר האָבן געהערט דאָס טיף־טרויעריקע שפּילן פון אַ פידל, וואָס האָט געוויינט אויפן גורל פון מענטש און זיינעליידן, און מיר האָבן פאַרנומען דאָס דינע, בענקשאַפטלעכע שפּילן פון אַ פּלייט, וואָס האָט אונדז פאַרוויגט ווי אין אַ חלום. נאָך דער לעצטער פּראָבע האָבן די שוישפּילער און דער רעזשיסאָר זיך געפילט אַביסל זיכערער. אונטער די קוליסן האָט זיך געפילט אַן אומגעוויינלעכע שטילקייט. מ'איז געווען טויט־ערנסט. עס איז געווען דער דרך־ארץ וואָס יעדער פון די שוישפּילער האָט געפילט צו דער דראַמע פרצעס, צו די רייד פון דעם גרויסן קלאַסיקער, וועמעס דראַמעס זיינען ניט אַזוי גרינג צו שפּילן, ווייל זיי שטייען אַלע אויף אַ זייער הויכער מדרגה.

די אויפפירונג פון „אין פאַליש אויף דער קייט" האָט געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק אויף אַלע צושויער. די פאָלקס־בינע מעג שטאָלצירן מיט דער דאָזיקער פרץ־פאָרשטעלונג, וואָס איז, לויט די אָפּשאַצונג פון די קריטיקער, געווען פון די זעלטענע קינסטלעריש־געלונגענע. נאָך איצט, ביים שרייבן די דעראינערונגען פון יענעם סעזאָן לעב איך איבער אין האַרצן, די פרייד, וואָס מיר אַלע, שוישפּילער און טוער פון דער פאָלקסבינע, האָבן געהאַט יענעם סעזאָן ביים אויפפירן די פרץ־דראַמע, און דעם געפיל פון נצחון, פון באַזיגן אַלע שטרויכלונגען, און בייקומען אַלע שוועריקייטן און דאָך געבן די פרץ־דראַמע אין איר גאַנצער טיפקייט און פאַרנעם.

שלמה מענדעלסאָן ע"ה, איז געווען אַ גרויסער פאַרערער און קענער פון פרצן און זיינע ווערק. די אויפפירונג פון „פאַליש אויף דער קייט" איז מענדעלסאָנען געוואַלדיק געפעלן געוואָרן. אַרויסגייענדיק פון טעאַטער, נאָך דער פאָרשטעלונג, האָט ער אַ זאָג געטאָן צו אונדז: „פרץ איז מיר קיין מאָל ניט געווען אַזוי נאָענט, און אַזוי פאַרשטענדלעך־קלאָר, ווי היינט אָונט נאָך אייער וואונדערלעכן שפּילן"...

דער סעזאָן 46־1947 קאָן פֿאַרצייכנט ווערן צווישן די געציילטע קינסט־לעריש־דערפֿאָלגרייכסטע סעזאָנען אין דער געשיכטע פֿון דער פֿאָלקסבינע. מיר האָבן געקראָגן אַ נאָמען אומעטום, מיט דער אויפֿפֿירונג פֿון פּרצעס „אין פּאַליש אויף דער קייט״. כאָטש די הכנסה איז גראָד ניט געווען אַזאַ, ווי מיר האָבן דערוואַרט. קודם כל האָבן מיר אָנגעהויבן צו שפּילן צו שפּעט יענעם סעזאָן, דערצו האָבן מיר געמוזט איבערטראָגן די פֿאָרשטעלונגען פֿון דעם „מאַלין טעאַטער״ אין דעם קליינעם ראַדין אוידיטאָריום, ווייל דער מאַלין טעאַטער איז פּלוצלינג פֿאַרקויפֿט געוואָרן. ביז מיר האָבן געפֿונען אַן אַנדער פּלאַץ האָבן מיר ניט געקאָנט מעלדן וואו מיר וועלן שפּילן. מיר האָבן דע־ריבער ניט געקאָנט פֿאַרקויפֿן קיין בענעפֿיטן פֿאַראויס. און אַז מען פֿאַר־קויפֿט ניט קיין בענעפֿיטן איז צום באַדויערן ניטאָ פֿאַר וועמען צו שפּילן. דער ענין בענעפֿיטן איז נאָך עד היום זייער אַ האַרבער. ווען מיר האָבן זיך שוין געהאַט אַריבערגעקליבן אין דעם ראַדין אוידיטאָריום האָבן מיר כמעט ניט געהאַט פֿאַר וועמען צו שפּילן. אַזוי אַז ניט קוקנדיק וואָס מיר האָבן געהאַט אַזאַ וואונדערלעכע, גוטע פּיעסע, האָבן מיר יענעם סעזאָן געמוזט פֿאַרקירצן דאָס שפּילן און די לעצטע פֿאָרשטעלונג פֿון „אין פּאַליש אויף דער קייט איז געשפּילט געוואָרן מערץ דעם 21טן 1947. מיר האָבן די פּרץ־פּיעסע „אין פּאַליש אויף דער קייט״ געשפּילט 33 מאָל.

שלמה מענדעלסאָן שרייבט אין „קולטור און דערציאונג״ :

„זאָל דאָ באַלד געזאָגט ווערן — די פֿאָרשטעלונג אין דער פֿאָלקסבינע האָט איבערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונגען. זי איז אַן אמתער טריאומף. פּרצעס וואונדערלעכער פּערז, דאָס אָנגעגליטע וואָרט זיינס איז מיט ווירדע געשפּילט געוואָרן פֿון די שוישפּילערס. עס איז אַן עכטער, נישט געפּעלשטער פּרץ־ספּעקטאַקל.

סיי פֿון שטאַנדפּונקט פֿון געבן פּרצן, סיי פֿון ריין־טעאַטראַלישן שטאַנד־פּונקט — אַ גרויסע דערגרייכונג פֿונעם רעזשיסאָר דוד ליכט און פֿון די געטרייע פֿאָלקסבינע אַקטיאָרן.

עס איז ממש צו באַוואונדערן ווי דער רוב אַקטיאָרן ריידן ברענגען אַרויס פֿון מויל פּרצעס פּערז מאַכן דורך אַקצענטירונג און באַוועגונג קלאָר, אפֿילו די קורצע, אָפּגעהאַקטע זאַצן.

דער גרים — זייער גוט. דאַרף דאָך דאָ יעדער פּנים כאַראַקטעריזירן אַ טיפּ, אַ געשטאַלט. איז יעדער דאָך ביי פּרצן אַ רעפּרעזענטאַנט פֿון אַ גרופּע.

עס האָבן אַלע אַקטיאָרן זיך באַמיט אַרויסצוברענגען דעם מאַקסימום. אייניקע האָבן זיך אָבער בפֿירוש אויסגעצייכנט. הערי רובין (ברכיה) האָט געשפּילט מיט מאָס, זיך אויסגעהיט פֿון דער באַנאַלקייט אין יידישן טעאַטער. יעקב ראָזענבלום, אַלס וואַסערטרעגער, איז אויסגעצייכנט. איבער־צייגנדיק איז יוסף וואָלפּסאָן, אַלס האָלצהעקער. פֿיין געצייכנט איז דער בלינדער, געשפּילט פֿון לואיס בעק. לואיס סיגעל איז רירנדיק, אין דער ראָלע פֿון דעם זינדיקן, ער איז אויסגעצייכנט אין די מאָנאָלאָגן. בראָניע

„אין פּאָליש אויף דער קייט” פון י. ל. פּרץ

ערשטע ריי: (זיצן): מיכל ניידיטש, מינדל גוירנער, לואי סיגאַל, ברוך פּייועלאָוויטש, מ. פּאָלאַק, ל. מאַן, בנימין קעסלער, יוס [illegible].
שטייען: פּאָלאַ אייזנער, ציליע מעסלער, סאל סווערדלין, יעקב ראָזענבלום, בען טשעכענאָוו.

ניומאַן אַלס די זינדיקע איז שטיל געצווימט. חנה לעווין, שרה סטייבין פּאָליאַ אייזנער שפּילן אַלע מיט מאָס און טאַקט. זיי היטן אָפּ די צניעותדיקע פּראָזע פון פּרצן. ליובאַ בלום־קאַנדעל — איז אויסגעצייכנט.

דוד ליכט האָט, מיט רעכט, אַקצענטירט די סיטואַציע שטרעבונג פון דער דראַמע, אַ דאַנק דעם ווערט זי אונדז נעענטער און פאַרשטענדלעכער".

צוליב דעם וואָס דער סעזאָן איז פאַרקירצט געוואָרן האָט דאָס אָבער אונדז געגעבן די מעגלעכקייט צוצוגרייטן אַ נייע אויפפירונג פאַר דעם קומענדן סעזאָן, 1947־1948, אונטער דער רעזשי־אָנפירונג פון דוד ליכט.

אַ סך כבוד איז אונדז צוגעטיילט געוואָרן יענעם סוף סעזאָן מיט דער דערשיינונג פון דעם זשורנאַל „טעאַטער־העפטן", רעדאַקטירט פון זלמן זיל־בערצוויג און יעקב מעסטעל. די טעאַטער־העפטן זיינען הויפּטזעכלעך געווען געווידמעט דער פּאָלקסבינע און אירע אויפטוען. מיר האָבן די „העפטן" פאַר־שפּרייט צווישן די באַזוכער פון אונדזער טעאַטער.

13

נאָך דעם דערפאָלג פון דער אויפפירונג „אין פּוילישע אויף דער קייט", האָט די פּאָלקס־בינע באַשלאָסן צו שטעלן די פּיעסע „יהודית" פון פרידריך העבעל, באַאַרבעט און רעזשיסירט פון דוד ליכט. מיר האָבן אפילו פאַראויס־געזען די שוועריקייטן וואָס וועלן אַנטשטיין ביים אויספירן די דאָזיקע פּיעסע. אָבער מיר זיינען געווען אַנטשלאָסן צו שטעלן די דאָזיקע היסטאָרישע דראַמע „יהודית" ווייל כאָטש דער אינהאַלט פון דער העבעל־דראַמע איז אַ היסטאָרי־שער, און שילדערט דאָס לעבן פון די יידן אין אַמאָליקן ארץ־ישראל, ווערט אָבער אין דער פּיעסע אַרויסגעבראַכט די אכזריות פון די בלוטדורשטיקע הער־שער, וואָס פּאַסט אויך פאַר דער איצטיקער צייט. אין די פערציקער יאָרן האָבן מיר יידן איבערגעלעבט דעם גרעסטן אומגליק און געפילט אויך דאָ די ווילדע מעשים, און די אכזריות, פון דעם גרעסטן פון אַלע יידישע שונאים, פון דעם רשע היטלער, ימח שמו.

די פּיעסע „יהודית" איז דעריבער גוטגעהייסן געוואָרן פון דעם פּאָלקס־בינע ראַט. מען האָט געפילט אַז דער יידישער צושויער וועט אין דער היסטאָ־רישער דראַמע פון פ. העבעל, געפינען אַביסל טרייסט, און עפּעס לערנען דערביי. פּונקט ווי דער שונא אלפורנוס, וואָס האָט געוואָלט אומברענגען די יידן אין אַמאָליקן ארץ־ישראל, און געהאַט אַ וויסטן סוף, אַזוי וועט אויך קומען אַ וויסטע מפּלה אויף אַלע איצטיקע יידישע שונאים.

די פּראָבן זיינען אָנגעגאַנגען וואָכן לאַנג. די מוזיק און טענץ און די דע־קאָראַציעס זיינען געשאַפן געוואָרן. מיר זיינען געווען פּאַרטיק מיט די קאָמ־פּליצירטע מאַסן־סצענעס, נאָר שוועריקייטן האָבן מיר געהאַט צו קריגן די קאָסטיומען פאַר די שוישפּילער פון יענער אור־אַלטער יידישער עפּאָכע. אָבער צום גליק, האָבן מיר געטרייע, איבערגעגעבענע מיטגלידער. אַ גרופּע שוי־שפּילער האָבן זיך אונטערגענומען אויפצונייען די קאָסטיומען.

„אין פּאָליש אויף דער קייט״ פון י. ל. פּרץ

(זיצן): מיכל ניידיטש, לואי בעק. שטייען: בען טשעכאַנאָוו, בראָניאַ ניומאַן, לואי סיגאַל, מאָריס אַדלער, שרה סטייבין, ליובאַ בלום־קאַנדעל, חנה לעווין, הערי רוביז

די קליידער זיינען געמאַכט געוואָרן ביי לואי בעק, ע״ה, אין שאַפּ; און די היטלען, — מיט דער הילף פון אונדזער איצטיקן פּרעזיצער מאָריס אַדלער.

די צוגרייטונג פון דער פּיעסע „יהודית" איז געווען זייער אַן אָנגע־שטרענגטע אין פאַרגלייך מיט די פּיעסן וואָס מיר האָבן געשטעלט אין די פריערדיקע יאָרן. די אויסגאַבן פאַר דער אויפפירונג זיינען געווען גרויסע.

אַ סצענע פון „יהודית" פון פרידריך העבעל



שרה סטייבין, ציליע מעסלער, רבקה אַדלער, חנה לעווין, יעקב האָלץ, אַנאַ בעק, און פּאַולין אייזנער.

אין 1942 ווען מיר האָבן אויפגעפירט „ריווערסייד דרייוו" זיינען די אויסגאַבן געווען דרייצן דאָלער, אַנדערע פּיעסן האָבן געקאָסט פיל מער. אָבער די צוגרייטונג פון „יהודית" ביז דער פּרעמיערע, האָט באַטראָפן 8 טויזנט דאָלער, און דאָס צו דעקן און אויך די שולדן פון לעצטן יאָר, האָבן מיר געדאַרפט שאַפן אַ סך געלט. די איינציקע געלדער מיט וועלכע מיר זיינען געווען זיכער איז געווען די סובסידיע פון אַרבעטער רינג וואָס האָט געדעקט נאָר אַ קליינעם טייל דערפון. מיר האָבן אויך גערעכנט אַז פון די קומענדע פאָרשטעלונגען (אויב זיי וועלן זיין גוט באַזוכט) וועט אונדז בלייבן ריוח. ווייל די אויסגאַבן אין דעם טעאַטער, זיינען אַ סך וויניקער ווי אין מאָלין טעאַטער. מיר האָבן זיך געמוזט ווענדן צו יחידים, און צו א. ר. בראַנטשעס און אַנדערע אָרגאַני־זאַציעס אונדז צו העלפן. מיר האָבן גערופן אַ קאָנפערענץ אויף יוני דעם 8טן, 1947, מיר האָבן באַשלאָסן צו שטעלן די פּיעסע „יהודית", פאַר די דעלעגאַטן פון דער קאָנפערענץ.

שבת דעם 7טן יוני, 1947, איז געגעבן געוואָרן די ערשטע אויפפירונג פון „יהודית”. די פאָרשטעלונג איז געווען נאָך פון פריער אַן אויספאַרקויפטע. דער טעאַטער איז געווען פול. ס׳איז געקומען אַ שיינער עולם. די פיעסע „יהודית” איז אַלעמען זייער געפעלן געווען, באַזונדערס דאָס שפילן פון די שוישפילער.

אַ סצענע פון „יהודית” פון פרידריך העבעל



הערי רובין, אהרן האַלץ, ליובאַ בלום־קאַנדעל, בראַניאַ ניומאַן.

צומאָרגנס, זונטיק דעם 8טן יוני, 1947, בייטאָג איז געגעבן געוואָרן אַ פאָרשטעלונג פון „יהודית” פאַר די דעלעגאַטן פון דער קאָנפערענץ. די פיעסע און דאָס שפילן איז אויפגענומען געוואָרן פון אַלע מיט אַן אויסערגעוויינלעכן אינטערעס.

נאָך דער פאָרשטעלונג זיינען אין טעאַטער געבליבן אַלע דעלעגאַטן, און מען האָט גענומען פאַרהאַנדלען וועגן דעם ענין „פאָלקס־בינע”, צוליב וואָס די קאָנפערענץ איז גערופן געוואָרן. פון אַלע קאָנפערענצן וואָס מיר האָבן שוין געהאַט צו העלפן דער פאָלקס־בינע איז די דאָזיקע קאָנפערענץ געווען די דערפאָלגרייכסטע. ס׳זיינען געווען פאַרטראָטן אַריבער הונדערט ברענטשעס פון א. ר. און אויך עטלעכע יוניאָנס. ס׳איז ביי דער קאָנפערענץ געשאַפן געוואָרן אַ היפשע סומע געלט. מ׳האָט דאָן אויסגעקליבן אַ קאָמיטעט וואָס זאָל זיך אָנשליסן אין דער פאָלקס־בינע, מיט יערלעכע ביישטייערונגען און אויך נעמען בענעפיט־פאָרשטעלונגען, און בכלל העלפן דער פאָלקס־בינע

מיט אַ באַזוכערשאַפט. די דעלעגאַטן האָבן אַרויסגעוויזן אַן אינטערעס אין אונדזער אַרבעט, און דאָס האָט אונדז געגעבן האָפענונג און גלויבן אַז מיט דער צייט זאָל זיך אָנהייבן אַ באַוועגונג פאַר אַן אייגענעם טעאַטער־בנין. דער קאָמיטעט האָט אין פאַרלויף פון זומער געהאַט עטלעכע זיצונגען. ס׳האָבן זיך אין פאַרלויף פון יענעם זומער אָנגעשלאָסן אַלס מיטגלידער אַן ערך פון 42 ברענטשעס פון א. ר. אייניקע ברענטשעס האָבן גלייך געקויפט בענעפיטן פאַרן קומענדיקן סעזאָן. די שטימונג יענעם סוף זומער איז געווען אַן אויפֿגעהייטערטע, די הילף פון די פריינד האָט אונדז געגעבן מוט ווייטער אָנצוגיין מיט דער אַרבעט טראָץ די גרויסע הוצאות וואָס מיר האָבן דאַן געהאַט.

אַ דאַנק דעם וואָס מיר האָבן שוין געהאַט אַ געשפּילטע פּיעסע, האָבן מיר באַשלאָסן צו עפענען דעם טעאַטער דעם 18טן אָקטאָבער, 1947. מיר האָבן אין פאַרלויף פון זומער נאָך מער זיך פאַרפולקאָמט אין דער פּיעסע „יהודית", און מיר זיינען געווען גרייט צו שפּילן יעדע וואָך אַזוי לאַנג ווי עס וועט זיך נאָך לאָזן. מיר האָבן די פּיעסע „יהודית" געשפּילט 53 מאָל, פאַר אַ באַזוכערשאַפט פון אַריבער 10 טויזנט. די לעצטע פאָרשטעלונג פון „יהודית" איז געגעבן געוואָרן דעם 28טן פעברואַר, 1948. מען וואָלט נאָך געקאָנט שפּילן די פּיעסע „יהודית", אָבער אַזוי ווי מיר האָבן געעפנט דעם סעזאָן גאַנץ פרי, זיינען אַלע שוישפּילער געווען אויסגעמאַטערט אין פאַרלויף פון 20 וואָכן שפּילן.

מיר האָבן דעם 13טן דעצעמבער 1947, געגעבן אַ פאָרשטעלונג פון פּרצעס „אין פּאַליש אויף דער קייט" ווי אַ געזעגענונגס־אָוונט פאַר דוד ליכטן צו זיין אָפּפאָרן קיין אַרגענטינע. דוד ליכט האָט יענעם אָוונט זיך באַטייליקט אין דער פאָרשטעלונג, ער האָט געשפּילט די ראָל פון דעם „זינדיקן" „אין פּאַליש אויף דער קייט", און אַלע אָנוועזנדע האָבן געהאַט אַ געוואַלדיק גייסטיקן פאַרגעניגן פון זיין שפּילן. אַזוי האָבן מיר פאַרענדיקט יענעם סעזאָן מיטן שפּילן נאָך דריי מאָל, „אין פּאַליש אויף דער קייט". פינאַנציעל האָבן מיר דעם סעזאָן 46־1947, געהאַט אַ קליינעם דעפיציט.

כדאי צו פאַרצייכנען אַז מיר האָבן דאַן אַרויסגעגעבן דעם „פאָלקס־בינע זשורנאַל" מיט בילדער און וויכטיקע אַרטיקלען, פון נ. כאַנין, דוד ליכט, זלמן זילבערצווייג, ל. מאַן, ב. לעווין, ב. געבינער, און אויך מיט אַן אַרטיקל פון ה. א. קאַנדעל ע״ה — אונטערן נאָמען: „צוויי מאָל יהודית". מיר ווילט זיך ציטירן כאָטש אַ טייל פון יענעם אַרטיקל פון דעם אומפאַרגעסלעכן קינסטלער קאַנדעל, וואָס איז ממש אַ דאָקומענט.

„צוויי מאָל איז מיר געווען באַשערט" שרייבט קאַנדעל, — „צו מאַכן די קליידער און די דעקאָראַציעס פאַר דער פּיעסע „יהודית" און ביידע מאָל אונטער אַנדערע אומשטענדן. דאָס ערשטע מאָל האָב איך עס געטאָן אין בערלין, באַלד נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט, מיט דער ניי־געגרינדעטער יידישער „קולטור־ליג" וואו ס׳האָבן באַלאַנגט אַלע יידיש־דייטשע שוישפּילער. דאַן איז אונדז געגעבן געוואָרן די דערלויבעניש צו געבן פאָרשטעלונגען אין דייטש אויף יידישע טעמעס פאַר יידן. מיר האָבן בכיוון אויסגעקליבן צו שטעלן

„יהודית״ פון פ. העבעל, פּשוט צו טרייסטן די דערשלאָגענע יידן אין דייטש־
לאַנד. די פּיעסע איז אויפגעפירט געוואָרן רעאַליסטיש, אין טונקעלע פאַרבן
אַזוי ווי דאָס לעבן אין דייטשלאַנד איז דאַן געווען; פּינצטער, שוואַרץ. דער
עולם איז דאַן געזעסן אין טעאַטער און געציטערט פאַר שרעק. אָבער איין
אינערלעכע האָפענונג איז געווען ביי יעדן אין האַרצן; אפשר וועט זיך אויך
איצט געפינען עמיצער וואָס וועט אַראָפּנעמען היטלערס קאָפּ, ימח שמו. נאָך
דער פאָרשטעלונג זיינען אַלע אַרויס שטילערהייט פון טעאַטער, אין גרויס שרעק
אַז עפּעס שלעכטס זאָל חלילה, ניט פּאַסירן. צום גליק איז אַלץ אַדורך רואיק.
אָבער מער האָט מען די פּיעסע ניט דערלויבט צו שפּילן.

ווי אַנדערש אָבער האָב איך געפילט ווען איך בין צוגעטראָטן צו מאַכן די
דעקאָראַציעס און צייכענען די קליידער פון דער זעלבער פּיעסע „יהודית״ פאַר
דער פאָלקס־בינע. אמת, איך האָב דאָ ניט געהאַט די טעכנישע מעגלעכקייטן
ווי דאַן אין בערלין, דערפאַר אָבער האָב איך זיך איצט געפונען אין אַ פריי־
לאַנד און געהאַט פאַר זיך אַ גרופּע אידעאַליסטן, שוישפּילער, מיט וועלכע עס
איז אַ פרייד צו אַרבעטן צוזאַמען, און איך האָב דעריבער געמאָלן די דעקאָ־
ראַציעס מיט די ליכטיקסטע פאַרבן. האָבנדיק אין זינען אַז די פּיעסע „יהודית״
ווערט איצט געשפּילט פון יידן און פאַר יידן, אַלע האָבן מיר איצט די פרייד
פון דעם נצחון איבער „די דייטשע טיראַנען״.

די קריטיק האָט די פּיעסע „יהודית״ זייער פיל געלויבט, אָט וואָס עס
זאָגט דאַן, ד״ר ל. פאָגעלמאַן, אין „פאָרווערטס״, אָקט. 24סטן, 1947:

„יהודית״ איז לויט מיין מיינונג די רייפסטע, וויכטיקסטע אויפפירונג
וואָס די פאָלקסבינע האָט ביז איצט געהאַט״.

14

בעתן שפּילן „יהודית״ די ערשטע פאַר וואָכן איז דוד ליכט צוריקגעפאָרן
קיין אַרגענטינע, אָבער מיר האָבן זיך פאַרשטענדיקט אין אַן אָפּמאַך, אַז אַזוי
גיך ווי דער ווינטער ענדיקט זיך דאָרט, קומט ליכט ווידער צוריק צו אונדז.
מיר זיינען געווען צופרידן מיט דוד ליכטס אַרבעט און מיר זיינען געווען
גרייט אויך ווידער צו אַרבעטן מיט אים. פאַר אונדז איז דאַן געווען די פראַגע
וואָס פאַר אַ פּיעסע צו שטעלן קומענדן סעזאָן. מיר האָבן אַלע צוזאַמען גע־
דאַרפט זוכן און געפינען די פּאַסיקע פּיעסע. מיר האָבן געוואָלט דאָס מאָל
שטעלן אַ פּיעסע פון דעם איצטיקן יידישן לעבן, געשריבן פון אַ דראַמאַטורג,
כדי ניט דאַרפן שפּילן באַאַרבעטע פּיעסן, ווי גוט זיי זיינען. מיר דאָ, — און דוד
ליכט אין אַרגענטינע, האָבן געלייענט צענדליקער פּיעסן וואָס זיינען פאַראַן
אין בוך פאָרם און אויך פּיעסן אין מאַנוסקריפּט, וואָס זיינען אונדז צוגעשיקט
געוואָרן. אָבער פון די אַלע פּיעסן האָבן מיר ניט געקאָנט אויסקלייבן אַ פּיעסע
וואָס זאָל אונדז פאַראינטערעסירן, ס׳קאָן זיין אַז ערגעץ ביי די דראַמאַטורגן
וואָס האָבן ניט געשיקט קיין פּיעסן צו אונדז, געפינט זיך יאָ אַ פּיעסע, וואָס
מיר דאַרפן און קאָנען אויפפירן. אָבער מיר האָבן דאַן אַזעלכע ניט געהאַט;

פאַר אונדז איז זייער שווער צוצופּאַסן אַ פּיעסע, מיר דאַרפן זיך רעכענען מיט דעם שוישפּיל־מאַטעריאַל, די טעכנישע מעגלעכקייטן, און נאָך אַנדערע זאַכן וואָס האָבן מיט דעם דראַמאַטורג ניט צו טאָן. און דערפאַר האָבן מיר זיך געמוזט ווידער ווענדן צו די אַלטע קוואַלן. דוד ליכט האָט אונדז פאָרגעשלאָגן אויפצופירן „וואָס אין פידעלע שטעקט" פון י. ל. פּרץ, באַאַרבעט פון דוד ליכט.

מיר האָבן אין פאַרלויף פון זומער געמאַכט אַלע טעכנישע צוגרייטונגען פאַר דעם קומענדיקן סעזאָן. מיר האָבן זיך ווידער אָרגאַניזירט צו רופן אַ קאָנפערענץ כדי צו העלפן ממשותדיק דער פאָלקס־בינע, — דערווייל וועלן מיר ווייטער שפּילן אין דעם זעלבן ראַדין אודיטאָריום. מיר האָבן אָבער געהאַט האָפענונגען אַז קומענדן יאָר וועלן מיר אפשר האָבן אַן אייגענעם טעאַטער־בנין. מיר האָבן ווידער אָנגעשטעלט מ. יחסן אַלס בינע פאַרוואַלטער. אַלע שוישפּילער וואָס האָבן געאַרבעט לעצטן יאָר מיט אונדז זיינען אויך ווייטער געבליבן מיט אונדז. אַלץ איז געווען צוגעגרייט. און ווען דוד ליכט איז געקומען אין סעפּטעמבער 1948, האָבן מיר זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט, כדי מיר זאָלן קאָנען אָנהויבן דעם סעזאָן פרי. און דוד ליכט האָט פאַר אונדז געלייענט זיין באַאַרבעטונג פון י. ל. פּרצעס „וואָס אין פידעלע שטעקט", אַ דראַמע אין דריי אַקטן. דוד ליכט האָט זיך באַנוצט מיט די דערציילונגען פון „אַ טויט פון אַ קלעזמער", „אַ בית הקברות־נאַכט" און אַ „גלגול פון אַ ניגון", „משיחס צייטן", „דער בעל עגלה", און נאָך אַנדערע פון י. ל. פּרצעס שאַפונגען. עס האָט זיך ווירקלעך באַקומען אַן אייגנאַרטיקע דראַמע, — געשאַפן פון ליכטן, אין וועלכע עס האָט זיך דערקענט, מער נאָך ווי „אין פּאָליש אויף דער קייט", די טיפע באַקאַנטשאַפט וואָס דוד ליכט פאַרמאָגט מיט די ווערק פון פּרצן.

מיר זיינען גלייך צוגעטראָטן צו פּראָבן. די פּראָבן זיינען געווען אינטערעסאַנטע. מיר האָבן מיט חשק נאָכגעפאָלגט די דירעקטיוון פון דעם רעזשיסאָר, און פיל געלערנט פון זיינע לעקציעס, און מיט אַלע כוחות זיך באַמיט צו שאַפן עפּעס וויכטיקס פון דער דאָזיקער פּרץ־דראַמע.

אין פאַרלויף פון 10 וואָכן זיינען אָנגעגאַנגען די פּראָבן און צוגרייטונגען. די פּרעמיערע איז פאָרגעקומען שבת דעם 11טן דעצעמבער 1948. לויט דער אויפנאַמע וואָס די שוישפּילער האָבן באַקומען האָט עס אונדז אַלעמען איבערצייגט אַז דער אויסוואַל פון דער פּיעסע איז געווען אַ גוטער. דוד ליכט, האָט די אויפפירונג אַזוי קאָנסטרואירט, אַז ניט קוקנדיק וואָס די צענטראַלע פיגורן זיינען געווען יואל קלעזמער, און פעשע, זיינען אָבער אויך אַלע אַנדערע טיפן אַרויסגעבראַכט געוואָרן זייער לעבעדיק.

מיר האָבן די פּיעסע געשפּילט 40 מאָל אין ניו־יאָרק און 2 פאָרשטעלונגען אין פילאַדעלפיע און אין האַרטפאָרד. די לעצטע פאָרשטעלונג איז געווען אַפּריל דעם 2טן, 1949. דער אָפּרוף פון דער פּרעסע איז געווען זייער אַ גוטער.

אָט איז אַ טייל פון דעם וואָס נ. בוכוואַלד שרייבט דאַן, אין „מאָרגן פרייהייט", וועגן „וואָס אין פידעלע שטעקט":

„סיי דראַמאַטיש, און סיי סצעניש, איז „וואָס אין פידעלע שטעקט" — דוד ליכטס אַ פאַרפאָסונג. דוד ליכט האָט זייער נעט און מיט גוטן געשמאַק

„וואָס אין פידעלע שטעקט" פון י. ל. פּרץ

ערשטע ריי: זיצ׳דיק: בראָניאַ ניומאַן, חיים זיינער.
צווייטע ריי: מאָריס אַדלער, רענעי ספּעקטאָר, ליובאַ גערבער, אַרנאַ קאַושהאַן, שרה סטייבין, יהושע זעלדיס, מיכל
דריטע ריי: בנימין קעסלער, מיכל לוקס און אפרים זאַלצבערג.

קאָמבינירט די פאַרשיידענע עלעמענטן פון פּרצעס דראַמעס און דערציילונגען. „וואָס אין פידעלע שטעקט" ביי דער פאָלקסבינע, איז אַ פיינער, אַ ווירדיקער, אַ גוט געמאַכטער, ניט שלעכט געשפּילטער ספּעקטאַקל, — דער גאַנצער ספּעקטאַקל מאַכט אַ היפּשן איינדרוק און געוויסע סצענעס זיינען גאָר רושמדיק"...

אינטערעסאַנט וועט זיכער זיין צו ברענגען אַן אויסצוג פון דעם אַרטיקל וואָס ש. ניגער האָט געשריבן, גלייך נאָך דער פּרעמיערע פון דער פאָרשטעלונג:

„דוד ליכט" — שרייבט ניגער, „האָט אין דער אמתן דאָס דאָזיקע טעאַטער שטיק אַליין אָנגעשריבן. ער האָט גענוצט פּרצעס מאַטעריאַל, זיינע ציגל. דוד ליכט האָט פון פּרצעס ציגל געמאַכט זיין אייגן טעאַטער שטיק און עס אַ נאָמען געגעבן „וואָס אין פידעלע שטעקט". עס איז אייגנטלעך אַ פאַרפאַסונג, ניט קיין באַאַרבעטונג, פון דוד ליכט".

אויך חיים עהרענרייך, שרייבט אין „פאָרווערטס", דעצעמבער 24, 1948, וועגן דער אויפפירונג פון י. ל. פּרצעס „וואָס אין פידעלע שטעקט":

„ווען איך וואָלט געגעבן אַ פּוליצער־פּרייז פאַר דער שענסטער אויפפירונג און פאַר דעם בעסטן שפּילן פון היינטיקן סעזאָן אויף דער יידישער גאַס וואָלט איך אים צוגעטיילט דער פאָלקסבינע. דער דראַמאַטישער גרופּע פון אַרבעטער־רינג פאַר דער איצטיקער אויפפירונג פון דוד ליכטס „וואָס אין פידעלע שטעקט" לויט י. ל. פּרץ.

די הויפּטראָל פון יואל קלעזמער שפּילט דער טאַלאַנטפולער חיים זיינער; ער שאַפט אַ טיפּ פון דעם קליינשטעטלדיקן קלעזמער און זיינע לײדן זיינען גלויבלעך. בראָניאַ ניומאַן איז זייער צוגעפּאַסט פאַר דער ראָל פון פּיעסע, און זי איז זייער גוט אין די דראַמאַטישע סצענעס; אויסגעצייכנט איז רענעי ספּעקטאָר אַלס חנה. זי איז אַ יונגע אַקטריסע און זי קען זיין אַ געווינס פאַר דער יידישער בינע. שרה סטייבין אַלס מירל איז אַן אַנגענעמע איבעראַשונג, זי איז גאָר אַ גוטע אַקטריסע; מיינע קאָמפּלימענטן וויל איך אויך צוטראָגן מיכל ביידיטשן, מאָריס אַדלערן, חנה לעווין, פאַלאַ אייזנער און רבקה אַדלער. גוט זיינען אויך מרדכי לוקס, פעליקס גאָלדבערג, יעקב האַלץ, אשר קאָרן, יעקב ראָזענבלום, משה דערווין, יצחק פיליפּס און יהושע זעלדיס. גוט גע־שפּילט האָבן אויך: וואָלף זאב, ברוך פּיוועלאָוויטש, בנימין קעסלער, אַנאַ קאַזשדאַן, יוסף וואָלפסאָן און בען קעסלער.

„וואָס אין פידעלע שטעקט" אי אַן אויפפירונג וואָס איז אַ שטאָלץ פאַר דעם היינטיקן סעזאָן. ס'איז טעאַטער־קונסט דורך פאַרגעניגן און פאַרגעניגן דורך איידעלער, פיין־פאַרטראַכטער טעאַטער־קונסט".

*
**

מיר האָבן יענעם סעזאָן 1948־49 ווידער אַרויסגעגעבן אַ נומער „פאָלקס־בינע זשורנאַל", געווידמעט דער נייער אויפפירונג פון „וואָס אין פידעלע

שטעקט' מיט בילדער און אַרטיקלען. מיר האָבן דורך דער צייט געהאַט אַ שווערן פאַרלוסט פון זייער אַ חשובן מיטגליד פון דער פּאָלקסבינע, לואי בעק איז געשטאָרבן. זיין טויט האָט אונדז אַלעמען זייער שטאַרק געטראָפן.

אין דעם פּאָלקס־בינע „זשורנאַל", פון יאָר 1949־50, שרייבט ל. מאַן וועגן לואי בעק ע"ה, און איך וועל דאָ ברענגען אַ טייל פון מאַנס נעקראָלאָג אַרטיקל איבער דעם פאַרשטאָרבענעם:

„לואי בעק וועט אויספעלן דער פּאָלקסבינע. ער וועט אויספעלן מיט זיין אונערמידלעכע אַרבעט, מיט זיין אָנרעגונג פון שיינע און גרויסע אויפטואונגען. ער וועט אויספעלן ווי אַ געטרייער חבר, ווי אַ גוטער שוי־שפּילער, אַ חסיד פון יידישן טעאַטער, פון יידישן וואָרט, פון דעם געדרוקטן יידישן בוך. ער וועט אויספעלן ווי אַ וואַרעמער יידישער מענטש, וועלכער האָט מיט אַ ברייטער אָפענער האַנט געשטיצט אַלץ און אַלעמען וואָס האָט נאָר געהאַט צוטאָן מיט יידישער קולטור, און מיט יידיש טעאַטער.

„רופט מיך ניט שוישפּילער" פלעגט ער זאָגן. „נאָר שפּילער", איר פאַרשטייט? איינער צווישן אַלע האָט בעק געוואָלט זיין. אַ חבר צווישן חברים, בלויז אַ מיטשפּילער אין פּאָלקסבינע אַנסאַמבל האָט ער געוואָלט זיין. און דאָס איז געווען גענוג פאַר אים.

מיט אַ יאָר זיבן צוריק בשעת די פּאָלקסבינע האָט אָנגעהויבן איר אַרבעט אונטער יעקב ראָטבאַומס רעזשי, איז נאָך לואי בעק געווען געזונט און שטאַרק, ממש אַ גבור. ווער קען פאַרגעסן זיין ראָלע פון אָנקעל מאָזעס פאָטער, וואָס ער האָט געשפּילט מיט אַזוי פיל טאַלאַנט? אָבער דעם צווייטן יאָר בעת מ'האָט אויפגעפירט „אַ גאָלדפאַדען חלום", אין וועלכן לואי בעק, האָט געשפּילט דעם „צווייטן האַצמאַך", האָט זיך שוין באַמערקט אַ הייזעריקייט אין זיין שטימע.

מיט זיין ליבע צו דער בינע און מיט זיין עקשנותדיקייט פאַר דער אַרבעט — האָט ער נאָך אַלץ געשפּילט וויכטיקע ראָלן, ווי דעם בעטלער, אין „די אָרעמע מלוכה", פון ה. לייוויק; דער וואַלד־סוחר, אין „מנחם מענדל חלומט", פון שלום עליכם, און „יהושע הזקן" אין פרידריך העבעלס „יהודית". און ווען ער איז שוין געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט אַז פון שפּילן בכלל האָט שוין קיין רייד נישט געקאָנט זיין, האָט ער אַלץ זיין אַרבעט אין דער פּאָלקס־בינע ניט אויפגעגעבן. ער פלעגט נאָך אַלץ מיט אַן עצה, אָדער מיט אַ ממשותדיקער געלט־ביישטייערונג, אַנטקעגנקומען דער פּאָלקסבינע.

די שוישפּילער און פריינד פון די פּאָלקסבינע וועלן קיינמאָל ניט פאַרגעסן בעקס לעצטן מאָל קומען צו ליכטס קבלת פנים. עס איז געווען אַ שאָטן פון אַ מענטשן. אין דער באַגלייטונג פון אַ נוירס, און פון זיין ליבער פרוי אַנאַ בעק, איז ער צו אונדז געקומען. עס איז געווען אַ צער צו זען בעת ער האָט זיך,

מיט שטומע ליפּן, געזעגנט מיט די חברים. ער האָט שוין דעמאָלט אַליין פאַרשטאַנען אַז דאָס איז דער סוף".

***

איך וועל ענדיקן מיינע פאַרצייכנונגען און זכרונות וועגן די אויפטוען פון דער פאָלקס־בינע מיט די וואַרעמסטע וואונטשן צו אַלע מיטגלידער און פריינד. 40 יאָר פאָלקס־בינע איז אַ גרויסער יום־טוב. לאָמיר ווייטער, און מיט מער עקשנות נאָך, פאַרזעצן אונדזער אַרבעט פאַר דער פאָלקס־בינע — דאָס איינציקע, ליכטיקע, יידיש־אידעאַליסטישע טעאַטער אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

מאַלער, דעקאָראַטאָרס און מוזיקער פון דער פאָלקסבינע

טאָניע איידעס
מוזיקערין



האַנס קאַנדעל
מאַלער־דעקאָראַטאָר

הערי באַום
מאַלער־דעקאָראַטאָר

די פּאָלקסבינע אין די יאָרן 1954—1949

1

נאָכן פאַרענדיקן שפּילן די פּיעסע, „וואָס אין פּידעלע שטעקט" — איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג אין דעם צוזאַמענשטעל פון דער פאָלקסבינע פאַרוואַלטונג.

לואיס מאַן

ב. לעווין, וועלכער איז געווען פאָרזיצער און פאַרוואַלטער פון דער פאָלקסבינע פון דעם יאָר 1940 אָן, מיט בלויז אַ קליינעם איבעררייס אין 1943, — האָט זיך צוריקגעצויגן פוןביידע אַמטן. לשבח דעם ח' לעווין, מוז מען זאָגן, אַז נאָך ביים אָנהייב, ביי דעם אַנטשטיין פון דעם מאַלין סטודיאָ, האָט זיך ב. לעווין אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט, פון פאַר־וואַלטן מיט דער פאָלקסבינע, מיט אַ געוואַלדיקן פלייס און איבערגעגעבנקייט. ממש מיט אַ חסידישן ברען. אַ דאַנק אים איז די פאָלקסבינע געוואַקסן.

נאָך דער אויפפירונג פון פרצעס „וואָס אין אַ פּידעלע שטעקט", איז ביי די שוישפּילער און טוער פון דער פאָלקסבינע, בכלל, פאַרשטאַרקט געוואָרן דער פאַרלאַנג אויסצובררייטערן אונדזער טעאַטער־טעטיקייט. אונדזער וואונטש איז געווען וואָס ווייטער אַוועק פון די קליינע השגות צו בלייבן בלויז אַ דראַמאַטישער פאַראיין ביים אַרבעטער־רינג. סיי ב. לעווין, סיי די טוער פון דער פ. ב. האָבן געשטרעבט צו פאַרווירקלעכן אונדזער לאַנג־יאָריקן חלום: צו פאַרוואַנדלען די פאָלקסבינע אין אַ פאָלקס־טעאַטער ווי ביי לייטן, און אַלץ מער זיך פאַרמעסטן אויף עפּעס גרויסעס; אָנהאַלטן די חשיבות וואָס מיר האָבן זיך דערוואָרבן, און וואָס ווייטער שטרעבן צו שטעלן גאַנצע פּיעסן אונטער פּייאיקע רעזשיסאָרן. אין דעם האָט פיל געהאָלפן אונדזער פריינט ב. לעווין.

ס'איז גענוג צו לייענען די קאַפּיטלעך „פאָלקסבינע געשיכטע" פון

לואיס מאַן איז איינער פון די ערשטע מיטגלידער פון דער פאָלקסבינע, איז אויך געווען איינער פון דעם שוישפּילער־אַנסאַמבל, פאַר אַ צייט געווען דער פאַרוואַלטער און פאָרזיצער פון דער פאָלקסבינע. ער האָט געשריבן איינאַקטערס און אַרטיקלען וועגן טעאַטער אין פאַרשיידענע צייטשריפטן און צייטונגען. איז איצט דער פאָרזיצער פון יובילײ־קאָמיטעט און איז איינער פון רעדאַקציע־קאָלעגיום פון יובילײ־בוך.

48—1941, צו האָבן אַ באַגריף פון ב. לעווינס וויכטיקן בייטראָג צו דער אַנטוויקלונג פון דער פאָלקס־בינע: ס'איז געווען די שטענדיקע האַוועניש און זאָרג זיינע צו דעקן כסדר, ווי עס איז, די דעפיציטן פון פאַרגאַנגענעם סעזאָן. מיט יעדן טעאַטער דערפאָלג איז די אחריות פונעם פאַרוואַלטער ב. לעווין געוואָרן אַלץ גרעסער. חובות האָבן זיך געקליבן פון יאָר צו יאָר. פונדעסטוועגן האָט, ב. לעווין, וואָס איז געווען, אויסער „געשעפטס־פאַרוואַל־טער", אויך דער „טאָן געבער", פון דער פאָלקסבינע — נישט דורכגעלאָזט אַז דער קינסטלערישער פאַרנעם פון דער אַרבעט זאָל געמינערט ווערן. טראָץ דער לאַגע איז די אַרבעט פון דער פאָלקס־בינע אויסגעברייטערט געוואָרן, פון יאָר צו יאָר.

בעת ב. לעווין איז געווען פאַרוואַלטער האָט ער נישט איינמאָל זיך געוואָלט צוריקציען פון זיין אַמט. און מ'האָט אים אַלעמאָל איבערגערעדט צו פאַרבלייבן ווייטער. ס'איז אָבער געקומען אַ צייט און ער האָט זיך גענומען באַקלאָגן אַז זיינע פערזענלעכע געשעפטן ווערן פאַרנאַכלעסיקט צוליב זיין פאָלקס־בינע טעטיקייט. נו, דאָ האָט מען זיך שוין מער נישט געקענט אַנטקעגנשטעלן.

ס'איז נישט געווען אַזוי לייכט צו געפינען אַ מענטשן אויף לעווינס אָרט, וואָס זאָל זיין פּאַסיק פאַר דעם אַמט און זאָל וועלן נעמען אויף זיך די אחריות זיינע צו ווערן געשעפטס־פאַרוואַלטער. אָבער נאָך אַ היפּש ביסל זוכענישן און שתדלנות, איז געלונגען איבערצורעדן פריינד ראובן אַרנאָו. אַ שוי־שפּילער פון פאָלקס־בינע־אַנסאַמבל, צו פאַרנעמען דעם אַמט אַלס געשעפטס־פאַרוואַלטער. אָבער כדי אַרנאָון צו פאַרלייכטערן די אַרבעט איז אויך דעמאָלסט דערוויילט געוואָרן הערש רובין, אַלס פאָרזיצער פון דער עקזעקוטיווע, כדי אַרויסהעלפן אַרנאָון אין דער אַרבעט.

ב. לעווין האָט זיך חלילה פון דער פאָלקס־בינע נישט דערווייטערט. ער, און זיין פרוי חנה, אַליין אַ שוישפּילערין אין אַנסאַמבל, — זיינען ביז איצט טעטיק און פאַרנעמען וויכטיקע פּאָזיציעס אין דער אָנפירערשאַפט פון דער פאָלקס־בינע.

2

מיטן אויסקלייבן אַ פּיעסע, יענעם סעזאָן, אין 1949, איז צוגעגאַנגען שווערלעך. דער רעזשיסאָר דוד ליכט, האָט דאַן געאַרבעט אין אַרגענטינע, צוצוגרייטן אַ מאָדערניזירטע אויפפירונג פון פּרץ הירשביינס „פּוסטע קרעטשמע", וואָס, אגב, די פאָלקסבינע האָט שוין לאַנג געוואָלט שפּילן. אָבער לײדער, ווען מיר האָבן דערהאַלטן דעם באַאַרבעטן טעקסט, סוף זומער פון 1949, האָט מען די פּיעסע צוליב פאַרשיידענע טעמים נישט אָנגענומען. איז געבליבן מ'זאָל וואַרטן ביז דוד ליכט וועט צו אונדז קומען סוף חודש סעפּ־טעמבער, כדי אויסצוקלייבן אַן אַנדער פּיעסע פאַרן סעזאָן. דוד ליכט, האָט אָבער, ווייזט אויס נישט צוגעגרייט קיין אַנדער פּיעסע. ער איז געווען

זיכער אַז מיר וועלן אָננעמען הירשביינס באַאַרבעטן טעקסט וואָס ער האָט אונדז צוגעשיקט. דוד ליכט האָט אונדז פאָרגעשלאָגן זיין אייגענע שאַפונג „די כלה וויל אַ פּרינץ", וואָס מיר האָבן שוין געהאַט געלייענט מיט אַ יאָר פריער, און מיר האָבן זי דאַן נישט אָנגענומען. מיר האָבן געוואוסט, אַז ליכט האָט די דאָזיקע פּיעסע געשטעלט אין אַרגענטינע מיט גרויס דערפאָלג, דאָך האָבן מיר זיך געשראָקן פאַר דער צו מוזיקאַלישקייט פון דער פּיעסע. מיר האָבן נישט געגלייבט אַז מיר האָבן די כוחות פאַר אַן אויפפירונג וואָס האָט אַן אַ שיעור לידער און געזאַנג. מיר האָבן אַזאַ פּיעסע ביז דאַן נאָך נישט געהאַט אויפגעפירט. צווייטנס: האָבן מיר מיט אַ יאָר צוריק געהאַט אַן אויסוואַל פון צוויי פּיעסן: דוד ליכטס „די כלה וויל אַ פּרינץ" און י. ל. פּרצעס „וואָס אין פידעלע שטעקט". מיר האָבן דאַן געשטימט צו שטעלן „וואָס אין פידעלע שטעקט".

דוד ליכט האָט אָבער אונדז געוואונען מיט עפּעס אַנדערש. ער איז דאָס מאָל געקומען באַוואָפנט מיט רעקאָרדירטע פּלאַטן פון דעם מוזיקאַלישן טייל פון דער פּיעסע לויט דער אַרגענטינער אויפפירונג.

מיר האָבן די פּיעסע נאָכאַמאָל איבערגעלייענט. געלייענט די פּיעסע האָט פאַר אונדז דוד ליכט אַליין. ער האָט נישט נאָר אויסגעטייטשט פאַר אונדז די פאַרשיידענע סצענעס, נאָר אויך אויסגעשפּילט פאַר אונדז די רעקאָרדירטע פּלאַטן, כדי מיר זאָלן הערן אינגאַנצן דעם מוזיקאַלישן טייל.

די פּיעסע האָט אָבער נאָך אַלץ אויסגעוויזן צו זיין צופיל שאַרזשירט. אמת, געווען אין טעקסט אַ בייסיקע סאַטירע אויף דעם איצטיקן יידישן טעאַטער. וואָס שייך די מוזיקאַלישע זייט פון דער פּיעסע, האָבן מיר געטראַכט: אַזוי ווי די פּיעסע איז אין אַרגענטינע אויפגעפירט געוואָרן מיט אַן ענלעכער גרופּע ווי די פאָלקס־בינע, און האָט געהאַט דערפאָלג, — איז נישט געווען וואָס זיך צו שרעקן.

מ'האָט באַשלאָסן די פּיעסע אָנצונעמען. מ'האָט אָבער געמאַכט אַ קליינע ענדערונג אין נאָמען: „די כלה וויל אַ פּרינץ" האָט אויסגעוויזן צו זיין אַביסל צו פּיקאַנט, האָט מען די פּיעסע אַ נאָמען געגעבן „אַ מעשה מיט אַ פּרינץ".

ס'איז ניט מיין עובדא צו געבן אַן אָפּשאַצונג פון די פּיעסן וועלכע מיר שפּילן אָדער וועגן דעם אופן ווי די פּיעסן ווערן געשפּילט. דאָס לאָזן מיר איבער צו די טעאַטער קריטיקער. מיר ווייסן אַפילו נישט וויפיל עס איז אין דער „אַ מעשה מיט אַ פּרינץ", געווען דוד ליכטס אייגנס, און וויפיל ער האָט גענומען פון דעם סאָוועטישן שרייבער דאָברושין, ביי וועמען די פּיעסע האָט, אגב, געהייסן „די קאַפּריזנע כלה". זיכער איז, אַז ביידע, סיי ליכט, און סיי דאָברושין, האָבן גענומען פון אברהם גאָלדפאַדן, ע"ה; פון זיין פּיעסע „קאַבצענזאָן און הונגערמאַן", און פון גאָלדפאַדנס אַנדערע כאַראַקטערן, איבערהויפּט פון גאָלדפאַדנס לידער.

דער אינהאַלט פון „אַ מעשה מיט אַ פּרינץ" איז אַ פיינע סאַטירע אויף דעם איצטיקן קלאָגעדיקן יידישן טעאַטער. אָבער דער קערן פון דעם סוזשעט איז פּאַרט אַ גאָלדפאַדניש־נאַאיווער. און דער גאַנצער דערפּאָלג איז געבויט אויף געזאַנג, זאָל זיך דאָס געזאַנג נישט איינגעבן, וועט די פּיעסע נישט אויסנעמען. און אַ דורכפאַל האָט זיך שטאַרק נישט געוואָלט אין דער פאָלקס־בינע נאָך די פּרעכטיקע אויפפירונגען וואָס מיר האָבן געמאַכט, טאַקע, מיט דוד ליכטן. איז מען אַרומגעגאַנגען פאַרזאָרגטע בשעת די רעפּעטיציעס און געפרעגט איינער ביים צווייטן: ווי מיינסטו? ס'וועט טויגן? און דער ענטפער איז תמיד געווען: „אַז ס'וועט זיך איינזינגען — וועט זיך עס איינשפּילן".

די פּרעמיערע פון „אַ מעשה מיט אַ פּרינץ", איז פאָרגעקומען שבת אָוונט דעם 17טן דעצעמבער 1949, אין ראַדין אודיטאָריום אויף סטענטאָן סטריט. ווי געוויינטלעך, איז אַן עולם געקומען צו דער ערשטער פאָרשטעלונג. דער עולם, האָט די פּיעסע און דאָס שפּילן אויפגענומען גאַנץ גוט. מ'האָט געלאַכט וואו מ'האָט באַדאַרפט לאַכן, און מ'איז געווען שטיל ביי די דראַמאַטישע סצענעס. אין טעאַטער — טרעפט אַמאָל פאַרקערט... אונדז אַליין אָבער, די פירערשאַפט פון דער פאָלקס־בינע האָט די פאָרשטעלונג נישט באַפרידיקט: דאָס געזאַנג איז נישט געווען געהויבן, גאָרנישט אָפּערע־מעסיק.

אין לידל האָט יאָ אויסגענומען. ס'האָט געשראָקן דאָס האַרץ: ווי אַזוי וועט די קריטיק אויפנעמען די פּיעסע? וואָס וועט געשען מיט דער גאַנצער שווערער אַרבעט וואָס איז אַריינגעטאָן געוואָרן אין „אַ מעשה מיט אַ פּרינץ"?

מ'האָט דערפאַר באַשלאָסן צו פאַררופן אַ פאַרזאַמלונג אויף מיטוואָך דעם 21טן דעצעמבער אַרומצורעדן וועגן דער אויפפירונג. ביי יענער פאַרזאַמלונג איז געהערט געוואָרן אַ סך זעלבסט קריטיק. מ'איז דערגאַנגען אַלעמען די יאָרן, אַלץ צוליב דער מורא — וואָס עס וועלן זאָגן די טעאַטער קריטיקער. מ'האָט שוין אפילו געמאַכט פּלענער אויף צו שפּילן עפּעס פון רעפּערטואַר. מ'איז געווען זיכער, אַז די פּרעסע וועט די אויפפירונג אַרונטעררייסן. דוד ליכט איז אָבער געווען גרייט צו נעמען די גאַנצע אחריות אויף זיך.

דער רעזולטאַט איז דווקא געווען אַ גוטער. די אַלגעמיינע פּרעסע האָט אויפגענומען די פּיעסע און דאָס שפּילן זייער גוט. אַ טייל האָבן אָנגעוויזן אויפן געזאַנג, אָבער די מערסטע האָבן דאָס פאַררעכנט ווי אַן ערשטע פאָרשטעלונג, וואָס וועט, אין לויף פון שפּילן ווערן בעסער.

ד"ר פאַגעלמאַן אין „פאָרווערטס", און יואל ענטין, אין „יידישן קעמפער" — האָבן גאָר שטאַרק געלויבט די אויפפירונג, „אַ מעשה מיט אַ פּרינץ".

אָט וואָס יואל ענטין האָט געשריבן אין „יידישן קעמפער" וועגן „אַ מעשה מיט אַ פּרינץ";

„איין קליינע ראיה — איז די „פאָלקסבינע" פון אַרבעטער־רינג. די דאָזיקע דראַמאַטישע געזעלשאַפט, וועלכע איז מיט אַ קנאַפּן צענדליק יאָר עלטער

„אַ מעשה מיט אַ פּרינץ" פון דוד ליכט

ערשטע ריי: בראָניאַ ניומאַן, יהושע זעלדיס, רענעי ספּעקטאָר, מענדל נאשקיס, ליובאַ גערבער.
צווייטע ריי: אילאי אַרנאָו, שרה סטייבין, רבקה אַדלער, יעקב האַלץ, אַנאַ בעק, אוירווינג פּיליפּס, חיים נעטער, יעקב ראָזענבלום, מאָריס אַדלער, משה דערווין, אפרים זאַלצבערג, חנה לעווין, מיכל לוקס, פאַניאַ ראָזענבלום, ברוך פּיִיוועלאָוויטש.

נאָך פון מאָריס שוואַרצס טעאַטער, האָט זיך די לעצטע יאָרן זיך אַזוי הויך אַרויפגעהויבן, אַז זי איז באַלד דער איינציקער אָאַזיס אין דעם אַרומיקן מדבר פון שונד און נישטיקייט. אָט שפּילט זי איצט, אונטער דוד ליכטס רעזשי „אַ מעשה מיט אַ פּרינץ" איז עס פּשוט אַ דערקוויקונג, סיי פאַרן אויג, סיי פאַרן אויער, טיילווייז אפילו פאַר דער פאַנטאַזיע. עס איז אַ שפּיל, אַ שפּאַס, אַ צויבער־מעשהלע, אַ נבואה אויף הינטערווילעכטס אויף די טראַגיש־שיינע צייטן פון דער געבורט פון יידישן טעאַטער. אַלע האַלטן זיך, שטייען און באַוועגן זיך אַזוי קאָרעקט און שיין, אַז עס איז אַ פרייד צו קוקן אויף זיי. ניט קיין געשולטע זינגער, זינגען זיי אָבער אַזוי אין טאַקט און אַזוי מיט האַרץ, אַז אפילו מיט רויע שטימען הערט מען זיי גערן.

עס באַקומט זיך אַ געשמאַקער, זיסער, האַרמאָנישער אַנסאַמבל. זיצט מען און מען קוקט אויף זיי און מען טראַכט:

עס איז דאָך אַזוי שיין — אַזוי לופטיק און אַזוי אַמתדיק, אַזאַ האַרבאָנישער געמיש אי פון מוזיק אי פון ליטעראַטור".

דאָ איז אַן אויסצוג פון אַן אַרטיקל, וואָס חיים גוטמאַן, (דער לעבעדיקער) האָט געשריבן וועגן „אַ מעשה מיט אַ פּרינץ" אין „מאָרגען זשורנאַל":

„אַ מעשה מיט אַ פּרינץ", איז אפשר דוד ליכטס רייפסטע און גאַנצעסטע אויפפירונג. ער האָט דעם מאַטעריאַל זייער גוט באַאַרבעט און די גאַנצע זאַך גלענצנדיק דורכגעפירט אין אַלע פּרטים.

... עס איז דאָ וויץ, הומאָר, סאַטירע אין דער מעשה, און אויך שטימונג אפילו.

... אין וואַלד זיינען אַלע אָנטיילנעמער גוט און וואויל: יעדער אויף זיין פּלאַץ. ס'איז אַ געלונגענע מאַסן־סצענע דורכגעטראָגן אויף איינצלנע פּלייצעס.

... די בעסטע שפּילן דאָ די פרויען, די פּרימאַדאָנאַ — אַנאַ בעק. די סוברעטין — בראָניאַ ניומאַן. מלכה די קעכין — שרה סטייבין. פריידעלע, אַ דינסט מיידל — רענעי ספּעקטאָר.

פון די מאַנסבילן זיינען פייןביידע ליבהאָבער איליי אַרנאָו און יהושע זעלדיס. ברוך פּיוועלאָוויטש ווי לייבעלע, דער קאָמיקער, און אפרים זאַלצבערג ווי דער סופליאָר. אַמבעסטן אָבער איז צאַפּלדיק גוט מרדכי לוקס אַלס דער משרת. גוט איז אויך ליובאַ גערבער.

אַ קאָמפּלימענט קומט מישאַ שטרייטמאַן פאַר דער שטימונגספּולער מוזיק. און קאַנדעלן פאַר זיינע רייך־פאַרביקע דעקאָראַציעס. אויך די איבעריקע אָנטיילנעמער אינעם שפּיל, ווי אוירווינג פיליפּס, יעקב האַלק, חנה לעווין, רבקה אַדלער, משה דערווין, לואי סיגאַל, מענדל נאַשקיס, חיים נעטער, פעניאַ ראָזענבלום און לואי פּיורי. יעדער איינער פון זיי גיט צו אַ חן־פּינטעלע צו דער פּרינצלעכער מעשה פון דוד ליכט".

די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן זעכצן סוף־וואָכן כסדר. ס'איז אויך געגעבן געוואָרן אַ פאָרשטעלונג פון „אַ מעשה מיט אַ פּרינץ", פאַר דער קאָנווענשאָן־דעלעגאַטן פון אַרבעטער־רינג. די פּיעסע האָט זיך נישט נאָר

גוט איינגעשפּילט, נאָר אויך גוט איינגעזונגען, און איז די גאַנצע צייט געווען אַ קוואַל פון פרייד פאַר דעם גרויסן עולם באַזוכער.

פינאַנציעל, איז די פּיעסע אויך געווען אַ דערפאָלג. ס׳איז געווען צום ערשטן מאָל וואָס ס׳זיינען נישט געבליבן קיין דעפיציטן פון דער אויפפירונג. פאַרקערט. מ׳האָט נאָך אָפּגעצאָלט אַ היפּש ביסל אַלטע חובות. און דאָס איז צו פאַרדאַנקען דעם נייעם פאַרוואַלטער ראובן אַרנאָו.

מיר האָבן פריער דערמאָנט אַ ליד וואָס האָט שטאַרק אויסגענומען. דער נאָמען פון ליד איז געווען: „מאַמע לשון״, טעקסט פון: דוד ליכט, און מוזיק פון: מישאַ שטרייטמאַן. דאָס ליד איז געזונגען און אויסגעשפּילט געוואָרן פון זעקס פון אונדזערע פייאיקע שוישפּילער אין דעם צווייטן אַקט פון דער פּיעסע. און דאָס דאָזיקע ליד האָט זייער אויסגענומען ביים עולם.

אין יענעם ווינטער פון 1950 אין חודש מערץ האָבן מיר אויך דורכגעפירט די פייערונג פון „35 יאָר פאָלקס־בינע״. צו דער געלעגנהייט איז געגעבן געוואָרן אַ ספּעציעלע פאָרשטעלונג פון י. ל. פּרצעס „אין פּאַליש אויף דער קייט״, אין „ראַדין אַדיטאָריום״. אָנגעפירט מיט דער קינסטלערישער זייט פון דער פאָרשטעלונג — האָט אונדזער ליבער, הערש רובין, איינער פון די פיינסטע שוישפּילער פון „פאָלקסבינע אַנסאַמבל״.

מ׳האָט אויך געפּראַוועט די שמחה ביי אַ פיינעם באַנקעט לכבוד דעם 35 יאָריקן יום־טוב, אין האָטעל „וואָודסטאָק״, וואו די הויפּט מחותנים זיינען געווען די שוישפּילער פון דער פאָלקס־בינע און די הויפּט פירער פון אַרבעטער־רינג.

ס׳איז אויך צו דער געלעגנהייט אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ זשורנאַל, אונטערן נאָמען „פאָלקס־בינע״, אונטער אַ רעדאַקציע־קאָלעגיום, פון: חיים זיינער, מרדכי יחסן, ב. לעווין און ביינוש סטייבין.

3

דער סעזאָן 1950—1951, האָט געלאָזן נאָך זיך אַ בענקשאַפט אין די הערצער פון די שוישפּילער און טוער פון אונדזער גרופּע. אפילו איצט בענקט זיך נאָך יענעם ווינטער סעזאָן, וואָס איז געווען פול מיט אַקטיוויטעט, און יעדער פון אונדז האָט געפילט די פרייד פון מיטשאַפן, און פון העלפן בויען דעם בנין פון דער פאָלקס־בינע. עס בענקט זיך נאָך יענעם ווינטער, און נאָך די פיל צאָליקע נייע פריינד וואָס די פאָלקס־בינע האָט געקראָגן, און נאָך די אַלע פערזענלעכקייטן מיט וועלכע מיר זיינען געקומען אין קאָנטאַקט.

די פאָלקס־בינע, האָט יענעם ווינטער־סעזאָן זיך אונטערגענומען אַן אַרבעט וואָס האָט געפאָדערט אַ סך כוחות.

ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער דראַמאַטישער פּאָעמע „די חתונה אין פערנוואַלד״, פון ה. לייוויק. ווען דוד ליכט, האָט אונדז געזאָגט אַז אים אינטערעסירט שטאַרק ה. לייוויקס נייע דראַמאַטישע פּאָעמע, און ער וויל

זייער גערן אַז די פאָלקסבינע זאָל דאָס שפּילן, זיינען מיר געווען זייער צופרידן צו זיין די ערשטע לייוויקס ווערק אויפצופירן.

ה. לייוויק איז געווען אין דייטשלאַנד, און מיט די אייגענע אויגן געזען וואָס עס טוט זיך דאָרט צווישן דער שארית־הפליטה. מיר האָבן געפילט, אַז די טראַגעדיע פון די לעבנסגעבליבענע יידן דאַרף שטאַרק פאַראינטערעסירן יעדן יידן אין אַמעריקע. אין דער „חתונה אין פערנוואַלד" שילדערט לייוויק די טראַגעדיע פון דער שארית־הפליטה.

איידער ליכט איז צוריקגעפאָרן קיין אַרגענטינע, האָט ער אונדז געזאָגט אַז ער וועט זיך טרעפן מיט ה. לייוויקן כדי צו באַקומען די הסכמה אויפצופירן זיין ווערק. מיר זיינען געווען מער ווי צופרידן צו שפּילן לייוויקס נייער דראַמע. האָט דאָך ה. לייוויק הינטער זיך אַ לאַנג־יאָריקע רעפּוטאַציע סיי אַלס גרויסער דיכטער, און סיי אַלס דראַמאַטורג, וועמעס פּיעסן „גולם", „שמאַטעס", „שאָפּ", „אָרעמע מלוכה", „אַנדערש", זיינען געשפּילט געוואָרן יאָרן לאַנג.

דער רעזולטאַט איז געווען: דוד ליכט האָט באַקומען די דערלויבעניש די פּאָעמע אויפצופירן, בתנאי: אַז ליכט מוז צושטעלן לייוויקן אַ קאָפּיע פון דעם טעקסט, וואָס ער, ליכט, וועט, ווי אַ רעזשיסאָר באַאַרבעטן. דוד ליכט איז גלייך נאָכדעם אַוועקגעפאָרן קיין אַרגענטינע.

אין חודש אַפּריל האָבן מיר באַקומען אַ בריוו פון דוד ליכטן אַז ער האָט פאַרטיק דעם ערשטן טייל פון דער פּיעסע און ער האָט שוין דאָס אַוועקגעשיקט צו ה. לייוויקן. און לייוויק איז צופרידן פון ליכטס פאָרשלאָגן ווי די פּיעסע זאָל געשטעלט ווערן.

מיר האָבן גלייך פאַררופן אַ פאַרזאַמלונג און אָנגענומען דעם באַשלוס אַז מיר נעמען אָן ה. לייוויקס דראַמאַטישע פּאָעמע. „די חתונה אין פערנוואַלד" אויפצופירן אין דעם סעזאָן פון 1950—1951 און מיר וועלן צוגרייטן דעם גאַנצע מעכאַנישן און געשעפטלעכן אַפּאַראַט פון דער אויפפירונג.

מיר האָבן געמאַכט דעם באַשלוס ווייל מיר האָבן געוואָלט האָבן אַ גאַנצן זומער צייט צו אַנאַנסירן די פּיעסע. מיר האָבן שטאַרק געגלויבט אין דעם דיכטערס ווערק, אַז די נייע דראַמע לייוויקס וועט האָבן דעם געהעריק קינסטלערישן דערפאָלג וואָס זי פאַרדינט. די זאַך האָט זיך אָבער פאַרצויגן ביזן חודש אויגוסט. קיין סך צייט איז ליידער נישט פאַרבליבן. מיט דוד ליכטס צוריקקומען קיין ניו־יאָרק, סוף סעפּטעמבער, איז מען גלייך צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. דוד ליכט האָט געלייענט לייוויקס נייער דראַמע פאַר די מיטגלידער פון דער פאָלקס־בינע און די פאַרטרעטער פון אַרבעטער־רינג. די פּיעסע האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף אַלע צוהערער.

דער באַוואוסטער מוזיקער און פּיאַניסט וולאַדימיר חפץ איז באַשטימט געוואָרן צו שרייבן ספּעציעלע מוזיק פאַר דער פאָרשטעלונג, און אונדזער שטענדיקער מאָלער ה. א. קאָנדעל האָט גענומען מאָלן די דעקאָראַציעס. צו אַלעמענס טיפן צער איז דאָס געווען קאָנדעלס לעצטע קינסטלערישע שאַפונג

פאַר דער פאָלקס־בינע. מיר האָבן אין קאַנדלען פאַרלוירן אַן איבערגעגעבענעם פריינד. יאָרן לאַנג האָט קאַנדעל געהאָלפן דער פאָלקס־בינע, און מיט זיינע געלונגענע דעקאָראַציעס זייער פיל בייגעטראָגן צום דערפאָלג פון אַ סך אויפפירונגען. זיין טויט האָט אונדז אַלעמען צערודערט, זיין אָנדענק איז ביי אונדז אַלעמען, אין דער פאָלקס־בינע, זייער טייער!

נאָך איידער די פאָלקסבינע איז געווען גרייט צו שפּילן לייוויקס „די חתונה אין פערנוואַלד״, האָבן מיר אַראַנזשירט אַ קבלת פנים פאַר דעם דיכטער ה. לייוויק, צו זיין צוריקקומען פון זיין באַזוך, אין מדינת ישראל. עס איז געקומען אַ גרעסערער עולם ווי מיר האָבן דערוואַרט. מ׳איז ממש געהאַנגען אויף די ווענט. ביי יענעם אָוונט איז אויך געווען צו גאַסט בערל לאָקער פון דער „אַגענטור״, וואָס איז גראָד דאַן געווען אין ניו־יאָרק אין אַ געוויסער שליחות. בערל לאָקער, ווי אַ פאָרשטייער פון דער ניי־געשאַפענער יידישער מלוכה, איז געווען אַ גאָר אָנגעלייגטער גאַסט ביים עולם. בערל לאָקער איז געווען צווישן די באַגריסער וואָס האָט גערעדט וועגן לייוויקן בכלל און באַזונדערס זיך אָפּגעשטעלט אויף דער נייער דראַמע לייוויקס וואָס באַהאַנדלט דאָס טראַגישע פּראָבלעם פון דער שארית הפליטה וואָס זיינען געצוואונגען זיך צו געפינען אויף דער בלוטיקער ערד פון דייטשלאַנד...
דער אָוונט איז אַדורכגעפירט געוואָרן מיט גרויס פייערלעכקייט. צום לעצט האָט גערעדט דער דיכטער לייוויק אַליין. ס׳איז געווען איינע פון די זעלטענע אָוונטן וואָס די פאָלקס־בינע האָט ווען עס איז אַראַנזשירט צווישן שוישפּילער און שרייבער, ווייל אַ טייל פון עולם איז באַשטאַנען פון באַוואוסטע שרייבער וואָס האָבן געהאַט יענעם אָוונט די געלעגנהייט זיך נאָענטער צו באַקענען מיט די מיטגלידער פון דער פאָלקסבינע.

די פּרעמיערע פון לייוויקס „די חתונה אין פערנוואַלד״ איז פאָרגעקומען שבת אָוונט, דעם 9טן דעצעמבער, 1950, אין דעם קליינעם טעאַטערל אויף סטענטאָן סטריט. אָבער די בינע אין דער לייוויק־פאָרשטעלונג, האָט, אַ דאַנק דעם רעזשיסאָר דוד ליכט, אויסגעקוקט פיל גרעסער. דער עולם האָט אויפגענומען די פאָרשטעלונג מיט גרויס באַגייסטערונג. אויך די קריטיקער אין דער טעגלעכער פּרעסע און אין די פאַרשיידענע פּעריאָדישע זשורנאַלן, האָבן געשריבן וועגן לייוויקס נייער דראַמע, דוד ליכטס רעזשי און וועגן די שוישפּילער, מיט אַ סך לויב.

וועגן ה. לייוויקס „די חתונה אין פערנוואַלד״ שרייבט ד״ר יעקב שאַצקי אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע״, פרייטיק, 22סטן דעצעמבער, 1950:

„איבער דער גאַנצער אויפפירונג הענגט די קדושה פון אַ פאַרטיפטער כוונה אַרויסצוברענגען אין סימבאָלן פון וואָרט און געשטאַלט, דאָס וואָס לאָזט זיך רעאַליסטיש בשום אופן ניט אויפנעמען. די געשטאַלטן הן די לעבעדיקע, והן די סימבאָלישע, זיינען אָרגאַניש איינגעוועבט און שאַפן אָפּ די מחיצה צווישן וואָר און פאַנטאַזיע, צווישן צייט און שטח. די געראַטעוועטע יידן זיינען דער המשך פון דעם יידישן קידוש השם. דער געראַטעוועטער על־פּי נס גייט

ווייטער אויף קידוש השם דורך דעם וואָס ער דאַרף לעבן. ער נעמט עס אויף ווי אַ נאַציאָנאַלער מוז. ער וועט מוזן לעבן אין דער וואונד גופא, וואָס הייסט יידיש לעבן נאָכן חורבן. דער טויט ווערט די דערלייזונג, ממילא ווערט לעבן — גרויסע הערואיק. פונקט ווי אין דער גריכישער טראַגעדיע, וואו דער פאַטום פאַרמשפּט די טראַגישע געשטאַלטן צום לעבן אין פּיין, ווייל לעבן אין פּיין דערהייבט און רייניקט — אַזוי איז אויך אין לייוויקס מיסטעריע.

דער אַנסאַמבל פון דער יידישער פאָלקסבינע האָט פּיין אויפגעפּאַסט דידאַזיקע טראַגעדיע פון דער מצוה צו בלייבן לעבן. דאָס שפּיל איז פאַרטיפט אין רואיקייט און רואיק אין איר פאַרטיפקייט.

דוד ליכט דאַרף מיט באַרעכטיקטן שטאָלץ באַטראַכטן דידאַזיקע אויפפירונג ווי זיין גרעסטער רעזשיסאָרישער נצחון אין אַמעריקע".

אַ גרעסערן אַרטיקל, אונטערן נאָמען: „פאַרמשפּט צו לעבן", ווידמעט אויך ש. ניגער דער אויפפירונג פון ה. לייוויקס „די חתונה אין פערנוואַלד", אין „טאָג" פון מערץ, 18טן, 1951. דאָ איז אַ טייל פון ניגערס אַרטיקל:

„עס איז געווען גאָר אַ גרויסע באַפרידיקונג צו זיצן אין טעאַטער און צו זען, אַז דער „פאָלקסבינע" און איר קינסטלערישן דירעקטאָר דוד ליכט, איז,—מיט דער הילף פון וולאַדימיר חפצס מוזיק און ה. א. קאַנדעלס דעקאָראַציעס און קאָסטיומען, — געלונגען אַריבערצוטראָגן אונדז אין דעם פּאַטעטיש וואונדערלעכער וועלט און צו שאַפן ביי אונדז די געהויבענע שטימונג, וואָס ער האָט געוואָלט ביי אונדז שאַפן.

עס איז אין דעם שפּילן פון דער „פאָלקסבינע" דאָ עפּעס אַ זעלטענע איבערגעבנקייט, אַ ריינקייט, אַ כשרקייט. צו די דרויסנדיקע טעאַטער־מיטלען קומט דאָ צו עפּעס אַ נשמהדיקייט.

די „פאָלקסבינע" מעג זיך גראַטולירן, וואָס גראָד איר איז באַשערט אַריינצופירן דעם יידישן טעאַטער עולם אין דער וועלט פון אונדזער נאַציאָנאַלער דראַמע, אין דער מיסטעריע פון דעם נייעם אָנהייב, דעם נייעם לעבן אין אַ לאַגער פון דער שארית הפליטה, — אין דער מיסטעריע, וואָס איר סימבאָלישער נאָמען איז: „אַ חתונה אין פערנוואַלד".

די אויפפירונג ווייזט, וואָס מען קאָן דערגרייכן אַפילו ביי אָרעמע מיטלען, אויב נאָר מען איז רייך אין קינסטלערישער ערנסטקייט און איבערגעבנקייט".

אין „קולטור און דערציאונג" יאַנ. 1951, שרייבט ש. ד. זינגער וועגן ה. לייוויקס „די חתונה אין פערנוואַלד". איך ציטיר דאָ אַ קיצור דערפון:

„אין בילדער, אַרומגערינגלט פון געשטאַלטן, אומגעקומענע און לעבנגעבליבענע, צווינגט אונדז דער דיכטער אַריינצוקוקן אין דעם תהום פון ליידן און מיטצוגיין אויף דעם וועג פון קרבן. ווי אַמאָל פּרץ אין זיין „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק", רופט לייוויק אַרויס, אין פיבערהאַפטן דמיון, געשפּענצטער־פאַרשווינען, וואָס קומען נישט שרעקן, נאָר וואָס בעטן זיך, אַז מיר

אַ סצענע פון „די חתונה אין פערנוואַלד"

ערשטע ריי: (פון רעכטס צו לינקס): בוירניס טהאו, רענעי ספעקטאָר, לי ובאַ בלום־קאַנדעל, מיכל לוקס, לואי פיורי, מיכל ניידיטש, פאָלאַ אייזנער, ברוך פייוועלאָוויטש, רבקה אַדלער, ראָזע ראָזענצווייג, מענדל נאַשקיס.

צווייטע ריי: מאָריס אַדלער, משה דערווין, י. ברי, יהודה רעזניק און אפרים זאַלצבערג.

זאָלן זיי נישט פאַרגעסן, אַז זיי, די קדושים, זאָלן לעבן אין אונדז, ווייל נאָר אין זכות פון געדענקען קען מען ווייטער לעבן, קען די ׳חתונה׳ אַ שמחה זיין . . .

דוד ליכט האָט גוט פאַרשטאַנען דעם דיכטערס כּוונה. אין ליכטס רעזשי איז די אידייע פון לייוויקס טראַגישער מיסטעריע, — סיי דער פּאָעטישער וואָרט־נוסח פונעם דיכטער, נישט פאַרלאָרן געגאַנגען. דערהויבן פילט מען זיך, בעתן זיצן אין דעם קליינעם טעאַטערל, הערנדיק דאָס טיפע וואונדערלעך, פּאָעטישע לשון פון לייוויקס נייעסטער דראַמע. אַזאַ קלאָרקייט, אַזאַ דיקציע, איז אַ נחת און אַ טרייסט.

פון די שפּילערס ווילן מיר דערמאָנען חיים זיינער וואָס שפּילט דעם אומבאַקאַנטן ייד. זיינער האָט מאָמענטן וואָס דערהייבן מיט זיין קרעפּטיק שפּילן, אויך יהושע זעלדיס אין דער ראָלע פון אברהם, איז איידל, פּאָע־טיש־צאַרט און פאַרמאָגט אַ פּשטות, וועמען מען מוז באַוואונדערן, לאָמיר אויך דערמאָנען מיכל לוקס, וואָס שפּילט די גאָר נישט גרינגע ראָלע פונעם יונגן פּליט, זיין האַלטונג, זיין גרים און זיין דיקציע איז פון אַן אמתן שוי־שפּילער. אימפּאָזאַנט איז אויך מאָריס אַדלער אין דער ראָלע פון אַלטן פּליט. און ליובאַ בלום־קאַנדעל, אַלס די צווייטע שרה, באַצווינגט מיט איר צער און שטילן שפּילן. מוטערלעך־איידל שפּילט רענעי ספּעקטאָר די ראָלע פון דער ערשטער שרה״.

אין אַן אַנדער נומער „קולטור און דערציאונג״, שרייבט דער פּעדאַגאָג און שריפטשטעלער ה. ש. קאַזדאַן, וועגן דער פאָלקסבינע, אין שייכות מיט דער אויפפירונג פון לייוויקס „די חתונה אין פערנוואַלד״:

. . . „אין אַלץ פילט זיך די געניטע האַנט פונעם רעזשיסאָר דוד ליכט. אין אַלץ — אַ סך געשמאַק. די קליינע בינע איז אויסגענוצט אויפן אינטענסיוון שטייגער. די מוזיק, די קאָנסטרוקציע פון דער בינע, די אַלגעמיינע דעקאָ־ראַציעס — אַלץ עפעקטפול, הגם שטיל און באַשיידן. די שפּיל מאַכט אַ טיפן איינדרוק.

הייסט עס, מען קען געווינען אַן עולם — אַן די אַקסעסואַרן פון סעקאָנד עוועניו, אַן ספר־תּורה־לעך און יום־טובדיקן קידוש, אַן מגידישע העוויות, אַן איבערקרימענישן פון כלומרשטן פאָלקלאָר... און אַן געזאַנג און טענץ... הייסט עס, מען קען געווינען אַן עולם — אפילו מיט אַ העכסט־ליטעראַרישן טעקסט פון ה. לייוויק, אַפילו מיט אַזאַ שווערער טעמע ווי „פערנוואַלד״. הייסט עס, אַז יידיש טעאַטער פאַרמאָגט אַ גרויסע אידייע און צויבער־קראַפט, אוי־סער די קאָסע־חשבונות און סטאַר־אַמביציעס. הייסט עס, אַז מען דאַרף ניט אויף דער יידישער סצענע צעפּאַטשקענען די יידישע שפּראַך מיט חצי ענגליש . . .

פאָלקסבינע — אַ קאָלעקטיוו, אַן סטאַרן, אַ שעפערישע גרופּע, וואָס לעבט מיט טעאַטער, וואָס וויל פלאַנצן אויף דער יידישער גאַס ליבע און

אַ סצענע פון לייוויקס דראַמע „די חתונה אין פערנוואַלד", געשפּילט פון דער פאָלקסבינע



ערשטע רייע פון רעכטס: ראובן ברי, רבקה אַדלער, יהודה רעזניק, לואי פיורי, מיכל ניידיטש, משה דערווין.
צווייטע רייע: פּאָלאַ אייזנער, ראָזע ראָזענצווייג, מענדל נאַשקיס, אפרים זאַלצבערג, ברוך פּייוועלאָוויטש, יהושע זעלדיס, חיים ויינער.

פאַרשטענדעניש צו טעאַטראַלער קונסט. אַ גרופּע, וואָס האָט אַלע יאָרן גע־האַלטן הויך די פאָן פון יידישער טעאַטער־שאַפונג, שטענדיק אויסגעשטעלט גוטע ליטעראַרישע ווערק מיט סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע אידייען, האָט שטענדיק אַפּעלירט צו די בעסטע און געזינטסטע געפילן פונעם צושויער. און ווידער אַמאָל — אַן אַן אייגענעם לאָקאַל, אַן גרויסע סובסידיעס. אויף אַ פּאַרוואָרפענער גאַס ערגעץ, אין אַ לאָקאַל בשכנות מיט אַ צווייטן, פון וואַנען עס הערט זיך די גאַנצע צייט גרילצנדיקע דזשעז־מוזיק. אין דעך!"...

זעכצן וואָכן איז לייוויקס „די חתונה אין פערנוואַלד" געשפּילט געוואָרן. עס זיינען געווען אָוונטן אין טעאַטער וואו מען האָט כמעט ביי יעדער פאַר־שטעלונג געהערט אַ שטיל געוויין, אַ כליפּען, און אַ טרויעריק זיפצן פון דעם עולם צוהערער. לייוויקס דראַמע האָט יעדן דערמאָנט אין דעם גרויסן חורבן. דאָס טרויעריקע בילד פון דער שארית הפליטה, וואָס איז פון די פאָלקס־בינע שוישפּילער מיט אַזוי פיל געפיל געוויזן געוואָרן האָט די טעאַטער־באַזוכער גערירט ביז טרערן. עס איז געווען אַ זעלטענע פאַרשטעלונג וואָס מען קען נישט פאַרגעסן. די פאָלקס־בינע, מיט איר רעזשיסאָר דוד ליכט, מעגן באמת שטאָלצירן מיט יענער לייוויק־פאַרשטעלונג — „די חתונה אין פערנוואַלד".

4

די פאָלקס־בינע האָט, אין ווינטער, 1951, פאַרענדיקט אַ דערפאָלגרייכן סעזאָן. מיר האָבן יענעם סוף־סעזאָן געפילט אַז מיר האָבן אויפגעטאָן אַ וויכטיקע זאַך מיטן אויפפירן אַן אָריגינעלע דראַמע פון אַ באַרימטן יידישן דיכטער. כבוד האָבן מיר געהאַט אויך איבערגענוג. און פינאַנציעל איז דער סעזאָן געווען דער בעסטער וואָס מיר האָבן ווען עס איז געהאַט פאַר די לעצטע 10 יאָר.

וואָס שייך אַ נייע פּיעסע, איז אויך נישט געווען וואָס צו זאָרגן. דוד ליכט האָט געזאָלט באַאַרבעטן און צוגרייטן אַ פּיעסע בעת זיין פאַרבריינגען אין אַרגענטינע דורכן זומער, דערנאָך אומקערן זיך קיין ניו־יאָרק. קורץ: מיר האָבן געהאַט גענוג צייט אָפּצוגעבן זיך מיט פּלענער כדי אויסצובערייטערן, אין דער צוקונפט, די אַרבעט פאַר דער פאָלקס־בינע. די זומער־וואָכן זיינען אָבער אַדורך פול מיט דאגות.

פּונקט ווען מ'האָט באַדאַרפט אַנאָנסירן די אויפפירונג פאַרן קומענדיקן ווינטער האָבן מיר באַקומען ידיעות פון אַרגענטינע, אַז צוליב געוויסע סיבות קען ליכט נישט קומען קיין ניו־יאָרק. סוף זומער איז מען שוין געווען זיכער אַז דוד ליכט, וועט דעם קומענדיקן סעזאָן מיט אונדז נישט זיין. מ'איז געבליבן אָן אַ רעזשיסאָר און אָן אַ פּיעסע! די לאַגע איז באמת געווען אַ פאַרצווייפלטע. מ'האָט גענומען טראַכטן וועגן אָפּשטעלן די פאָלקס־בינע פאַרשטעלונגען אויף אַ יאָר צייט. נאָר אַ נס האָט געקענט ראַטעווען די

לאַגע. דערפאַר איז די פרייד געווען גרויס ביי דער פאָלקס־בינע פירערשאַפט, ווען מ׳איז געוואויר געוואָרן אַז אונדזער פּאַרוואַלטער ראובן אַרנאָו, האָט, אויף זיין אייגענער איניציאַטיווע, זיך געווענדט צו דעם באַוואוסטן יידישן שוישפּילער יוסף בולאָוו, און באַקומען פון אים אַ צוזאָג צו ווערן דער רע־זשיסאָר פון דער פאָלקס־בינע. און פּיעסן האָט בולאָוו אַ גאַנצן באַגאַזש, וואָס ער האָט געשטעלט אין פאַרלויף פון זיין רייכער בינע־קאַריערע. בולאָוו האָט פאַר אונדז געלייענט אַ צאָל פּיעסן. בשעתן לייענען איז מען געקומען צו רייד וועגן די ווערק פון אָסיפ דימאָוו. דימאָוו איז יענעם יאָר געוואָרן אַ בעל יובל. און מיר האָבן געטראַכט, צו פאַרבינדן דימאָווס 75סטן געבורין טאָג מיטן אויפפירן זיינס אַ פּיעסע. לסוף האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אויף דימאָווס קאָמעדיע „יאַשקע מוזיקאַנט״. כאָטש די פּיעסע איז אויפגעפירט געוואָרן אין אַ פּראָפעסיאָנאַלן טעאַטער מיט 25 יאָר צוריק, איז „יאַשקע מוזיקאַנט״ אַלעמען געפעלן. אָנשטאָט „יאַשקע״ — איז די פּיעסע גערופן געוואָרן „דער זינגער פון זיין טרויער״. די פּראָבן האָבן זיך אָנגעהויבן מיט ברען. עס זיינען געווען שוועריקייטן אויך, בולאָוו האָט זיך געשראָקן פאַר דער קורצער צייט, וואָס עס איז געבליבן צו רעפּעטירן. דערצו מיט נישט פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן, וואָס קענען מער ווי דריי מאָל אין וואָך נישט קומען צו די פּראָבעס. אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך גוט. און מ׳איז גרייט געווען צו שפּילן אָנהויב דעצעמבער, ווי באַשטימט.

די פאָלקס־בינע האָט צוגעצויגן די טענצערין „בעל דידזשאָ״ אויף איינ־צושטעלן די גרופּירונגען און טענץ. שמואל לעוו דער מאָלער האָט צו־געגרייט די דעקאָראַציעס און הערי איידעס, האָט געשריבן אַ ספּעציעלע מוזיקאַלישע באַגלייטונג פאַר דער פּיעסע. מיר האָבן אויך אַנגאַזשירט די קליינע שפרה סיילאָ פאַר דער ראָלע פון דעם מיידעלע „רויזעלע״ אין דער פּיעסע. שפרהלע, אַ הי־געבוירן קינד, האָט גערעדט יידיש אָן אַ פרעמדן אַקצענט. אַ קינד פון אַמעריקאַנער עלטערן וועלכע זיינען אַליין אַקטיאָרן אויף דער ענגלישער בינע, האָט זי אָבער ביי זיי באַקומען אַן עכט יידישע דערציאונג. מיר דערציילן דאָס מיט נחת, וואָס ס׳געפינען זיך היימען ביי דעם אַמעריקאַנעם יידישן דור, וואו מ׳רעדט און מ׳טראַכט אין יידיש.

דעם 8טן דעצעמבער פון יאָר 1951 איז פאָרגעקומען די פּרעמיערע פון אָסיפּ דימאָווס „דער זינגער פון זיין טרויער״.

דער עולם האָט די פּיעסע אויפגענומען אויסערגעוויינטלעך גוט.

די פּרעסע אָפּשאַצונג פון „דער זינגער פון זיין טרויער״, איז געווען אַן אַבסאָלוט איינשטימיק באַגייסטערטע! פון אַלע רעצענזיעס וואָס זיינען געשריבן געוואָרן וועגן דער אויפפירונג איז נישט געווען קיין איינציק שלעכט וואָרט. איבערהויפּט האָט מען געלויבט דאָס שפּילן און דער אופן ווי יוסף בולאָוו האָט אויפדאָסניי געשטעלט דימאָווס פּיעסע.

יוסף בולאָווס רעפּוטאַציע, האָט אוודאי נישט געליטן. זיין אַרבעט איז שטאַרק געלויבט געוואָרן. אַ גרויסע צאָל שוישפּילער און טעאַטער־דירעק־

טאָרן פון דער ענגלישער בינע זיינען געקומען זען די פאָרשטעלונג. און אַלע זיינען געווען באַגייסטערט.

אין „קולטור און דערציאונג״, פעברואַר 1952, שרייבט י. מלאָטעק וועגן אָסיפּ דימאָוס „זינגער פון זיין טרויער״:

„אַלע אַן אויסנאַם שפּילן גוט זייערע ראָלעס. עס זיינען אָבער פאַראַן אַ פּאָר אַקטיאָרן, וואָס צייכנען זיך באַזונדערס אויס אין דער איצטיקער אויפפי־רונג פון דימאָווס „„זינגער פון זיין טרויער״ און יעדער איינער פון זיי וואָלט געקענט פאַרנעמען אַ בכבודיק אָרט אין יעדן גוטן, קינסטלערישן טעאַטער. מען דאַרף פריער פון אַלע דערמאָנען רענעי ספּעקטאָר, וועלכע שפּילט די ראָלע פון [illegible] דער יתומה. עס איז אַ שווערע ראָלע און זי גיט זיך מיט איר גלענצנדיק אַן עצה. זי געווינט דעם צוטרוי פון דעם פובליקום באַלד ביים ערשטן אויפטריט אויף דער בינע און זי פאַרדינט דעם דאָזיקן צוטרוי מיט איר פיינעם, איינגעהאַלטענעם שפּילן אין משך פון די דריי אַקטן, ווען זי גייט כמעט ווי ניט אַראָפּ פון דער בינע.

מיט אַ סך שוישפּילערישן טאַלאַנט טראָגן אויך אויס זייערע ראָלעס: מיכל לוקס אַלס יאָשקע מוזיקאַנט. שרה סטייבין און אַנאַ בעק שאַפן צוויי פיינע און איבערצייגנדיקע טיפּן — די ערשטע אַלס האָדעס, און די צווייטע אַלס די רייכע מאַדאַם לוריע. זייער גוט שפּילן אויך ראובן ברי אַלס שייקע דער קוימענקערער און יעקב ראָזענבלום אַלס בערל דער וואַסערטרעגער, און אילאַי אַרנאָו אַלס סאָלאָמאָנטשיק״.

און ח. גוטמאַן (דער לעבעדיקער), שרייבט וועגן דימאָווס פּיעסע ביי דער פאָלקסבינע:

„די פּיעסע געפעלט מיר אין איר תוך און אין איר צוזאַמענשפּיל; אין איר ערנסטן צוגאַנג און אוודאי פאַר איר ליבן זאַפטיקן יידיש. די פּיעסע איז, טראָץ אַלע טראָצן, איינע פון די ליבסטע טעאַטער־פאָרשטעלונגען ביי דער פאָלקסבינע.

און וואָס שייך די אַקטיאָרן, איז עטלעכע פון זיי צייכענען זיך באמת אויס: אויב כאַנין וואָלט געטיילט מעדאַלן, וואָלט איך פאָרגעשלאָגן אַוועק־צוגעבן זיי צו צוויי פרויען, אָדער בעסער געזאָגט, צו אַ פרוי און אַ פערטל די פרוי איז שרה סטייבין, אַלס האָדעס. זי איז ערשט־קלאַסיק. זי איז אין איר ראָלע כסדר און פאַלט ניט אַרויס, ווי עס פאַסירט גאַנץ אָפט. און דאָס פערטל פרוי, איז די קליינע שפרה סיילא, דאָס איייניקל. זי איז בריליאַנט אין אַלע אירע מאָמענטן אַלס צוהערערקע, אַלס פאַרליבטע אין יאָשקעס שפּילן און אַפילו אין איין העמד . . .

פון די מאַנזביל איז מיכל לוקס ווי יאָשקע, פיין אין דער ערשטער העלפט.

געזונט און אויסגעהאַלטן, איז יעקב ראָזענבלום, פלינק, כמעט מעפּיס־טאָפּל־מעסיק איז ראובן ברי, ער פליט ממש ווי שאַגאַלס בלויער ייד איבער די וויטעבסקער דעכער.

„דער זינגער פון זיין טרויער" פון אָסיפּ דימאָוו

פון רעכטס: רענעי ספּעקטאָר, יעקב ראָזענבלום, מיכל לוקס, שרה סטייבין, יהושע זעלדיס און ראובן ברי, (אויבן).

עס איז אַ קאָמעדיע וואָס איז טראַגיש־זיס מיט איר פּשטות. דערביי פאַרמאָגט זי דעם שטענדיקן חן פון דימאָווס הומאָר: רעאַליזם און גראָטעסק געמישט צוזאַמען . . .״

פיל נחת און כבוד האָט אויך געהאַט דער מחבר אָסיפּ דימאָוו. די פאָלקס־בינע האָט מיט דער אויפפירונג, אויף אַ ווירדיקן אופן באַערט דעם באַרימטן דראַמאַטורג, צו זיין פינף־און־זיבעציקסטן געבוירן טאָג.

צו איינע פון די פאָרשטעלונגען איז אויך געקומען מאָריס שוואַרץ. מאָריס שוואַרץ האָט הארציק באַגריסט דער פאָלקסבינע אין אַ קורצער רעדע נאָך דער פאָרשטעלונג, „דוקא דאָס נאַאיווע און תמימותדיקע שפּילן פון אַלע שוישפּילער פון דער פאָלקס־בינע״, — האָט שוואַרץ געזאָגט, — „האָט באַוויזן ווי טיף זיי האָבן פאַרשטאַנען דימאָווס פּיעסע און זיינע העלדן, די קליינשטעטל־דיקע יידן מיט זייערע פריידן און ליידן״.

די פּיעסע „דער זינגער און זיין טרויער״ איז געשפּילט געוואָרן אין די שבתים און זונטיקס 16 וואָכן, און דער ראַדין טעאַטער איז תמיד געווען פול מיט טעאַטער־באַזוכער. דער סעזאָן איז געווען אַ דערפאָלגרייכער אין אַלע פּרטים.

***

דעם 14טן מאַי, 1952, איז געשטאָרבן אונדזער ליבער חבר דער שוי־שפּילער, יעקב ראָזענבלום, ע״ה.

די פּיעסע „דער זינגער פון זיין טרויער״, אין וועלכער ראָזענבלום האָט אָנטייל גענומען, איז נאָר וואָס געענדיקט געוואָרן שפּילן. ראָזענבלום ע״ה האָט זיך שטאַרק אויסגעצייכנט אין דער ראָל פון „וואַסער־טרעגער״. ס׳איז געזאָגט געוואָרן ביי זיין אָפענעם קבר; אַז: „דאָ איז מען נישט בלויז מקבר דאָס ערדישע איבערבלייב פון יעקב ראָזענבלום, נייערט אַ גאַנצע עדה יידן איז מען דאָ מקבר מיט אים; שיינע יידישע געשטאַלטן וואָס ראָזענבלום האָט מיט זיין טאַלאַנט ווי פון גראַניט אויסגעהאַקט; זיין „אָנקעל מאָזעס״ זיין „מלך״ אין לייוויקס „אָרעמע מלוכה״; די ראָלע פון דעם „בונטאַר״, אין פּרצעס „אין פּאַליש אויף דער קייט״; און צום לעצט דער „וואַסער־טרעגער״ אין ׳דער זינגער פון זיין טרויער׳.

אייביק וועט ער לעבן אין אונדזערע הערצער!..״

***

כדאי דאָ צו פאַרצייכנען, אַז אין זומער, 1952, איז יעקב פישמאַן, דער גרינדער און לאַנג־יאָריקער רעזשיסאָר, פון דער פאָלקסבינע, איינ־שטימיג דערוויילט געוואָרן ווי אַ שטענדיקער ערנפאָרזיצער פון אונדזער טעאַטער־קאָלעקטיוו. איך האָב זיך דאַן, צוליבן געזונט, צוריקגעצויגן אַלס

פאַרזיצער פון דער פאָלקס־בינע. און אויף מיין פלאַץ איז דערוויילט געוואָרן מאָריס אַדלער, וואָס פאַרנעמט דעם אַמט ביזן היינטיקן טאָג.

5

ס׳איז אָנגעקומען שווער אָנצוהייבן די אַרבעט פאַר דעם סעזאָן פון 1952—1953. די פראַגע וואו, אין וועלכן טעאַטער מיר זאָלן געבן אונדזערע פאָרשטעלונגען, איז ווידער דעבאַטירט געוואָרן ביי די זיצונגען, אַ סך מיט־גלידער האָבן גענומען פּראָטעסטירן קעגן די אומבאַקוועמלעכקייטן פון שפּילן אין „ראַדין אודיטאָריום". די דאָזיקע פּראָטעסטן זיינען נישט געווען קיין נייעס. זיי זיינען געקומען נאָך יעדן סעזאָן שפּילן. דאָס מאָל האָבן זיך די פּראָטעסטן פאַרשטאַרקט. מען האָט געפרעגט, ווי דערלאָזן עס אונדזערע קולטור טוער, די יידישע אינטעליגענץ פון ניו־יאָרק, אַז די פאָלקסבינע, וואָס טוט אַזוי פיל פאַר דעם המשך פון אַ בעסער יידיש טעאַטער, זאָל מוזן שפּילן טעאַטער אונטער קלאַנגען פון „דזשעז־מוזיק" וואָס מ׳הערט כסדר בשעתן שפּילן פון די שכנישע קלוב־צימערן. מען האָט ערנסט גענומען טראַכטן וועגן אַן אייגענער, שטענדיקער היים פאַר דער פאָלקס־בינע.

אָנשטעלן אַ רעזשיסאָר פאַר קומענדיקן סעזאָן 1952—53, איז אויך נישט לייכט אָנגעקומען. נאָכן דערפאָלג פון דעם „זינגער פון זיין טרויער", האָבן מיר נאַטירלעך, באַדאַרפט זיך ווידער פאַרבינדן מיט יוסף בולאָוון. אָבער, בולאָוו איז געווען פאַרנומען אויף בראָדוועי, אין טעאַטער און אין טעלע־וויזיע־פאָרשטעלונגען. מיר האָבן ניט געקענט אים באַצאָלן אַ געהאַלט אַז ער זאָל אַרבעטן אויסשליסלעך מיט אונדז. צווישן די פאָרשלאָגן, אָנצושטעלן אַ רעזשיסאָר, האָט אונדז אימפּאָנירט, גראָד אַ פרוי מיטן נאָמען, ווערא האַקען. זי איז שטאַרק רעקאָמענדירט געוואָרן פון אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן אין יידישן קולטור־לעבן. זיי האָבן זי שטאַרק געלויבט אי ווי אַ שוישפּילערין, אי ווי אַ רזשיסאָרין. ספּעציעל איז געלויבט געוואָרן איר אויפפירונג פון אַ רעוויו־שפּיל אונטערן נאָמען „די גאָלדענע פּאַווע". די פראַגע איז געווען: וועלן זיך אונדזערע שוישפּילער צופּאַסן צו אַ פרוי־רעזשיסאָר? דאָס איז געווען דער ערשטער פאַל ביי דער פאָלקס־בינע, און אפשר אין יידישן טעאַטער בכלל. דאָך האָבן מיר באַשלאָסן אָנצושטעלן פרוי האַקען אַלס רעזשיסאָרין פון דער פאָלקסבינע.

קיין פּיעסן פאַר דער פאָלקס־בינע, האָט ווערא האַקען נישט פאָרגעשלאָגן. מיר האָבן איר דערמאָנט אַ צאָל פּיעסן וואָס מיר האָבן געלייענט אין פאַרלויף פון זומער. פון אַלע האָט דער רעזשיסאָרין, פרוי האַקען, פאַראינטערעסירט אברהם גאָלדפאַדענס קאָמעדיע אונטערן נאָמען „סמבטיון", וואָס די פאָלקס־בינע האָט שוין איין מאָל געהאַט אויפגעפירט אונטער אונדזער י. פישמאַנס רעזשי. פרוי האַקען האָט אונדז פאַרזיכערט אַז זי קען די פּיעסע מאָדערניזירן און עס וועט אַרויסקומען אַ פיינע מוזיקאַלישע קאָמעדיע.

מיר האָבן באַשטימט אויפצופירן „סמבטיון". גראָד איז יענעם יאָר אויסגעפאַלן דער 75סטער יובל פון יידישן טעאַטער און עס האָט זיך געוואָלט שטעלן אַ פּיעסע פון דעם פאַטער פון „יידישן טעאַטער". דער עיקר אָבער, האָבן מיר געוואָלט געבן דער ליבער ווערא האַקען, די געלעגנהייט אויפצופירן אַ פּיעסע וואָס איז איר אַליין צום האַרצן.

ווערא האַקען האָט די פּיעסע איבערגעאַרבעט. זי האָט איבערגעשטעלט די „יאַריד"־סצענע אין אָנהייב פון דער פּיעסע, און מיט דער דאָזיקער סצענע אויך געשלאָסן דאָס שפּיל. ווערא האַקען האָט אַריינגעפירט אַ נייע ראָלע פון דעם פאָטאָגראַפטשיק וואָס זעט אַלץ און ווייס אַלץ. דער מוזיקער הענאָך קאָן איז באַשטימט געוואָרן צו שרייבן די מוזיק פאַר דער פּיעסע; בעל דידזשאָ — איינצושטודירן די טענץ, און יעקב זעלדין — צו צייכענען די דעקאָראַציעס.

שבת אָוונט דעם 13טן דעצעמבער איז געווען די פּרעמיערע פון „סמבטיון" אין ראַדין אודיטאָריום אויף סטענטאָן סטריט.

דער עולם האָט די קאָמעדיע זייער גוט אויפגענומען. מ'האָט האַרציק געלאַכט ביי די קאָמישע סצענעס און ביי דעם פּרעכטיקן אַנסאַמבל־שפּיל.

אַן אינטערעסאַנטן אַרטיקל שרייבט ב. שעפנער, וועגן „סמבטיון", אין „פאָרווערטס" פון 23סטן דעצעמבער 1951, פון וועלכן מיר ברענגען דאָ נאָר אַן אויסצוג:

„עס איז מערקווירדיק: ווען איך זיץ אויף אַ „גרויסן" ספּעקטאַקל אין די סעקאָנד עוועניו טעאַטערן בין איך כסדר באַהערשט פון אַ געפיל פון רחמנות: איך האָב רחמנות אויף די טאַלאַנטירטע אַקטיאָרן, וואָס מוזן, נעבעך, שפּילן אין אַזאַ וויסטער מאַכערייקע; איך האָב רחמנות אויף דער יידישער שפּראַך, וואָס ווערט, נעבעך, געניזוקט אויף דער בינע; איך האָב רחמנות אויפן יידישן טעאַטער און ענדלעך האָב איך רחמנות אויף זיך אַליין, וואָס איך מוז דאָס אַלץ זען און הערן. די איינציקע, אויף וועלכע איך האָב דאָרט נישט קיין רחמנות איז אויף די יידן, וואָס געפינען זיך נישט אין טעאַטער.

אָבער ווען איך זיץ אין דעם אָרעמען זאַל פון דער באַשיידענער פאָלקס־בינע, דאַרף איך נישט קיין רחמנות־האָבן, נישט אויף די שוישפּילער, און אוודאי נישט אויפן יידישן טעאַטער, און אוודאי נישט אויף זיך. די איינציקע, אויף וועלכע איך דאַרף דאָרט רחמנות האָבן, זיינען די יידן, וועלכע געפינען זיך דרויסן.

אויך די הייַ־יאָריקע אויפפירונג פון דער „פאָלקסבינע" — גאָלדפאַדענס „סמבטיון" — איז נישט קיין אויסנאַם. איך האָב דעם ערשטן מאָל הייַנטיקן סעזאָן הנאה געהאַט פון יידישן טעאַטער.

ווען איך בין אַרויס פון דער פאָרשטעלונג האָב איך זיך געפילט נאָך מער געשטאַרקט אין מיין גלויבן, אַז די איינציקע רעטונג פון גרויסן יידישן טעאַטער אין אַמעריקע ליגט אין קליינעם טעאַטער..."

אַ סצענע פון „סמבטיון" פון אברהם גאָלדפאַדען

סאָניאַ בירמאַן, חנה לעווין, עטל דזשאַנעס, לואי פיורי, חיים זיינער, מאָריס אַדלער, יעקב האָלץ, שרה סטייבין, ברוך פּייוועלאָוויטש, משה דערווין, לייב פשעפיורקאָ, אירווינג פיליפס.

***

אויך יואל ענטין, אין „יידישן קעמפער״, פעב. 15טן, 1953, שרייבט מיט באַגייסטערונג וועגן „סמבטיון״:

„לויפט זען „סמבטיון״! ווייניק וואָס איר וועט ש׳ין, אמת־טעאַטראַליש, הנאה האָבן, אפשר וועט איר נאָך אויך כאָטש צום קליינעם טייל אָפּטאָן פון דער שארית הפליטה פון אונדזער טעאַטער דעם בזיון פון אַ שטילער לוויה פון אַ פּיעסע, וואָס לכל הטעאַטערדיקע הלכות האָט זי געדאַרפט לעבן, אַ סך לענגער און שענער.

עס שפּילט זיך אויס צום גרעסטן טייל נאַטירלעך אַ דאַנק דער רעזשי פון פּרוי ווערא האַקען און די שפּילער. זיי, די שפּילער פון דער פאָלקסבינע האָבן אין דער איצטיקער אויפפירונג שטאַרק פּראָגרעסירט. באַלד־באַלד און מען וועט די שפּילער־מיטגלידער פונעם דראַמאַטישן קלוב אויפהערן צו באַטראַכטן ווי אַמאַטאָרן. דער עיקר זע איך אַ גרויסן פאָרשריט אין די וואָס פירן דורך די גרעסטע ראָלן. איילאַי אַרנאָו, למשל, כאָטש ער איז מיר ניט זייער קענטלעך, האַלט זיך און רעדט און לאַכט גאַנץ לעבעדיק ווי דער שדכן פון דער קאָמעדיע; בראָניאַ ניומאַן פירט דורך ניט אָן ציגיינערשן חן עטלעכע מאָמענטן פון איר ציגיינערשער ראָלע; משה דערווין, וואָס אין פריערדיקע אויפפירונגען איז ער אַמאָל עטוואָס פלעגמאַטיש, הייבט זיך דאָסמאָל אויף צו כמעט אַ זיכערער אילוזיע פון אַ פאַרצייטיקן רב; יהושע זעלדיס, דער פאָטאָגראַפטשיק, איז לעבעדיק, לאַכעדיק, פריש און באַוועגלעך; סאָניאַ בירמאַן, וועלכע שפּילט שוין ווייט ניט פון נעכטן, און מיט טאַלאַנט פון סאַמע אָנפאַנג אָן, האָט דאָ, אין דער ראָלע פון דער „סמבטיונס״ שוועסטער, אַ פּאָר גאָר פיינע מאָמענטן; דער שפּילער וואָס האָט דעם שבת־נאַכט גע־שפּילט דודיען, מאָריס אַדלער, איז געווען גאָר־גאָר נישט שלעכט; שפּילנדיק פּאָר אַ לעמעשקע, האָט ער דאָך ניט פאַרלאָרן זיין מענטשלעכן צלם אלהים; הייַנט שרה סטייבין, וועלכע איז שוין זייט יאָרן ניט נאָר די בעסטע נאָר אויך די פּראָמינענטסטע מוטער־ראָליסטקע הייבט זיך דאָ אויף צו אַזאַ הייך, אַז מען טאָר זי שוין ניט רופן אַמאַטאָרין, נאָר זי קען בפירוש פאַרנעמען אַ פּלאַץ, צווישן אונדזערע אמת־גוטע שפּילערינס פון דעם זשאַנר״.

אין „פאָרווערטס״ פון 19טן דעצ., 1952, שרייבט דר. ל. פאָגעלמאַן, מיט באַגייסטערונג וועגן „סמבטיון״:

„ווערא האַקען, וואָס האָט באַאַרבעט און רעזשיסירט די אָפּערעטע, האָט אַריינגעלייגט אַ סך אַרבעט און מי צו סטילירן און מאָדערניזירן דאָס אַלטע ווערק; און ס׳איז אַרויסגעקומען אַן אַמוזאַנטע פאָרשטעלונג, וואָס פאַרשאַפט געניס פאַרן אויג און פאַרן אויער.

די טרופּע וואָס באַשטייט פון איבער דריי צענדליק מענטשן, שפּילט די אָפּערעטע מיט געשמאַק, מיט אַ פרישן אינטערעס און מיט אמתער נאָ־גייסטערונג, וואָס מען זעט זעלטן ביי פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן. אייניקע

אַ סצענע פון „סמבטיון“ פון אברהם גאָלדפאַדען

חנה לעווין, לייב פשעפיורקא, חיים נעטער, סאָניאַ בירמאַן, מאָריס אַדלער, שרה סטייבין, ראובן ברי, רענעי ספעקטאָר, לואי פיורי, פאַניאַ מאַרקאָ און עטל דזשאַנעס.

פון די אַנטיילנעמער וויזן אַרויס אַ גאַנץ געניטע ביגע־טעכניק, מיט וועלכער זיי קענען זיך פאַרמעסטן מיט פּראָפעסיאָנאַלן. אַלע שפּילן דאָ גוט און זיינען גוט רעזשיסירט, אָבער ס'איז פשוט אוממעגלעך זיך אָפּצושטעלן אויף יעדן איינעם באַזונדער, כאָטש זיי פאַרדינען דאָס כשר אַפילו צוליב זייער אָפּ־פערוויליקייט און אידעאַליזם אַליין, וואָס זיי וויזן אַרויס אין זייער אַרבעט.

עס צייכענען זיך אויס אין די הויפּט־ראָלן: חיים זיינער אַלס דודיע, שרה סטייכין, אַלס ציפּע (סמבטיון); סאָניא בירמאַן, אַלס כאַנצע, די אַלטע מויד; רעגעי ספּעקטאָר, אַלס כינקע, די פּלימעניצע, די יתומה; מיכל לוקס אַלס מאַטקע כוואַט; יהושע זעלדיס, אַלס דער פֿאָטאָגראַפּטשיק; בראָניאַ ניור־מאַן, אַלס מאַרושקע, די ציגיינערין; און ראובן ברי, אַלס דער סטודענט.

אָבער די הויפּט־דערגרייכונג איז דאָ ניט אַזוי דער גוטער שפּיל פון איינצלנע אַקטיאָרן און אַקטריסעס, ווי דער אַלגעמיינער גוטער אַנסעמבל־שפּיל פון דער גאַנצער טרופּע, וואָס גיט באמת אַ פיינעם האַרמאָנישן ספּעק־טאַקל".

מאָריס אַדלער דערציילט*):

נאָך איידער ס'האָט זיך געענדיקט דער טעאַטער סעזאָן יענעם ווינטער, האָט מען שוין גענומען טראַכטן וועגן דורכפירן דעם באַשלוס צו בויען, אָדער קויפן אַן אייגענע היים פאַר דער פֿאָלקס־בינע. ס'איז פאַר דעם צוועק געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיטעט, צו וועלכן מ'האָט אויך צוגעצויגן וויכטיקע קולטור־טוער און פאָרשטייער פון דער יידישער פרעסע. דער ציל איז געווען: צו שאַפן אַ פאָנד פון „הונדערט טויזנט דאָלער", פאַר אַן אייגענעם טעאַטער בנין. מיט דעם דאָזיקן אויפרוף האָט די פֿאָלקס־בינע זיך ניט בלויז געווענדעט צו די ברענטשעס פון „אַרבעטער־רינג", נאָר אויך צו די ברענטשעס פון „נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד" און צו אַלע יידישע יוניאָנס.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס די פֿאָלקס־בינע האָט, מיט דער צושטימונג פון בילדונגס קאָמיטעט, זיך געווענדעט צו אָרגאַניזאַציעס אויסער־האַלב דעם אַרבעטער־רינג. די דאָזיקע ווענדונג האָט געהאַט איר ווירקונג, און וועט, האָפענטלעך, נאָך פירן צו ממשותדיקע רעזולטאַטן אין דער צוקונפט.

אין פאַרלויף פון זומער, 1953, איז פאָרגעקומען אַן אַקציע, וואָס האָט געקענט מאַכן אַ גאַנצע איבערקערעניש אין דער פֿאָלקס־בינע, צום גוטן. אמת, דערוויל זעען מיר נאָך נישט די רעזולטאַטן. מיר שפּילן נאָך אַלץ אונטער די ערגסטע באַדינגונגען, און דער פּראָטעסט פון אונדזער אַנסאַמבל שטאַרקט זיך מיט יעדן סעזאָן, דאָך האָפן מיר, אַז פון דער אַקציע וואָס איז פאָרגעקומען יענעם זומער, 1953, וועט פאָרט אַרויסקומען עפּעס גוטס.

ס'האָט זיך דאַן געהאַנדלט אַז דער „נאַצ. אַרבעטער פאַרבאַנד" זאָל ווערן אַ שותף צום „אַרבעטער־רינג" איבער דער „אַפּוטרופּסות" פון דער פֿאָלקס־בינע. פּונקט ווי ביידע אָרגאַניזאַציעס אַרבעטן צוזאַמען און האַלטן אויס דעם

*) פון רעדאַקציע: דער טייל פון די זכרונות, אויף די זייטלעך 126 — ביז 132 זיינען געשריבן פון מאָריס אַדלער, פאָרזיצער פון דער פֿאָלקסבינע.

„יידישן לערער סעמינאַר״, אַזוי זאָל די פאָלקס־בינע ווערןביידנס טעאַטער־גרופּע. די פּעריפעריע פון דער פאָלקס־בינע וועט, אַזוי אַרום, זיין אַ גרעסערע.

די מחותנים פון ביידע צדדים זיינען זיך דאַן צוזאַמענגעקומען. די פאַר־טרעטער פון אַרבעטער־רינג זיינען געווען: נ. כאַנין, ב. געבינער, ז. יעפּרויקין, יעקב פּאַט, און ב. קליבאַרד. פון נאַצ. אַרבעטער פאַרבאַנד: ל. סיגאַל, מאיר בראַון, י. טעלער, פּ. גינגאָלד, ע״ה און ש. באַנטשעק; און פון דער פאָלקס־בינע: דער פאַרוואַלטער ראובן אַרנאָ, מאָריס אַדלער, דער שרייבער פון די שורות און לואי מאַן.

אויף יענער ערשטער זיצונג איז דער פּלאַן פאַר אַ געמיינשאַפטלעכע אַקציע לטובת דער פאָלקס־בינע, נישט נאָר אָנגענומען געוואָרן אין פּרינציפּ, נאָר עס זיינען אפילו אויסגעאַרבעט געוואָרן אַלע דעטאַלן וואָס שייכות דער גאַנצער אַרבעט. אין קורצן זיינען די כללים געווען: דער פאַרבאַנד זאָל סובסידירן דער פאָלקס־בינע מיט אַ יערלעכע סומע ענלעך צו דער, מיט וועלכע דער אַרבעטער־רינג סובסידירט אונדז. און כדי מיר זאָלן קענען איבערנעמען דעם „פּרעזידענט״ טעאַטער פאַר דער פאָלקס־בינע, (וועלכן מ׳האָט אונדז דענסטמאָל געשדכנט פאַר אַ צוגעגנגלעכן פּרייז). זאָל גלייך געשאַפן ווערן אַ פאָנד פון 15 טויזנט דאָלער. 5 טויזנט דאָלער זאָל שאַפן דער אַרבע־טער־רינג, 5 טויזנט דער פאַרבאַנד און 5 טויזנט האָט זיך די פאָלקס־בינע גופא פאַרפליכטעט צו שאַפן. די פאָלקס־בינע זאָל האָבן די זעלביקע רעכט צו באַשליסן בנוגע פּיעסן, רעזשיסאָר, וכדומה, ווי ביז איצט. דער פאַרבאַנד זאָל באַשטימען אַ פאַרטרעטערשאַפט צו דער פאָלקס־בינע גלייך אין צאָל וואָס דער אַרבעטער־רינג האָט, (אויף באַראַטן זיך, וכדומה).

עס זיינען אויך גלייך באַשטימט געוואָרן פאַרטרעטער פון אַלע צדדים. דער גאַנצער פּלאַן איז דאַן איבערגעשיקט געוואָרן צו ביידע אָרגאַניזאַציעס ער זאָל קריגן די פאָרמעלע הסכמה. עס איז אָבער דאַן נאָך נישט באַשערט געווען, ווייזט אויס, אַז די דאָזיקע קולטורעלע שותפות זאָל איינס און צוויי צושטאַנד קומען. עס זיינען געווען מניעות, וואָס מיר געפינען נישט פאַר נויטיק זיי דאָ צו פאַרצייכענען. מיר זיינען אָבער טיף איבערצייגט, אַז סוף כל סוף וועט די פאָלקס־בינע מוזן ווערן די זאָרג פון אַלע יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס אין ניו־יאָרק און אַרום ניו־יאָרק. און אַ חוץ דער „אַרבעטער רינג״ וועט אויך די צווייטע גרויסע אָרגאַניזאַציע, דער „נאַציאָנאַלער אַרבע־טער פאַרבאַנד״, צושטיין צו דער פאָלקס־בינע, און איר העלפן פאַרווירקלעכן אַלע אירע פּלענער אין דער צוקונפט. יענע געמיינשאַפטלעכע זיצונגען זיינען, האָפן מיר, נישט געגאַנגען לאיבוד.

6

אין יאָר 1953 איז פריינד נ. כאַנין דערווײלט געוואָרן אַלס גענעראַל סעקרעטאַר פון אַרבעטער־רינג אויף דעם פּלאַץ פון י. באַסקין ע״ה, מיר האָבן זיך שטילערהייט געשראָקן וואָס מיר וועלן דאַרפן אַרבעטן מיט אַ נייעם

בילדונגס־דירעקטאָר. מיר האָבן נישט געוואוסט צי וועט דער נייער בילדונגס־דירעקטאָר, ז. יעפרויקין, האָבן, אַן ערך, די זעלבע ליבשאַפט צו דער פאָלקסבינע ווי פריינד כאַנין האָט צו אונדז געהאַט במשך פון אַזוי פיל יאָרן. מיר האָבן זיך אָבער אומזיסט געשראָקן.

ז. יעפרויקין, דער נייער בילדונגס־דירעקטאָר פון אַרבעטער־רינג, איז מיט אונדז אַלעמען זייער נאָענט, און די פאָלקסבינע גייט אים שטאַרק אָן. ער העלפט דער פאָלקסבינע ווי אַ גוטער פריינד. ז. יעפרויקין פאַרפעלט כמעט קיינמאָל נישט צו נעמען אַ טיכטיקן אָנטייל אין אונדזערע וויכטיקערע באַראַטונגען. וואָס שייך נחום כאַנין — האָבן מיר אים, חלילה, נישט פאַרלוירן פאַר דער פאָלקס־בינע. כאַנין איז מיט אונדז פונקט ווי פריער. אפנים, ווען כאַנין זאָל אפילו ווערן דער „גאָווערנאָר" פון דעם שטאַט ניו־יאָרק — וועט זיין האַרץ אַלץ זיין מיט דער „פאָלקסבינע"...

רעזשיסאָר אברהם ניניאָ

מיט אַ רעזשיסאָר און אַ פּיעסע זיינען מיר געווען דאָס מאָל אַביסל מזל־דיקער. אַ יונגער שוישפּילער מיטן נאָמען, אברהם ניניאָ, אַ מיטגליד פון דער „הבימה" אין ישראל, איז געקומען אין ניו־יאָרק שטודירן דאָס אַמעריקאַנער טעאַטער. א. ניניא האָט דאָ אין ניו־יאָרק, געשטעלט אַ פּיעסע, מיט אַ העברעאישער טעאַטער גרופּע, — „הבימה הקטנה". דער נאָמען פון דער פּיעסע איז געווען „בערבות הנגב" פון דעם העברעאישן ישראל שרייבער יגאל מאָסענזאָן. מיר האָבן געהערט פון דער פּיעסע אַ צייט פריער. מיר האָבן געוואוסט, אַז די דאָזיקע פּיעסע האָט געהאַט גרויס דערפאָלג אין דעם הבימה טעאַטער, אין תל־אביב און אויך אין בוענאָס איירעס אין דוד ליכטס יידישער אויפפירונג. נו, זיינען מיר געגאַנגען זען די פּיעסע אין „הרצליה"־זאַל, פשוט צו באַקענען זיך מיט דער פּיעסע. און מיר זיינען פאַרכאַפט געוואָרן סיי פון דעם דראַמאַטישן אינהאַלט פון דער פּיעסע, און סיי פון דעם אופן ווי אַזוי די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן. באַזונדערס פון דער רעזשי. אברהם ניניאָ איז געוואָרן אונדזער רעזשיסאָר, אויפצופירן די פּיעסע אין יידיש. מיר האָבן געפילט אַז אַזאַ פּיעסע, אין וועלכער עס קומט צום אויסדרוק דער בלוטיקער קאַמף פאַרן נגב, און פאַר דער אָנטשטייאונג פון מדינת־ישראל, דאַרף אויפגעפירט ווערן אויך אין יידיש, פאַר די יידן אין ניו־יאָרק.

די יידישע איבערזעצונג פון העברעאישן אָריגינאַל איז געמאַכט געוואָרן פון דעם דיכטער צבי שטאָק, וואָס האָט אַ נאָמען אַלס אַ גוטער איבערזעצער פון העברעאיש, און אַליין אַ דיכטער, אויףביידע שפּראַכן. ניניא איז אונדז אַלעמען געוואָרן זייער ליב. כאָטש זיין לשון איז געווען העברעאיש, אָבער מיר האָבן זיך מיט אים פאַרשטאַנען אויפן וואונק. ער פלעגט זאָגן: „טוב, טוב"! און מיר פלעגן אים ענטפערן מיט „אַיי גוט!" געהאָלפן זיך פאַרשטיין, און בכלל פאַרמיטלען צווישן די אַקטיאָרן און דעם רעזשיסאָר, האָט טאַקע דער דיכטער צבי שטאָק, דער איבערזעצער פון דער פּיעסע.

אברהם ניניאָ האָט געבראַכט צו אונדז דעם יונגן בינע מאָלער הערי באָום.

און באַום האָט געמאָלן די דעקאָראַציעס צו דער אויפפירונג פון „קאַמף פאַרן נגב". די טענץ און גרופּירונגען, זיינען אַראַנזשירט געוואָרן פון בעל דידזשאַ.

די פּרעמיערע פון „קאַמף פאַרן נגב" איז פאָרגעקומען דעם 12טן דע־צעמבער, 1953, און די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן ביזן סוף פון חודש מערץ.

די פּרעסע האָט די אויפפירונג אויפגענומען זייער גוט. די פּיעסע „קאַמף פאַרן נגב" האָט אויך געהאַט דעם מזל, אַז מ'זאָל צאָלן פאַר טיקעטס די העכסטע פּרייזן אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער. דאָס איז געשען ביי אַ ספּע־ציעלער פאָרשטעלונג פאַר דעם „נאַציאָנאַל־פאָנד" דעם 23טן מאַי, 1954. די פּרייזן זיינען געווען: פיר, זעקס, און צען דאָלער אַ טיקעט. דער ראַדין אוי־דיטאָריום איז געווען פול. יענעם אָונט האָט מען פאַרקויפט צו דריי דאָלער „סטענדינג רום"...

כדאי צו ברענגען דאָ אַן אויסצוג פון אַן אַרטיקל, וואָס חיים ליבערמאַן האָט געשריבן וועגן דער פאָלקסבינע בכלל, אין שייכות מיט דער אויפפירונג פון מאָסענזאָנס פּיעסע „אין קאַמף פאַרן נגב". דער אַרטיקל איז דערשינען אין „פאָרווערטס", פרייטיק דעם 26סטן פעברואַר, 1954:

„עס איז איינע פון די מערקווירדיקסטע דערשיינונגען אין יידישן לעבן, וואָס היינט, אין אַזאַ דראַמאַטישער צייט, זיינען מיר געבליבן אָן אַ דראַמע, אין אַזאַ טראַגישער עפּאָכע איז פאַרשטומט געוואָרן די טראַגעדיע. ניטאָ ניט דאָס טעאַטער, ניט דער דראַמאַטיקער, ניט דער שוישפּילער, וואָס זאָלן אונדז ווייזן און פאַרטייטשן אונדזער היינטיק לעבן אין זיין פורכטבאַרקייט און דערהויבנקייט, אין זיין חיהשקייט און געטלעכקייט. און דאָס טעאַטער אפילו אין זיינע באַשיידענערע מאָסן — פון לאָזן פשוט זיך אויסוויינען, פון אָפּצאַפּן טרערן — איז אויך ניטאָ. און עס וואָלט דאָך אונדז אַזוי גוט געווען ווען מיר קענען זיך אויסוויינען... עס איז דאָך דאָ אַזוי פיל איבער וואָס צו וויינען און קלאָגן...

עס גלויבט זיך ניט, אַז די מאַטעריעלע שוועריקייטן אַרום היינטיקן טעאַטער זיינען די גאַנצע סביבה פאַרן טרויעריקן מצב. אפשר איז די זייער שטאַרקע צייט ניט קיין גוטע צייט פאַר דראַמאַטישן שאַפן. אפשר האָבן די פאַרוויסטונגען פון קריג, רעוואָלוציע און חורבן געליימט דעם כוח און דעם ווילן צו קינסטלערישער געשטאַלטונג, וואָס פאָדערט אַ געוויסן זעלישן גלייכגעוויכט, און אונדזער צייט שענקט קיינעם ניט אַזאַ גלייכגעוויכט. נאָר וואָס די סיבה, אָדער סיבות, זאָלן ניט זיין, קיין טעאַטער איז ניטאָ.

דעריבער ווענדט זיך דאָס אויג מיט אַ באַזונדערער נייגעריקייט צו אַ שטילן, באַשיידענעם טעאַטער־ליכטעלע, וואָס שטייט אין אַ ווינקעלע און ברענט. קוים וואָס עס ברענט, אָבער עס ברענט. קוים וואָס עס לויכט, אָבער עס לאָזט ניט די פינסטערניש איינגאַנצן פאַרשלינגען די ראַמפּע.

איך ווייס ניט גענוי ווער עס זיינען די טאַטע־מאַמע פון דעמדאָזיקן טעאַטערל, ס'איז אָבער קלאָר, אַז דאָס טעאַטערל איז אימעצענס אַ שטיפקינד. ביי ריכטיקע טאַטע־מאַמע וואָלט עס געהאַט מער סימפּאַטיע און מער שטיצע,

און אַ בעסערע מערכה. און ביי אַ בעסערער מערכה וואָלטן די שוישפּילער פון דער „פאָלקסבינע" געקענט בעסער פאַנאַנדערפירן די הענט, בעסער פאַנאַנדערוויקלען זייערע טאַלאַנטן און בעסער צוציען נייע מיטבויער און מיטשפּילער.

גאָר אָן ספק פאַרדינט אַ בעסערע מערכה די היי־יאָריקע אויפפירונג: „קאַמף פאַרן נגב", וואָס איז אַ שטיק יידיש לעבן אויסגעביסן פון דער הייַנטיקער ארץ ישראלדיקערווירקלעכקייט".

„אין קולטור און דערציאונג", פעב. 1954, שרייבט ש. ד. זינגער וועגן מאָסענזאָנס דראַמע אַ גרעסערן אַרטיקל, פון וועלכן מיר גיבן דאָ אַ טייל דערפון:

„עס איז געוויס טשיקאַווע צו זען, נישט נאָר צו לייענען, עפּעס־וואָס פון דער גרויסער דראַמע וואָס הייסט: ישראל. דערצו איז די פּיעסע, דער „קאַמף פאַרן נגב", געשריבן פון איינעם וואָס ווערט פאַררעכנט צווישן די בעסערע ניי־ישראלדיקע העברעאישע שרייבערס. און עס איז כדאי צו באַקענען זיך, זאָל זיין אפילו דורך אַן איבערזעצונג, סיי מיט אים, סיי מיט די אַנדערע יונגע וואָרט־קינסטלערס אין ישראל. אגב, איז די איבערזעצונג, פונעם דיכטער צבי שטאָק, זייער אַ געלונגענע. פאַראַן אין שטאָקס איבערזעצונג דער ריטם פונעם לעבעדיקן און גערעדטן העברעאיש, מיט דעם געמיש פון יידישע ווערטער, וועלכע מאָסענזאָנס העלדן באַנוצן אויף אַזאַ נאַטירלעכן אופן, אין זייער ריידן.

דער עיקר, אָבער, פאַראינטערעסירט אונדז די דראַמע, דער „קאַמף פאַרן נגב", מיט איר אַקטועלקייט. פאַראַן לעבן אין דער פּיעסע. לעבן — כאָטש ווינציק פאַנטאַזיע; דערפאַר אָבער דינאַמיש, און פול מיט וויברירנדיקער ווירקלעכקייט. דאָס צוגעטראַכט־דראַמאַטישע ווערט אויך אַ טייל פונעם העראָאישן קיבוץ־בילד אין דעם וויסטן נגב.

אין דער פּיעסע „קאַמף פאַרן נגב" זעט מען אַזוינס, וואָס מ'קאָן ביי די בעסטע רייזע־באַשרייבערס פון ישראל ניט געפינען. דאָס איז דער כוח פון דעם דראַמאַטורג, וואָס באַווייזט, דורך די רייד פון זיינע העלדן טיפער אַריינצוקוקן סיי אין לעבן פונעם כלל, פון די קיבוץ־לייט, סיי אין לעבן פונעם יחיד, וואָס קומט אין צוזאַמענשטויס מיטן כלל.

פאַראַן סצענעס וואָס זיינען אַ געמיש פון הומאָר און טרויער, פון פלירט און ליבע, מיט דער פרייד און אייפערזוכט פון וועלכע מען איז אין דעם וויטן קיבוץ פון נגב אויך ניט פריי. דאָ ווערט פאַר אונדז אויסגעשפּילט: די ליבשאַפט צווישן דעם יונגן העלד דן און גליה, איתמרס טאָכטער, און די שטיפערישע מאָמענטן צווישן צבי דעם פלמ"חניק און דער יונגער שוש, דנס אַמאָליקער געליבטע.

די פּיעסע שפּילט זיך אָפּ אין אַ בונקער. מ. יחסן, דער בינע־לייטער, האָט געהאַט אַ שווערע עובדה. ער האָט, אָן ספק, פיל געהאָלפן צום קינסטלע־

רישן דערפּאָלג פון דער אויפפירונג. מ׳דאַרף אויך דערמאָנען די טענץ־אַראַנזשירונגען פון בעל דידזשאָ און די געלונגענע דעקאָראַציעס פון ה. באָום.

די צאָל שוישפּילער איז דאָס מאָל אַ קלענערע. פאַר דער קליינער בינע אין דעם ראַדין אודיטאָריום איז עס ממש אַ מזל ברכה. פּטור פון די מאַסן־סצענעס! און יעדער האָט אַ געלעגנהייט אויסצוצייכענען זיך אויף זיין

אַ סצענע פון „קאַמף פאַרן נגב" פון יגאל מאָסעזאָן



ערשטע ריי: (פון רעכטס): יעקב האָלץ, שרה סטייבין, חנה לעווין, (ליגנדיק) אילאי אַרנאָו.
צווייטע ריי: לייב פּשעפּיורקא, עריקאַ פּאדאן, יהושע זעלדיס, רענעי ספּעקטאָר, מענדל שוואַרץ, ברוך פּייוועלאָוויטש, מאָריס אַדלער.

אייגענעם חשבון. אַן אָנגענומע איבערראַשונג איז פּאַר אונדז געווען אברהם האַלץ, אין דער ראָלע פון קיבוץ־קאָמענדאַנט. אַ שווערע ראָלע, און האַלץ שפּילט זי מיט קראַפט און איבערצייגונג. אין אייניקע מאָמענטן, די שווייגנדיקע — גאָר פיין. אויך מאָריס אַדלער האָט פאַרשטאַנען די ראָלע זיינע. דאָ און דאָרט אַביסל שווערלעך אין די באַוועגונגען — אָבער ער שאַפט אַ לעבעדיקן מענטשן. מוטערלעך, אַן אמת, איידעלע יידישע מאַמע אין דעם היינטיקן ישראל — שאַפט שרה סטייבין. אין איר האַלטונג, אין איר דיסציפּלינירטן שפּילן זעט מען אמת־שוישפּילערישן טאַלאַנט. כדאי צו דערמאָנען איליי אַרנאָו, מיט זיין נאַטירלעך־איבערצייגנדיקן שפּילן, אין דער ראָלע פון דעם שווער־פאַרוואונדעטן בנימין. אַרנאָו ווירקט מיט זיין אַריינלעבן זיך, און דווקא איינגעהאַלטן, שטיל. אַ לעבעדיקן, זשוואַווען ישראל־סאָלדאַט שאַפט יהושע זעלדיס אין דער ראָלע פון צבי דעם פּלמ״חניק. עס שפּילן אויך ביז גאָר פיין ברוך פּיוועלאָוויטש, חנה לעווין, לייב פשעפּיורקע, און די יוגנטלעכע רענע ספּעקטאָר, מענדל שוואַרץ און עריקאַ פאַדאַן. די לעצטע דריי גיבן צו אַ סך חן און עכטקייט צו דער פאַרשטעלונג״.

ווען אברהם ניניאָס אַרבעט אַלס רעזשיסאָר האָט זיך געענדיקט מיט דער פאָלקס־בינע, איז געווען שווער דאָס שיידן זיך מיט אָט דעם איידעלן יונגן קינסטלער. אין דער צייט פון איינשטודירן די ראָלעס מיט די שוישפּילער האָט ניניאָ נישט אַרויסגעוויזן קיין סימן פון אָנגעצויגנקייט. מיט טאַקט און געדולד פון אַ לערער האָט ער אַרויסבאַקומען דאָס מאַקסימאַלסטע ביי די שוישפּילער. זיין מאָטאָ איז געווען: „כדי דער שוישפּילער זאָל פאַרשטיין זיין ראָלע מוז ער גוט קענען דאָס לעבן וואָס דער מחבר שילדערט אין דער פּיעסע. ניניאָ האָט דאָס דערקלערט אויף אַזאַ אופן, אַז די שוישפּילער האָבן ממש געלעבט אין דער סביבה פון דעם קיבוץ „בקעת יואב״, און געאָטעמט מיט דער לופט פון „נגב״.

ניניאָ איז געווען אַ חבר צו יעדן איינעם פון דער פאָלקס־בינע. מ׳האָט, נישט בלויז געאַרבעט צוזאַמען נאָר פאַרבראַכט צוזאַמען.

מיר ווייסן נישט צו אברהם ניניאָ האָט געטראַכט צו פאַרבלייבן מיט אונדז. די ידיעה אָבער, אַז, דוד ליכט קומט צו בלייבן אין די ווינטער חדשים אין ניו־יאָרק, נאָך אַן הפסקה פון דריי יאָר, איז פאַר אַלעמען געווען קלאָר, אַז ער וועט ווידער אַראַנזשירט אַלס רעזשיסאָר פון דער פאָלקסבינע. דורך ליכטס רעזשי־אַרבעט איז די פאָלקסבינע געוואַקסן, און מיר האָבן שוין, דעם אמת, געבענקט נאָך אים. און מיט גרויס צופרידנקייט האָבן מיר ליכטן ווידער באַשטימט צו שטעלן אַ נייע פּיעסע פאַרן סעזאָן 1954—1955.

7

לואי מאַן שרייבט ווייטער:

אין לויף פון די זומער־וואָכן האָבן מיר באַזונדערס גענומען זיך גרייטן פאַרן קומענדיקן סעזאָן, וואָס איז דאָס יובל־יאָר פון דער פאָלקס־בינע. היי

יאָר ווערט 40 יאָר זינט די פאָלקסבינע עקזיסטירט. דאָס איז אַ דאַטע וואָס דאַרף געפייערט ווערן נישט סתם אַזוי דורך די געוויינלעכע סקאַרבאָווע באַנקעטן. עס איז דעריבער באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצוגעבן אַ בוך אין וועלכן עס זאָלן פאַרצייכנט ווערן מיט אַ סדר, דורך זכרונות און געשיכטלעכע פאַקטן, די אויפטוען פון דער פאָלקס־בינע אין לויף פון די לעצטע פערציק יאָר.

עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן צוצוגרייטן אַ ספּעציעלע יובל־פאָרשטעלונג, אין חודש פעברואַר, וואָס זאָל באַשטיין פון קורצע סצענעס און בילדער, אַ מין טעאַטער־אַנטאָלאָגיע פון די בעסטע פּיעסן, וואָס די פאָלקס־בינע האָט אויפגעפירט פאַר די לעצטע פופצן יאָר. אַ ספּעציעלער קאָמיטעט איז פאַר דעם צוועק אויסגעקליבן געוואָרן. דער 40 יאָריקער יובל פון דער פאָלקס־בינע איז אויך ברייט אַרומגערעדט געוואָרן ביי אונדזער סוף־סעזאָן באַנקעט, אין אַסטאָר הויז, דעם 7טן יוני, 1954. לאָמיר האָפן אַז דער יום־טוב פון אונדזער פאָלקס־בינע וועט געפייערט ווערן מיט יענער חשיבות און פאַרנעם וואָס זי פאַרדינט.

*
**

מיט אמתער פרייד האָבן מיר אויפגענומען דוד ליכטן, ווען ער איז, אין חודש סעפּטעמבער, אָנגעקומען אין ניו־יאָרק. אין דוד ליכטן האָבן די שוישפּילער פון דער פאָלקס־בינע זייער אייגנאַרטיקסטן רעזשיסאָר און לערער. עס וואָלט כדאי געווען וועגן ליכטן באַזונדערס צו שרייבן. ער האָט אונדז באמת געגעבן אַזוינס, וואָס האָט דער פאָלקס־בינע קינסטלעריש דערהייבן און פּאָפּולער געמאַכט אויך צווישן דעם אינטעליגענטן עולם. נישט נאָר יידישע טעאַטער קריטיקער האָבן דערקענט זיין טאַלאַנט און זיין אַרבעט פאַר דער פאָלקס־בינע, נאָר אויך די אַמעריקאַנער קריטיקער אין דער היגער ענגלישער פּרעסע, האָבן אָפט באַוואונדערט זיין רעזשי אין די אויפפירונגען פון דער פאָלקס־בינע. מיר האָבן באַדויערט זיין אָפּוועזנהייט די דריי יאָר, און מיר זיינען געווען מער ווי צופרידן צו זען אים צוריק מיט אונדז. זאָל טאַקע אין דעם יובל־בוך פאַרצייכנט ווערן אונדזער אַלעמענס האַרציקן דאַנק פאַר זיין אומדערמידלעכער אַרבעט, דורך די אַלע יאָרן, וואָס ער איז מיט אונדז. מיר שיקן ליכטן אונדזערע בעסטע וואונטשן, אַז אין דער צוקונפט זאָל זיין אַרבעט געקרוינט ווערן מיט נאָך אַ גרעסערן דערפאָלג ווי ביז אַהער.

דוד ליכט האָט מיטגעבראַכט אַ היפּשע צאָל פּיעסן, און זיי געלייענט פאַר אונדז. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דער פּיעסע „דער קעניג און דער שוסטער", פון דעם יידיש־דייטשן שרייבער סאַמי גראָנעמאַן, אין דער יידישער ווערסיע פון דעם דיכטער שמואל צעסלער. אַ וועלט מיט אַרבעט איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין דער אויפפירונג פון דער דאָזיקער מוזיקאַלישער קאָמעדיע. די מוזיק צו דער פּיעסע, האָט דוד ליכט געבראַכט פון אַרגענטינע. בעל דידזשאָ, די באַגאַבטע טענצערין איז אָנגעשטעלט געוואָרן איינצושטודירן די טענץ. דער

יונגער מאָלער הערי באָום האָט געצייכנט די דעקאָראַציעס, וואָס אונדזער בעני ראַזענצווייג האָט פאַר אונדז געבויט.

די פרעמיערע איז פאָרגעקומען שבת אָוונט דעם 11טן דעצעמבער, 1954. דער עולם נעמט אויף די פּיעסע זייער וואַרעם. דעם קעניג שלמהס קלוגע רייד, זיין חכמה ווערט שטאַרק אַפּלאָדירט. אַזוי אויך דאָס שפּילן פון יעדן שוישפּילער, די טענץ, די מוזיק, די גאַנצע סביבה אַרום דעם קעניג שלמה אין ירושלים, פאַרכאַפּט דעם צושויער. אויך די טעאַטער קריטיקער, די יידישע און די אַמעריקאַנישע, זיינען באַגייסטערט פאַר דער אויפפירונג, און מיר זיינען צופרידן וואָס צו אונדזער יובל יאָר איז געשטעלט געוואָרן אַזאַ עכט־יידישע פּיעסע ווי „דער קעניג און דער שוסטער", מיט וועלכער די פאָלקס־בינע, מיט איר רעזשיסאָר, מעגן שטאָלצירן.

***

אָט וואָס עס שרייבט ד"ר נ. סווערדלין וועגן דער היי־יאָריקער אויפפירונג פון „דער קעניג און דער שוסטער", אין „טאָג מאָרגען זשורנאַל", דעצ. 16, 1954:

„די געטרייע, אָפּפערוויליקע אָנטיילנעמער פון דער פאָלקסבינע, וואָס לייגן אַוועק שוין יאָרנלאַנג אַזוי פיל ענערגיע און כוחות אויף דעם „מזבח פון קונסט", פאַרדינען באמת אָנערקענונג און דאַנקבאַרקייט פאַר זייער שפּילן. זיי האָבן מיט ערפאָלג אויסגעטראָגן אויף זייערע פּלייצעס די שווערע לאַסט פון דער אויפפירונג:

ווי אייניקע אַנדערע פאָרשטעלונגען פון דער פאָלקסבינע אין די לעצטע יאָרן, איז אויך די איצטיקע ספּעקטאַקל, דער קעניג און דער שוסטער, וואו דער טראָפּ ווערט געלייגט איבערהויפּט אויף מאַסן־סצענעס, אויף מוזיק און אויף טאַנץ־נומערן. די דראַמע גופא ווערט אין אַזאַ פאַל אַ מין ביי־זאַך, ווייל זי ווערט ווי אָפּגעטעמפּט אין דעם אַלגעמיינעם גערויש פון קלאַנג און ריטם.

יהושע זעלדיס ווייזט אַרויס אַ סך טעמפּעראַמענט, בינע־ערפאַרונג און געשמאַק אין דער שווערער דאָפּלטער ראָלע פון שלמה המלך און שלמי דעם שוסטער.

זייער אַן אַנציענד, חנעוודיק געשטאַלט שאַפט דאָ די יונגע און שיינע רענעי ספּעקטאָר אין דער פאָלקסטימלעכער ראָלע פון דעם שוסטערס ווייב.

אויך בראָניאַ ניומאַן איז איבערציגנד אין דער אינטריגאַנטישער ראָלע פון דער שיינער עגיפּטישער פּרינצעסין, וואָס פּרובירט צו האַלטן דעם מעכטיקן קעניג געפאַנגען אין דער נעץ פון איר אָריענטאַלישן, סעקס־אַפּיל.

שרה סטייבין, אין דער ראָלע פון דער קעניגס מוטער איז דאָ מער מוטער ווי קעניגין. אין אַלגעמיין איז זי גאַנץ גוט.

די איבעריקע אָנטיילנעמער פירן דורך אַ געלונגענע אַנסאַמבל־שפּיל, וואו עס פילט זיך האַרמאָניע און ריטם.

אין פולן איינקלאַנג מיטן גייסט און כאַראַקטער פון דער אויפפירונג זיינען די טענץ, וואָס בעל דידזשאָ האָט דאָ איינגעשטודירט. עס צייכנט זיך

אַ סצענע פון „דער קעניג און דער שוסטער“ פון ס. גראָנעמאַן

(פון רעכטס): ערשטע ריי זיצנדיק: בראָניאַ ניומאַן, וויאָלעטא דיאז.
צווייטע ריי: פאַניאַ מאַרקאָ, יעקב מינץ, שרה סטייבין, יהושע זעלדיס, יעקב האַלץ, לייב פשעפיורקא.

אַ סצענע פון „דער קעניג און דער שוסטער" פון ס. גראָנעמאַן

פון רעכטס: רבקה אַדלער, ראָזע ראָזענצווייג, משה דערווין, אידיט ראָז, מאָריס אַדלער, מענדל שוואַרץ, ציליע מעסלער, פאלין באָדנער און ברוך פייוועלאָוויטש.

אויס מיט איר טאַנצן וויאָלעטאַ דיאַז אין די סאָלאָ־נומערן פון אַן עגיפּטישער טענצערין.

די מוזיק פון הערמאַן לודוויג, אין דער אויפפירונג פון סאָניאַ איידוס, שאַפט די געהעריקע אָריענטאַלישע שטימונג.

די דעקאָראַציעס פון הערי באַום (געבויט פון בען ראָזענצווייג) זייַנען באמת קאָלירפול און אין סטיל פון דער גאַנצער אויפפירונג.

דוד ליכט ווייזט דאָ אַרויס, אַזוי ווי אַלע מאָל, זיין פאָרשטעלונגס־קראַפט און ערפאַרונג אַלס רעזשיסאָר".

*
**

ביים פאַרצייכענען די אויפטוען פון דער פאָלקס־בינע וויל איך דאָ דער־מאָנען פריינד ראובן אַרנאָו וואָס פירט אָן מיט די געשעפטן פון דער פאָלקס־בינע, מיט דער הכנסה און, מער נאָך, מיט דער הוצאה... שוין דרייסיק יאָר איז ראובן אַרנאָו פאַרבונדן מיט דער פאָלקסבינע. ראובן אַרנאָו איז אַ שטילער מענטש וואָס זוכט נישט קיין כבוד. געקומען איז ער צו אונדז ווי יעדער פון דער גרופּע שוישפּילער און טוער, אויס פשוטער ליבע צום יידישן טעאַטער. ר. אַרנאָוו האָט זיך אויך באַטייליקט אין אַ סך פּיעסן און איינ־אַקטערס וואָס די פאָלקסבינע האָט אויפגעפירט אין לויף פון צענדליקער יאָרן. נאָך פריער, איידער ר. אַרנאָוו איז געוווען געשעפטס־פאַרוואַלטער, האָט ער זיך אויך געלאָזט קאָסטן פאַר דער פאָלקס־בינע, אָבער אין די לעצטע יאָרן — מער. ניט אַלע ווייסן ווי אָפט ער דעקט אונדזערע דעפיציטן... אַרנאָוו, ווי געזאָגט, זוכט נישט די מזרח־וואַנט ביי דער פאָלקס־בינע, אָבער זיין אָרט געהערט ווירקלעך צווישן די געטרייע בויער פון אונדזער טעאַטער־קאָלעקטיוו. מיר האָבן אַ בודזשעט פון אַרום 20 טויזנט דאָלער אַ יאָר. כאָטש ר. אַרנאָוו איז פאַרנומען אין זיין געשעפט, געפינט ער דאָך צייט צו באַלאַנסירן דעם בודזשעט, און זינט ער איז פאַרוואַלטער איז די זאָרג ביי אונדז, אַ סך קלענער געוואָרן. ער ווייס ווי אַזוי צו שפּאָרן און ווי אַזוי צו פאַרגרעסערן די הכנסה. ער איז אַ געוואַלדיקער געווינס פאַר דער פאָלקס־בינע. ער האָט די פעיִקייט צו זען סכנות און וואָרענען קעגן זיי, און ער קעמפט מיט די מער־באַגייסטערטע, צעהיצטע מיטגלידער נישט צו שפּרינגען צו הויך ווען עס קומט צו אויסגאַבן. זיין מיושבדיקייט, זיין אויסגערעכנטקייט איז גאָר נישט אָפּצושאַצן. לאָמיר אים דאָ האַרציק דאַנקען פאַר זיין געטרייער פריינטשאַפט צו אונדז אַלעמען און צו דער פאָלקס־בינע בפרט.

*
**

אין דעם בוך „פערציק יאָר פאָלקס־בינע", וועט דער קומענדיקער יידישער טעאַטער־היסטאָריקער זיכער געפינען אַ סך מאַטעריאַל פאַר דער

געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע. און עס איז אונדזער וואונטש אַז דאָס דאָזיקע בוך וועט דערמאָנען אונדזערע פריינט, און ליבהאָבער פון יידישן טעאַטער בכלל, עפּעס צו טאָן פאַר דער פאָלקס־בינע, פאַר אָט דער באַשיידענער אידעאַליסטישער קינסטלער־גרופּע, וואָס אַרבעט לשמה פאַר דעם בעסערן יידישן וואָרט. מיר, פון דער פאָלקסבינע, האָבן אונדזער אַרבעט געטאָן! יאָרן לאַנג האָבן מיר פאַר דעם יידישן עולם, — אי פאַרן פאָלקס־מענטש אי פאַרן יידישן אינטעליגענט, געבראַכט דורך שפּיל דאָס בעסערע יידישע וואָרט, די ווערק פון שלום עליכם, הירשביין, און, יבדל לחיים, — לייוויק און צענדליקער אַנדערע יידישע שרייבער. עס בלייבט איצט פאַר איך, יידן פון ניו־יאָרק, — מיטגלידער פון אַרבעטער־רינג, פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, און פון אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס — צו העלפן דער פאָלקסבינע בויען איר אייגענע היים, די היים פאַר דעם איינציקן אידעאַלסטן יידישן טעאַטער אין אַמעריקע.

די פאָלקסבינע האָט אין משך פון אירע דריי און אַ האַלב צענדליק יאָר צוגעטראָגן אַ גרויסן חלק צו דער פאַרשענערונג און באַרייכערונג פון אונדזער יידישן לעבן. מיט אירע שטילע אויפפירונגען האָט זי אַריינגעוועבט אַ פאַר־ביקן און אינטערעסאַנטן שנור אין דעם טעפּיך פון אונדזער יידישן טעאַטער. ס'איז ניט געווען דער ראַשיקסטער שנור, דערפאַר אָבער, אַן אייגנאַרטיקער. מיר, ניו־יאָרקער, זיינען דער פאָלקסבינע אַ סך שולדיק.

חיים עהרענרייך

„35 יאָר פאָלקסבינע"

די פאָלקסבינע איז אַ לעבעדיקער מאָנומענט פון פאַרבאָרגענע יידישע קולטור־כוחות וואָס רייסן זיך צום אויסדרוק און ברעכן דורך אַ וועג ניט קוקנדיק אויף דער גלייכגילטיקייט פון דער יידישער גאַס, און אפילו מצד אַ טייל פון אירע קולטור־טוער.

אייערע לעצטע פאַרשטעלונגען וואָס איך האָב געזען באַרעכטיקן ניט נאָר אייער עקזיסטענץ, נאָר זיי פאַרפליכטן יעדן קולטור־טוער צו דערמוטיקן איך אין אייער אַרבעט.

ס. דינגאָל

„35 יאָר פאָלקסבינע"

רעזשיסאָרן
פון פאָלקסבינע
פאַר די יאָרן
1955 — 1942

יעקב ראָטבאַום



דוד ליכט

ווערא האַקען

יוסף בולאָוו

אברהם ניניאָ

40 יאָר
פאָלקסבינע
1915 — 1955


יהושע זעלדיס

רבקה אדלער

רענע ספעקטאר

יעקב האלץ

וויאלעטא דיאז

משה דערווין

חיים זיינער

פאלין באדנער

יעקב מינץ

פאניא מארקא

דער קעניג און דער שוסטער

פון **סאמי גראנעמאן** • רעזשי **דוד ליכט**
פארוואלטער **ראובן ארנאו**
1954 — 1955

מיכל לוקס

לייב פשעפיורקא

שרה סטייבין

בראניא ניומאן

ברוך פייוועלאוויטש

מאריס אדלער

ראזע ראזענצווייג

ציליע מעסלער

מענדל שווארץ

אידיט ראס

געדאַנקען צום פערציק־יאָריקן יובל פון דער פּאָלקסבינע*)

יעדער יובל איז, אין תוך, אַן אָפּשלוס־פּונקט אין דעם לעבן און טעטיקייט פון אַן אָרגאַניזאַציע. דעריבער, קענען מיר איצט, ביים פערציק יאָריקן יובל פון דער פּאָלקסבינע, זיך דערלויבן גאַנץ אָביעקטיוו אָפּשאַצן אונדזערע דערגרייכונגען ביז אַהער, און אַ טראַכט טאָן וואָס עס זיינען אונדזערע אויסזיכטן אין דער צוקונפט.

ביינוש סטייבין

איצט, ווען מיר דערציילן אונדזער פערציק־יאָריקער געשיכטע, לאָמיר מאַכן אַ חשבון הנפש, און צוגעבן, אַז טראָץ אונדזערע גרויסע אויפטואונגען פאַר די פערציק יאָר פון אונדזער אַרבעט, און די אַלע פּאַרדינטע לויב־געזאַנגען סיי פון דעם גרויסן עולם באַזוכער און סיי פון דער פּרעסע, האָבן מיר דאָך אין לויף פון די פערציק יאָר שווערער און אָנגעשטרענגטער, פיזישער, און גייסטיקער אַרבעט, ניט געקענט באַוויזן צו שאַפן פאַר זיך אַן אייגן ווינקל — אַ טעאַטער וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט פאַר קינסטלערישע אויפפירונגען. וויפיל פאַרזוכן מיר האָבן געמאַכט, האָט זיך דאָס אונדז קיינמאָל ניט איינגעגעבן. מיר האָבן שטענדיק געהאַט שטערונגען און זיך אָנגעשטויסן אין שטיינער אויפן וועג. און מיר שטייען נאָך איצט אַזוי ווייט פון אונדזער ציל ווי מיט פערציק יאָר צוריק. איז וואָס בלייבט פאַר אונדז איצט צו טאָן?

פאַראַן אין אונדזערע קרייזן יידן, די, וואָס מען רופט זיי, די חכמי האַלי־זשאַנקע. זיי פרעגן קלאָץ־קשיות: וואָס הייסט? איר זייט דאָך אָנגעשלאָסן אין אַ גרויסער, רייכער אָרגאַניזאַציע ווי דער אַרבעטער־רינג, שוין זשע קען

געבוירן אין מישעניץ, לאָמזער גובערניע. געלערנט אין חדר און אין לאָמזער ישיבה. האָט לאַנג נישט געקענט פאַרטראָגן די שטרענגע דיסציפּלין פון דער ישיבה.

ער פאַרלאָזט די ישיבה, פאָרט קיין ביאַליסטאָק, וואו ער לערנט רוסיש און לעבט דורך דעם שרעקלעכן פּאָגראָם אין ביאַליסטאָק. ווערט אַ מיטגליד אין דער פּאַרטיי „יונגע סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן”. און ווען די פּאָליציי האָט אים גענומען רודפן, פאַרלאָזט סטייבין רוסלאַנד, און אין 1910 קומט ער אין ניו־יאָרק.

2 יאָר שפּעטער נעמט ער אויף אַ ספּעציעלן קורס אין שעקספּירס דראַמען אין די איראָן פּריפּעראַטי סקול. ווערט אַ מיטאַרבעטער אין דער ברוקלינער וועכנטלעכער צייטונג „פּראָגרעס”, וואו ער שרייבט טעאַטער רעצענזיעס און וועגן טעאַטער בכלל.

אין 1915 ווערט ער אַ מיטגליד אין דער פּאָלקסבינע, וואו ער איז אַקטיוו ווי אַ מיטגליד אין דער עקזעקוטיווע. סטייבין איז אויך פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר פון דער פּאָלקסבינע.

דער אַרבעטער־רינג נישט שאַפן פאַר דער פאָלקסבינע אַ פאַסיקן טעאַטער? אונדזער ענטפער איז קלאָר און שאַרף: ניין! ווייל דער אַרבעטער־רינג, ווי אַ מאַסן אָרגאַניזאַציע, קען זיך נישט פאַרנעמען מיט אַזאַ אונטערנעמונג, איבער פאַרשיידענע סיבות. דער אמת איז, אַז ווען נישט דער אַרבעטער־רינג, איז נאָך אַ גרויסע פראַגע צי די פאָלקסבינע וואָלט איבערהויפּט עקזיסטירט. דער אַרבעטער רינג העלפט אונדז מאָראַליש און פינאַנציעל, אין די ראַמען פון זיינע מעגלעכקייטן.

איך פרעג אָבער, צו איז באמת די פאָלקסבינע, בלויז נאָר אַן ענין פאַר דעם אַרבעטער־רינג אַליין? אמת, אַז אונדזער שטאַרקסטע באַזע זיינען די מיטגלידער פון אַרבעטער־רינג. אָבער וואָס איז מכוח אַנדערע קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס? צי פילן נישט די קולטור־טוער, אַז דוקא זיי דאַרפן טראָגן די אחריות צו אַזאַ קולטור שעפערישע אָרגאַניזאַציע ווי די פאָלקסבינע איז? פאַרוואָס אַזאַ קאַלטע באַציאונג פון די קולטור־טוער צו אונדזער אַרבעט?

פאַראַן צייטן ווען מען מוז ריידן אָפענע און קלאָרע דיבורים, ווי עס זאָל נישט וויי טאָן!

דער אמת איז אַז אונדזערע פריינד, די קולטור חסידים, וועלכע זיינען נישט קאַרג אויף אַפּלאָדיסמענטן און זינגען אונדז לויב־געזאַנגען נאָך יעדער אויפפירונג, זיינען, אין דער אמתן גאַנץ גלייכגילטיק צו אונדז, און שטייען פון דער ווייטנס, און טוען נישט אַריין אַ פינגער אין קאַלט וואַסער צו העלפן מיט עפּעס ממשותדיקעס.

ס׳איז אַ פאַקט אַז מיר זיינען גרויסע עקשנים און מיר לאָזן די אַרבעט נישט אָפּ. אָבער, עקשנים היינט, עקשנים מאָרגן, — עד מתי?

און זאָל דאָ אויך אונטערשטראָכן ווערן, אַז מיר קענען נישט שלום מאַכן מיט אונדזער גורל צו לעבן כסדר מיט דער פאַרגאַנגענהייט, מיט די דער־גרייכונגען פון אַמאָל. אַן אָרגאַניזאַציע וואָס לעבט ס׳רוב אין זכות פון איר שיינער פאַרגאַנגענהייט איז גייסטיק באַנקראָט. און זאָל דאָ באַטאָנט ווערן, אַז אונדזערע שוישפּילער ווילן זיך נישט באַנוגענען מיט די ביז איצטיקע, בכבודיקע דערגרייכונגען.

אונדזער פאַרמעסט איז: מיט יעדער אויפפירונג דערגרייכן קינסטלעריש אַלץ מער. אָבער אויף דער קליינער בינעלע, וואו מיר שפּילן איצט, קענען מיר דאָס נישט באַווייזן.

בלייבט די פראַגע: — וואָס ווייטער? צו קענען מיר בכלל ווייטער אָנגיין מיט אונדזער אַרבעט אונטער אַזעלכע שלעכטע באַדינגונגען? וואו געפינט מען אַן אויסוועג פון דער אָנגעשטרענגטער לאַגע?

ס׳דאַרף זיין קלאָר פאַר יעדן בר דעת, אַז מיר קענען נישט נעמען 40 יאָר שווערע אַרבעט, פאַר וועלכער מיר האָבן אַוועקגעגעבן די שענסטע און בעסטע יאָרן פון אונדזער לעבן, און אָפּשניידן — לאָ פיניטאָ! אויס מיט דער פאָלקס־בינע! דאָס וואָלט געמיינט: די שפּיל איז געענדיקט. אונדזערע שוישפּילער וועלן אויף דעם קיינמאָל נישט איינגיין. דערפאַר ווייל זיי פאַרמאָגן אַ גרויסע

מאָס אידעאַליזם. אונדזער צוגאַנג צום קולטורעלן טעאַטער, איז אַ סך ערנסטער און טיפֿער ווי אַנדערע שטעלן זיך פֿאָר.

און איך פֿרעג; מיט וואָס דערקלערט זיך אָט די מערקווירדיקע דערשיי־נונג, וואָס אין אַזאַ שטאָט ווי ניו־יאָרק, מיט מיליאָנען יידן, כן ירבו, זאָל נישט קענען געשאַפֿן ווערן אַ געזעלשאַפֿטלעכער טעאַטער? מיר זיינען טיף איבער־צייגט אַז די טויזנטער יידן, פֿאָלקס מענטשן וועלכע בענקען נאָך אַ בעסערן יידישן טעאַטער, און די גרויסע אַרבעטער־רינג מיטגלידער וועלכע זיינען אַ גרויסער קאָנסטרוקטיווער כוח אין אונדזער געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, וואָלטן געוויס געקומען צו הילף ווען אַזאַ טעאַטער וואָלט זיך אָנגעהויבן צו בויען. אָבער אָנהייבן בויען אַזאַ טעאַטער דאַרפֿן די פֿירער אונדזערע, די קולטור־טוער, און די אמתע פֿריינד פֿונעם שעפֿערישן יידישן וואָרט! די צייט איז פּסיכאָלאָגיש רייף און פּאַסיג פֿאַר אַזאַ טעאַטער, ווען עס וואָלטן נאָר געווען די איניציאַטאָרן און דער גוטער ערנסטער ווילן מצד אונדזערע קולטור־טוער!

אונדז זיינען ליב און טייער אַלע יידישע קולטור־אינסטיטוציעס. אָבער פֿאַרוואָס איז דאָס בעסערע יידישע טעאַטער תמיד אַ שטיף־קינד ביי אונדזערע קולטוריסטן? לאָמיר נישט זיין געגנאַרט. צום גרויסן באַדויערן איז די אַסי־מילאַציע גרויס, און יידן אין אַמעריקע, איבערהויפּט דער יונגער יידישער דור, וואָס האָט קיין יידישער דערציאונג נישט געקראָגן, — ווערט אַלץ מער אָפּגע־פֿרעמדט פֿון אונדזער שפּראַך און קולטור. צו באַקעמפֿן דער אַסימילאַציע איז אונדזער אַלעמענס חוב! און לפֿי דעתי איז אַ גוט, קינסטלעריש־יידיש טעאַטער אַ וואונדערלעכער מיטל צו פֿאַראינטערעסירן די יידישע יוגנט אין אַמעריקע מיט דער נייער יידישער ליטעראַטור; אַ גוט יידיש־קינסטלעריש טעאַטער האָט דעם כוח צוריקצוברענגען די אָפּגעפֿרעמדטע פֿון אונדזער פֿאָלק אין גבול פֿון יידיש שאַפֿן און יידישע קולטור־אוצרות.

און היינט ווען מיר פֿייערן אונדזער 40־יאָריקן יובל, גלויב איך, אַז איך בין נישט אויסער־אָרדענונג ווען איך זאָג, אַז ס'איז שוין די העכסטע צייט מיר זאָלן אויפֿהערן זיפֿצן און קרעכצן על גלות קולטור. ס'איז איצט אַ צייט פֿאַר פּראַקטישע מעשים און נישט פֿאַר סתם ריידערייען. עס איז מיין טיפֿסטע איבערצייגונג, אַז די צייט איז פּאַסיק אָנצוהויבן בויען דעם בעסערן יידישן טעאַטער. און פֿאַר דעם צוועק מוז געשאַפֿן ווערן אַ באַוועגונג וועלכע זאָל פּלאַנ־מעסיק אַרבעטן צו שאַפֿן אַ פּאַסיקן טעאַטער פֿאַר דער פֿאָלקס־בינע. דאָס וואָלט געווען די וויכטיקסטע און שענסטע מתנה וואָס יידישע קולטור־טוער וואָלטן געקענט און געדאַרפֿט צוטראָגן לכבוד אונדזער 40 יאָריקן יובל.

די פֿאָלקסבינע, מיט אירע פּערציק יאָר טעאַטער־טעטיקייט, וואַרט נאָך אויף איר היסטאָריקער. אָבער מיט דעם ביסל וואָס איז שוין ביז איצט פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן פֿון אונדזערע חשובע מיטגלידער, יעקב פֿישמאַן, דער איניציאַטאָר פֿון דער פֿאָלקסבינע, ל. מאַן און ב. לעווין, פֿילן אונדז אָן מיט פֿרייד און שטאָלץ און גיבן אונדז דאָס רעכט צו פֿאָדערן פֿון אונדזערע קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס און פֿון דער יידישער עפֿנטלעכקייט, די פֿולסטע

מאַראַלישע און פינאַנציעלע אונטערשטיצונג כדי צו קענען פאַרווירקלעכן אונדזער לאַנג־יעריקן חלום.

אונדזער אידעאַליזם, אונדזער מסירת־נפשדיקע אויפטוען אין די לעצטע יאָרן, גיבן אונדז אַ גרונט צו גלויבן אין דעם געקרוינטן נצחון אין דער גאָר נאָענטער צוקונפט.

---

*) כאָטש אונדזער פריינד ב. סטייבינס אַרטיקל איז ניט קיין טייל פון דער געשיכטע פון דער פּאָלקסבינע, וואָס גייט אַריין אין דעם בוך, דאָך שפּיגלט ער אָפּ די געפילן פון די טוער און מיטגלידער פון דער פּאָלקסבינע בנוגע דער באַוועגונג. אויך די שווערע פאַרזוכן וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן, אין לויף פון די אַלע יאָרן, צו קריגן פאַר דער פּאָלקסבינע אַן אייגענע היים. די דאָזיקע פאַרזוכן האָבן זיך, ליידער, ביז היינט נאָך ניט איינגעגעבן. לאָמיר האָפן אויף בעסערע רעזולטאַטן אין דער נאָענטער צוקונפט.

די רעדאַקציע.

ביבליאָגראַפיע

וועגן אַ טייל פּיעסן וואָס די פּאָלקסבינע האָט אויפגעפירט אין משך פון די יאָרן 1943—1953.

„אַ גאָלדפאַדען חלום"

מוזיקאַלישע קאָמעדיע, לויט אברהם גאָלדפאַדען, באַאַרבעט און רעזשיסירט פון יעקב ראָטבאַום

ח. גוטמאַן „מאָרגען זשורנאַל", נאָוועמבער 12 1943

ד״ר ל. פאָגעלמאַן, „פאָרווערטס", נאָוועמבער 12 1943

ל. קוסמאַן, „מאָרגען זשורנאַל", נאָוועמבער 11 1943

ש. ניגער, „טאָג", דעצעמבער 10 1943

ה. ווארנער, „דעילי וואָירקער", דעצעמבער 15 1943

מייקל גאָלד, „דעילי וואָירקער", דעצעמבער 12 1943

ה. לייוויק, „טאָג", נאָוועמבער 21 1943

„די אויפבוי", נאָוועמבער 26 1943

סימי מעסעס, „פּאָסטער", דעצעמבער 14 1943

נ. כאַניך, „פאָרווערטס", דעצעמבער 12 1943

נ. בוכוואַלד, „מאָרגן פרייהייט", דעצעמבער 4 1943

נ. בוכוואַלד, „מאָרגן פרייהייט", דעצעמבער 18 1943

דניאל טשאַרני, „קולטור און דערציאונג", דעצעמבער 1943

י. קירשענבוים, „מאָרגען זשורנאַל", דעצעמבער 17 1943
מאיר גראָסמאַן, „טאָג", דעצעמבער 26 1943
י. פישמאַן, „מאָרגען זשורנאַל", יאַנואַר 2 1944
יואל ענטין, „אידישער קעמפער", דעצעמבער 14 1943
י. קירשענבוים, „מאָרגען זשורנאַל", פעברואַר 11 1944
ד"ר ע. נאַקס, „דער וועקער", יאַנואַר 15 1944
ש. טענענבוים, „פּראָלעטאַרישער געדאַנק", פעברואַר 1 1944
ב. ריווקין, „טאָג", מערץ 7 1944
שיינע רחל סימקאָף־באַדער, „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט", 4טן מערץ 1944
ב. דעמבלין, „פרייע אַרבעטער שטימע", 3טן מערץ 1944
נ. ב. לינדער, „טאָג", 12טן מערץ 1944
ד. פינסקי, „צוקונפט", אפּריל 1944
מ. ק. „מיר", אַפּריל 1944
ב. צ. גאָלדבערג, „טאָג", אַפּריל 13 1944
י. קירשענבוים, „די אידישע צייטונג", בוענאָס איירעס, פעברואַר 20 1944
ש. ניגער, „טאָג", מאַי דעם 7טן 1944
ת. יאָפע, „טאָג", נאָוועמבער 17 1944
ב., „פאָלקסשריפט", דעצעמבער 1944
י. בלום, „פאָלקסשריפט", דעצעמבער 1944
ד"ר א. מוקדוני, „איינינקייט", יוני 1945

„די אָרעמע מלוכה"

פון ה. לייוויק, רעזשי: יעקב ראָטבאָום

י. ל. וואָלמאַן, „טאָג", אַפּריל 21טן 1944
נ. בוכוואַלד, „מאָרגן פרייהייט", אַפּריל 20טן 1944
ת. גוטמאַן, „מאָרגען זשורנאַל", אַפּריל 28טן 1944
ש. ניגער, „טאָג", מאַי דעם 7טן 1944
דניאל טשאַרני, „אויפן שוועל", אַפּריל 1944

„מנחם מענדל חלומט"

לויט שלום עליכמס ווערק „מנחם מענדל מיעהופּעץ", באַארבעט און רעזשיסירט פון דוד ליכט

י. ל. וואָלמאַן, „טאָג", יאַנואַר דעם 18טן 1946
נ. בוכוואַלד, „מאָרגן פרייהייט", יאַנואַר דעם 28טן 1946
ת. גוטמאַן, „מאָרגען זשורנאַל", יאַנואַר דעם 12טן 1946

ל. פאַגעלמאַן, „פאָרווערטס״, יאַנואַר דעם 12טן 1946

ב. שעפּנער, „ווּעקער״, פעברואַר דעם 1טן 1946

יואל ענטין, „אידישער קעמפער״, פעברואַר דעם 8טן 1946

“Freeland”, Feb., 1946.

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, „פאָרווערטס״, פעברואַר דעם 22טן 1946

חיים ליבערמאַן, „פאָרווערטס״, מערץ דעם 22טן 1946

ש. ד. זינגער, „קולטור און דערציאונג״, מערץ 1946

„אין פּויליש אויף דער קייט״

פון י. ל. פּרץ, רעזשי: דוד ליכט

ל. וואָהלמאַן, „טאָג״, יאַנואַר דעם 24טן 1947

ש. ד. זינגער, „דער פריינד״, יאַנואַר 1947

ש. מענדעלסאָן, „קולטור און דערציאונג״, פעברואַר 1947

ח. גוטמאַן, „מאָרגען זשורנאַל״, פעברואַר 26טן 1947

נ. אַבראַמסאָן, „פאָרווערטס״, מערץ דעם 5טן 1947

ה. לייוויק, „טאָג״, מערץ 29טן

ד״ר ל. פאַגעלמאַן, „פאָרווערטס״, יאַנואַר 24טן 1947

נ. בוכוואַלד, ׳מאָרגן פרייהייט״, מערץ דעם 9טן 1947

Jouth and Nation, op. 1947

„י ה ו ד י ת״

פון פ. העבעל, רעזשי: דוד ליכט

ד״ר ל. פאַגעלמאַן, „פאָרווערטס״, אָקטאָבער 24טן 1947

ב. שעפּנער, „פאָרווערטס״, נאָוועמבער דעם 29טן 1947

ש. ד. זינגער, „וועקער״, נאָוועמבער 1, 1947

נ. כאַנין, „פאָרווערטס״, נאָוועמבער דעם 16טן, 1947

דזשעי גרעיסאָן, „פריינד״, דעצעמבער 1947

זלמן זילבערצווייג, „דער אַמעריקאַנער״, יוני 27טן, 1947

נ. בוכוואַלד, „מאָרגן פרייהייט״, אָקטאָבער 24טן, 1947

ח. גוטמאַן, „מאָרגען זשורנאַל״, אָקטאָבער 31טן

מ. וואורבראַנדט, „אויפבוי״, נאָוועמבער, 1947

Jeanette Nilken, “Daily News”

Vernon Rice, “New York Post”

ישראל ראַבינאָוויטש, „קענעדער אָדלער״, מערץ דעם 3טן, 1948

„וואָס אין פידעלע שטעקט"

פון י. ל. פרץ, רעזשי: דוד ליכט

חיים ערענרייך, „פאָרווערטס", דעצעמבער 24, 1948

ש. ניגער, „טאָג", יאַנואַר דעם 9טן 1949

ד"ר נ. סווערדלין, „טאָג"

נ. בוכוואַלד, „מאָרגן פרייהייט", דעצעמבער 24 1948

י. באַרוכאָוו, „דער וועקער", יאַנואַר 1949

ש. ד. זינגער, „קולטור און דערציאונג", יאַנואַר 1949

י. ל. וואַהלמאַן, „טאָג", דעצעמבער דעם 18טן 1948

"Congress Weekly", January 17, 1949. S. Kreiter

"New York Post", Vernon Rice.

"U. C. Call.", William Stein.

„די חתונה אין פערנוואַלד"

פון ה. לייוויק, רעזשי: דוד ליכט

ד"ר נ. סווערדלין, „טאָג", דעצעמבער 14טן, 1950

ד"ר ל. פאָגעלמאַן, „פאָרווערטס", דעצעמבער 15טן, 1950

ש. ניגער, „טאָג", דעצעמבער דעם 18טן, 1950

חיים גוטמאַן, „מאָרגען זשורנאַל", יאַנואַר דעם 14טן, 1951

ס. דינגאָל, „טאָג", יאַנואַר 1951

ב. לינדער, „פריינד", יאַנואַר 1951

נ. בוכוואַלד, „מאָרגן פרייהייט", דעצעמבער דעם 29טן, 1950

סלאָווע עסטרין, „וואָכנבלאַט", יאַנואַר 1951

ל. פיינבערג, „פריינד", פעברואַר 1951

שאול מאַלץ, „וועקער, פעברואַר 1951

ד"ר יעקב שאַצקי, „פרייע אַרבעטער שטימע", יאַנואַר 1951

חיים גרינבערג, „קעמפער", מאַי 1951

ב. שעפנער, „אונזער צייט", פעברואַר 1951

נ. כאַנין, „פאָרווערטס", יאַנואַר דעם 15טן, 1951

מענדל עלקין, „צוקונפט", פעברואַר 1951

יואל ענטין, „קעמפער", פעברואַר 1951

ש. ד. זינגער, „קולטור און דערציאונג", יאַנואַר 1951

ש. ח. קאַזשדאַן", „קולטור און דערציאונג", פעברואַר 1951

יעקב ראַזענטאַל, „הדואר", 1951

מ. מענדלסבערג, „אויפן שוועל", יאַנואַר 1951

דזשאַנעט ווילקין, „ניוס", יאַנואַר 1951

ווערנאָן רייס, „ניו־יאָרק פאָסט", יאַנואַר דעם 22טן, 1951

סעמועל קרייטער, „קאָנגרעס וויקלי", מערץ 1951

וו. ס. „קאָל", מערץ 1951

„דער זינגער פון זיין טרויער"

פון אָסיפּ דימאָוו, רעזשי: י. בולאָוו

ד"ר נ. סווערדלין, „טאָג", דעצעמבער דעם 12טן, 1951
חיים גוטמאַן, „מאָרגען זשורנאַל", דעצעמבער דעם 13טן, 1951
נ. כאַנין, „פאָרווערטס", יאַנואַר דעם 19טן, 1952
ב. געבינער, „פאָרווערטס", דעצעמבער דעם 7טן, 1951
ל. מאַן, „טאָג", דעצעמבער דעם 6טן, 1951
ב. צביון, „פאָרווערטס", פעברואַר דעם 16טן, 1952
ל. מלאָטעק, „קולטור און דערציאונג", דעצעמבער 1951
י. כאַרלאַש, „אַרבעטער וועלט", פעברואַר 1952
ש. ד. זינגער, „פריינד", דעצעמבער 1951
העראַלד סטוירן, „אַמעריקען היברו", יאַנואַר דעם 12טן, 1952
אַרטור פּאָלאַק, „קאָמפּאַס", דעצעמבער דעם 12טן, 1951
ב. שעפנער, „פאָרווערטס", דעצעמבער דעם 18טן 1951
ד"ר נ. סווערדלין, „טאָג", דעצעמבער דעם 17טן, 1951
נ. בוכוואַלד, „מאָרגן פרייהייט", דעצעמבער דעם 26טן, 1951
שאול מאַלץ, „וועקער", פעברואַר 1952
חיים ליבערמאַן, „פאָרווערטס", פעברואַר דעם 26טן, 1952
בען ראָזענצווייג, „ניו־יאָרק פּאָסט", דעצעמבער דעם 16טן 1951
ב. לעווין, „אַמעריקאַנער", נאָוועמבער דעם 6טן, 1951

„סמבטיון"

פון א. גאָלדפאַדען

ד"ר ל. פאָגעלמאַן, „פאָרווערטס", דעצעמבער דעם 19טן, 1952
ד"ר נ. סווערדלין, „טאָג", דעצעמבער דעם 19טן, 1952
משה עלבוים, „מאָרגען זשורנאַל", דעצעמבער דעם 18טן, 1952
ל. פיינבערג, „דער פריינד", יאַנואַר 1953
ב. שעפנער, „ביי דער פאָלקסבינע", „פאָרווערטס", יאַנואַר 1953
ש. ד. זינגער, „וועקער", יאַנואַר דעם 15טן, 1953
יואל ענטין, „יידישער קעמפער", פעברואַר דעם 13טן, 1953
„אויפבוי", דעצעמבער דעם 12טן, 1953
חיים עהרענרייך, „צום נייעם סעזאָן", „פאָרווערטס", דעצעמבער דעם 5טן, 1953

אויפפירונגען פון דער פאָלקסבינע

אין פאַרלויף פון די פערציק יאָר זיינען אויפגעפירט געוואָרן פאָלגנדיקע פּיעסן:

פּרץ הירשביין: באַרג אַראָפּ (מרים), וואו דאָס לעבן פאַרגייט, יואל, דער לעצטער, אַ פאַרוואָרפן ווינקל, דעם שמידס טעכטער, די נבלה, תקיעת כף, גרינע פעלדער.

י. ל. פּרץ: ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק, אין פּאָליש אויף דער קייט, וואָס אין פידעלע שטעקט.

שלום עליכם: צוזייט און צושפּרייט, שווער צו זיין אַ ייד, מנחם מענדל חלומט, דאָס גרויסע געווינס.

שלום אַש: מיטן שטראָם, אַנקעל מאָזעס.

ה. לייוויק: העלדישע יאָרן (הירש לעקערט), באַנקראָט, די חתונה אין פערנוואַלד, די אָרעמע מלוכה.

דוד בערגעלסאָן: דער טויבער.

מענדעלע מוכר ספרים: פישקע דער קרומער, שלמה רב חיימס.

סעמיאָן יושקעוויטש: הונגער, מיזערער.

ה. ד. נאָמבערג: די משפחה.

י. קאַצענעלסאָן: קאַריקאַטורן.

פ. בימקאָ: פאַרזונקענע וועלטן.

אָסיפּ דימאָוו: שמע ישראל, פאַרן בית־דין של מעלה, דער זינגער פון זיין טרויער.

דער טונקעלער: קאָמעדיאַנטן.

ח. גאָטעספעלד: פונקט פאַרקערט.

א. זעלדין: מאַן און ווייב.

א. וויטער: פאַרטאָג.

ז. סעגאַלאָוויטש: די וואַנט.

א. האַראָוויץ: דאָס קול פון די שטומע.

הערמאַן הייערמאַנס: געטאָ, פאַרלאָרענע האָפנונג.

דוד איינהאָרן: אַ יידישע טאָכטער.

ישראל זאַנגוויל: דער טרוימער פון דער געטאָ.

יעקב גאָרדין: קרייצער סאָנאַטאַ, די אמתע קראַפט, די שחיטה.

לעאָ ראָבינס: פּראָווינץ.

ש. דייקסל: אויף נייע וועגן.

הענריק איבסען: דער פאָלקס פיינד, די גייסטער.
ב. ביערנסאָן: איבער אונדזער קראַפט.
בריע: די באַשעדיקטע.
גערהאַרד האַופּטמאַן: איינזאַמע מענטשן, מיכאיל קראמער, פורמאַן הענשעל.
הערמאַן זודערמאַן: יאָהאַנעס פייער.
פשיביעוועסקי: צוליב גליק, די געסט.
פ. דאָסטאָיעווסקי: פאַרברעכן און שטראָף.
אויגוסט סטרינדבערג: קאמעראַדן.
אַרטור שניצלער: אַ שפּיל אין ליבע.
בערגער: דער מבול.
פרידריך העבעל: יהודית.
לעאָן קאָברין: ריווערסייד דרייוו.
דוד ליכט: אַ מעשה מיט אַ פּרינץ.
יגאל מאָסענזאָהן: דער קאַמף פאַרן נגב.
סאַמי גראָנעמאַן: דער קעניג און דער שוסטער.
אברהם גאָלדפאַדן: אַ גאָלדפאַדן חלום, סמבטיון.
48 פּיעסן פון 31 יידישע שריפטשטעלער.
15 גרויסע פּיעסן פון 10 ניט־יידישע שריפטשטעלער.
צוזאַמען: 49 פּיעסן פון 43 שריפטשטעלער.
פאָלגנדע איינאַקטיקע דראַמען און קאָמעדיעס זיינען אויפגעפירט געוואָרן:
י. ל. פּרץ: שוועסטער, ס׳ברענט, נאָך קבורה.
שלום עליכם: מענטשן, מזל טוב, נאָר אַ דאָקטאָר, ס׳אַליגן, אַן עצה, ביים דאָקטאָר, עולם הבא, שיינע בעלי־בתים.
אברהם רייזען: דעם שדכנס טאָכטער, אַ קאַבאַרעט, די רעפּיטיציע.
דוד פּינסקי: גליקס־פאַרגעסענע, געוויסן, דאָס מיידל ביים אָרון קודש, דער דערפינדער, דעם קעניגס טאָכטער, דער דאָלאַר.
ש. אַנסקי: פאָטער און זון, דער קאַטאָרזשניק.
ז. ליבין: די זעלבע סימנים, מאַרטאַ, קאָלעגן.
יהואש: שאול, בודדא, שונמית.
אברהם ליעסין: רבי עקיבא, לוי יצחק בערדיטשעווער, דער אייביקער ייד, דער שמיד.
דוד איינהאָרן: עלילת דם, דריי רויטע ליליען.
י. י. שוואַרץ: קענטאָקי.
לעאָן קאָברין: שונאים, (איין אַקט).
מאָרים ווינטשעסקי: דער לעצטער נאַבאָר, מיינערס.
מאָרים ראָזענפעלד: אין שאָפּ.
פּרץ הירשביין: בעבעלע, ראָזשינקעס מיט מאַנדלען, אין דער פינסטער.

אליהו הנביא, קברים בלומען, פראָסט־בלומען, הונגעריקע פאַרנאַכטן, איינזאַמע וועלטן.
ז. לעווין: דעם טאַטנס טאָכטער.
אברהם גאָלדפאַדן: דאָקטאָר אלמאסאדא, די קאַפּריזנע טאָכטער, צוויי שכנות.
ז. שניאור: קעגנאיבער:
יונה ראָזענפעלד: היינטיקע צייטן.
יעקב גאָרדין: וואָלטעטער פון דער איסט סאַיד, שולדיק.
ש. פרוג: שמוינעוועקער געשטאַלטן.
ח. נ. ביאַליק: פון צער און צאָרן.
י. אַפּאַטאָשו: אין אַ טיי־הויז.
ה. גאָטעספעלד: פאַרזאָרגט די בנים, מחותנים, אין אַ טעאַטער אָפיס.
דזשין ראָוז: הינטער די קוליסן, פאַרן פאָטערלאַנד.
יעקב פרעגער: דער נסיון.
י. י. זינגער: אין די שטורעמדיקע טעג.
מאָרים ראָזענפעלד: קאָנטאָניסטן.
מ. גיצים: די קרעטשמע, אַמעריקען ראַפּסאָדי.
ב. טשאַרני וולאַדעק: משה.
שרה רייזען: ראַשעל.
ש. בריל: אין קיינעמס לאַנד.
מאַקס אָרענשטיין: מיין וויבס משוגעת, שוועסטער און ברידער, דאָס אייביקע ליד.
משה־לייב האַלפּערן: אין גאָלדענעם לאַנד, דער גאַסן־פּויקער.
ב. י. ביאַלאָסטאָצקי: אין לאַגער פון די אָרימע.
דער טונקעלער: דער חתן.
ב. באָטווינִיק: דער וועגעטאַריער, קנעפּלעך.
לעאָן קוסמאַן: דער פּרעסער.
ב. קאָוונער: אין דאָקטאָרס אָפיס.
אַנטאָן טשעכאָוו: דער בער, קאַלכאָס.
ה. הייערמאַנס: דער אייביקער ייד, באַגנאַדיגונג.
ה. זודערמאַן: שמעטערלינגען.
אַרטור שניצלער: דער פּופּן־שפּילער, אנאטאָל.
לודוויג פולדא: אַ סופּריז.
מערעזשקאָווסקי: בודדא.
קופּרין: דער קלאָון.
מאַקסים גאָרקי: אויפן אָפּגרונד.
אפּטאָן סינקלער: דער פאַרברעכער.
א. פּושקין: ציגיינער.
יודזשין אָניעל: די האָריקע מאַלפּע.

שערוואוד הענדערסאָן: דער רויטער געלעכטער.
סינקלער לואיס: ענן וויקערס.
טעאָדאָר דרייזער: דאָס לעבן גייט ווייטער.
לעאָן פֿויכטוואַנגער: די ברידער האָפּערמאַן.
אידישער פֿאָלקלאָר: יאַמע יאַמע, דאָס חדרל, שער און אייזן, מענדל ווערט אַ סאָלדאַט, פֿאַרשכרט, די בויד, הערשעלע אָסטראָפּאָלער, דריי נייטאָרינס, ברידער, העמערל־העמערל, מאַי קאַ משמע לן.
א. ש.: הערקולעס, מיספֿאַרשטענדעניס, שוויגערס.
80 אײַנאַקטערס און אינסצענירונגען פֿון 38 יידישע שריפֿטשטעלער.
20 אײַנאַקטערס און אינסצענירונגען פֿון 13 ניט־יידישע שריטפֿשטעלער.
צוזאַמען: 100 אײַנאַקטערס און אינסצענירונגען פֿון 51 שריפֿטשטעלער.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער איצטיקער פֿייערונג פֿון פֿינף־און־צוואַנציק יאָר „פֿאָלקסבינע", וואָלט נוטיק געווען אָנהויבן אַ באַוועגונג — ווידער אויפֿצולעבן דעם קולט פֿון אַמאַטאָרן־טרופּעס, וואָס זאָלן באַשיידן און אָרענט־לעך זיך אַ נעם טאָן צום בעסערן רעפּערטואַר, וואָס וואַרט אויף זיין תּיקון. מען וואָלט געדאַרפֿט ווידער אָנהויבן פֿון אָנהויב. מאָגען, אָן דערבײַ איז נאָך ניט אַלץ איז שוין פֿאַרפֿאַלן. מען וואָלט געדאַרפֿט ווידער אָנהויבן פֿון אָנהויב, ווי דאָס טוט אונדזער שול־וועזן, וואָס מאָנט און דערמאָנט — אַז אונדזער פֿאָלקס־שפּראַך לעבט נאָך, און וועט מוזן לעבן, אויב מיר אַליין האָמען דאָ צו לעבן ווי אַ וויכטיקער טייל פֿון יידישן פֿאָלק.

פּרץ הירשביין ע"ה
אין 25 יאָר פֿאָלקסבינע

דוקא איצט ווען דאָס פּראָפֿעסיאָנעלע יידישע טעאַטער איז אין אַזאַ שווערער לאַגע דאַרף די יידישע פֿאָלקסבינע פֿאָרזעצן איר טעטיקייט, אויפֿ־וועקן מיט איר פֿיינערן שפּיל, מיט איר פֿאָרזיכטיקערן אויסוואַל פֿון דראַמען — וועקן דעם אינטערעס ביי די גרויסע מאַסן און ביי דער אינטעליגענץ צום יידישן טעאַטער.

אברהם רייזען ע"ה
אין 25 יאָר פֿאָלקסבינע

פּאָלקסבינע-שוישפּילער

פון 1915—1950

יהודית אַבּאַרבּאַנעל
מאָריס אַדלער
רבקה אַדלער
אסתּר אַדלער
אילאַי אַרנאָו
מאיר אַרקין
פריידע איצקאָוויץ
פּאָולין אייזנער
דזשעני אַלעקסאַנדראָוו
ג. אייזענבערג
דבורה אוירבאַך
פּאולין באדנער
איזידאָר בוזעט
סאָניאַ בירמאַן
ליליען בלום-קאַנדעל
אַנאַ בראַמבערג
שרה בערמאַן
בעטי בערגער
אַנאַ בעק
אברהם בערגער
איזידאָר ברענד
ר. בריא
סילוויאַ גאָטי
אַנאַ גינזבורג
סעמיועל גינזבורג
מ. גאָרמאַן
יוליע גרינשפּאַן
מינדל גוירנער
מאָריס גולקיס
ליובאַ גוירבער
עטעל דזאַנוס
משה דערווין
קלאַראַ דייטשמאַן
מאיר האַרבּאַנאָוו
אהרן האָלץ
יעקב האָלץ
י. האָרן
פרידאַ הימעלשטיין
שׂוה העריסאָן
הערי וואַלינעץ
ה. ווינער
וויליאַם וועגן
לאה ווענדאָרף

פּאָלאַ וויטמאַן
יוסף וואָלפסאָן
חיים זיינער
נאַדיאַ זיינער
מרים זילבערפּאַרב
יהושע זעלדיס
אפרים זאַלצבערג
סידני זיידנער
בען טשעכאַנאָוו
יוסף טעפּליצקי
א. טייך
אַדעלאַ לאַמדען
לעאָן לאָנשיין
מיכל לוקס
מאַד. ליבערמאַן
חנה לעווין
ראָנאַלד לעווין
מ. מאַלינאָווסקי
עני מאַרקוס
פּ. מאַרקאָ
שורלי מאָריס
מענדל מאשקוש
ראָוז מילער
יעקב מינטץ
לואיס מאַן
ציליע מעסלער
בראָניאַ ניומאַן
מאַקס ניידיטש
מענדל נאַשקעס
חיים נעטער
פעני נון
שרה סטייבין
רענעי ספּעקטאָר
לואי סיגאַל
באַשע סלאָבאָדקין
סאל סווערדלין
סאָניאַ סיערז
דזשעני ערדמאַן
סעם פּאַלאַק
מרדכי פּאַפּקין
יעטאַ פּעקער
ל. פּשעפּיורקאָ
עריקא פאדאן

יעקב פישמאַן
אסתּר פיעלד
אסתּר פינפער
ברוך פּיוועלאָוויטש
לאה פעלדרייז
לאַזאַר פרידבערג
חנה פּראַשטיין
אירווינג פּיליפּס
לואי פּיורי
טייבעלע פריימאַן
אַרנאָ קאַזשדאַן
בנימין קעסלער
הירש רובין
שלום ראָזען
סאָניאַ ראַשקאָווסקי
יעקב ראָזענבלום
פעני ראָזענבלום
עטעל ראָזענצווייג
בעני ראָזענצווייג
ראָוז ראָזענצווייג
פיליפּ רעזניק
ל. ראַפּאָפּאָרט
ראָוז רעדמאַן
ראָוז קאָופמאַן
דאָרא קאַשינסקי
מאָריס קאַץ
שרה קינדמאַן
בנימין קרעמער
ראָזע קראַון
בעסי קאַסאַראָווא
סעמיועל קריס
הערי קעסלער
אידיט ראָס
י. רעזניק
פּאָלאַ רעזניק
בנימין קעסלער
אפרים שאַפּיראָ
לעאָן שאַפּיראָ
י. שוכמאַן
מענדל שוואַרץ
מרדכי שטראַל
מאיר שרייבער
לאה שלעסעל

מיט טיפן צער דערמאנען מיר אונדזערע באַליבטע פריינד

לעאָן אַרקין ע״ה
יוסף וויינבערג ע״ה
ראובן גוסקין ע״ה

פרעזידענטן פון אַרבעטער־רינג און

יוסף באַסקין ע״ה

גענעראַל סעקרעטאַר פון אַ. ר.

אייערע לייסטונגען פאַר אונדזער אָרגאַניזאַציע וועלן אייביק בלייבן איינגעוואָרצלט אין אונדזערע הערצער.

אין טאָג פון אונדזער יום־טוב דערמאנען מיר מיט געבויגענע קעפּ און טיפן טרויער אונדזערע באַליבטע רעזשיסאָרן און לערער:

דוד הערמאַן ע״ה
נחום צמח ע״ה
לייב קאַדיסאָן ע״ה

מיר וועלן שטענדיק ערן זייער אָנדענק.

אין טאָג ווען מיר פייערן אונדזער פערציק יאָריקן יום טוב, שטייען מיר מיט געבויגענע קעפּ און צעווייטאָקטע הערצער און מיר דערמאָנען זיך אָן אייך, טייערע חברים און פריינט, וואָס זיינען פאַר דער צייט אַוועק פון אונדז, די, וואָס האָבן מיט אונדז צוזאַמען געבויט און געשטאַרקט אונדזער אידעאַלע פאָלקסבינע אָרגאַניזאַציע.

מאַקס אָרינגער	סעמיועל גראָסבערג	מיכל פּרעדמעסט
פאַניאַ אָרינגער	סאַמועל דאַנענסאָן	פרענציס רובינשטיין
לואי בעק	יעקב ראָזענבלום	יעקב שלעסל
מאַקס באַלסקי	מ. יאַנאָוו	ה. קאַנדעל
אײדאַ גאַרבער	בולבינא סילווערמאַן	

מיר וועלן אייך קיינמאָל ניט פאַרגעסן !

די פאָלקסבינע

דער שוישפּילער אַנסאַמבל פון דער פאָלקסבינע

אויב עמיצער איז צופעליק אַרויס פון מיין זכרון, וועט ער מיר זיכער מוחל זיין. איך ערקלער דאָ, אַז עס איז ניט געטאָן געוואָרן מיט וועלכער עס איז אַבזיכט אונטערצושעצן יענעמס אַרבעט און הילף. איך קען אָבער פאַר קיין פאַל ניט ענדיקן מיינע זכרונות וועגן דער פאָלקסבינע און ניט ווידמען דעם לעצטן קאַפּיטל צו די מענטשן וואָס האָבן די געשיכטע געשאַפן: — די שוי־שפּילער פון דער פאָלקסבינע.

דער שוישפּילער אַנסאַמבל פון דער פאָלקסבינע האָט אַזוי פיל פאַרדינסטן, און יעדער איינער באַזונדער האָט אַזוי פיל בייגעטראָגן צו דער אַרבעט און דערפאָלגן פון די פאַרשטעלונגען אין לויף פון די פערציק יאָר, אַז יעדער פאַרדינט אַ באַזונדער קאַפּיטל אין אונדזער בוך. די קורצע ביאָגראַפיע, וואָס מיר גיבן דאָ אין בוך איז דאָך ניט מער ווי אַ קליינע באַשרייבונג אָן וועלכע עס איז קאָמענטאַרן. און יעדער איינער האָט דאָך פאַרדינט פיל מער ווי דאָס. עס איז אמת, אַז אין די עטלעכע קריטיקן, וועלכע מיר גיבן אַריין אין דעם בוך ווערן אַ סך שוישפּילער דערמאָנט, אָבער ווייט ניט אַלע. און ניט, באמת, אַלעמענס פאַרדינסטן, ווייל עס איז דאָך ניט מעגלעך געווען איבערצודרוקן אַלץ וואָס ס'איז געווען געשריבן וועגן דער פאָלקסבינע פאַר 40 יאָר צייט.

איך וויל דאָ איבערגעבן מיינע איינדרוקן — די איינדרוקן פון אַן אייגע־נעם וועגן די שוישפּילער מיט וועלכע איך האָב געאַרבעט די ערשטע 25 יאָר צוזאַמען. ווען איך האָב געזען שטייגן ווי קינדער וואָס הויבן אָן לערנען ווי צו מאַכן דעם ערשטן שפּאַן אויף דער בינע, ווי אַרויסצורעדן ריכטיק דאָס ערשטע וואָרט, ביז דער שטופּע פון דערוואַקסענע מענטשן—שוישפּילער, וועלכע האָבן שוין דורכגעפירט די שווערסטע פאַראַנטוואָרטלעכסטע ראָלן. איך געדענק אייניקע פון יענע צייטן ווען אַ דיאַלאָג פון צוויי מענטשן איז געווען אַ גרויסער אויפטו, אַן איינאַקטער פון 4 מענטשן — אַ דערגרייכונג. אין יענע יאָרן ווען איר זענט געווען די ערשטע און איינציקע פון וועמען מען האָט געקענט הערן אַ ריין־ליטעראַרישע פאָרלעזונג אָדער דעקלאַמאַציע, ווען אייער ווינקעלע איז געווען דער מקום קדוש פון דער ליטעראַרישער דראַמע. איך געדענק אייך נאָך פון יענע צייטן, ווען אַ יידישער דראַמאַטורג אָדער שריפטשטעלער איז געקומען פון אייראָפּע, זענט איר געווען די איינציקע אים אויפצונעמען מיט אַ האַרציקן קבלת פנים. גענוג צו דערמאָנען די נעמען: פּרץ הירשביין, ה. ד. נאָמבערג און אברהם רייזען, זכרונם לברכה.

איך געדענק אַ סך פון אייך אין אייער בליענדער יוגנט, ערשט אַריבערגעקומענע, גרינע אימיגראַנטן, ווי איר האָט, מיט באַגייסטערונג און התמדה געלערנט די קונסט צו שפּילן טעאַטער. איך געדענק נאָך די נעכט

וועלכע איר האָט ניט דערשלאָפן, די טעג וועלכע איר האָט ניט דערעסן, די ענערגיע וועלכע איר האָט ניט געזאַמלט פאַר די שפּעטערדיקע יאָרן, נאָר זיי פאַרוועגדעט פאַר דער אַנטוויקלונג פון אייערע דראַמאַטישע פעאיקייטן, פאַר אַ שענערן יידישן טעאַטער.

פערציק יאָר לעבן האָט איר אָפּגעגעבן פאַר אַן אידעאַל — פאַר אַ שיינעם חלום. קיין פּאַרטיי האָט אייך ניט געהאָלפן, קיין באַוועגונג האָט אייך ניט געשטיצט, אַחוץ פונעם אַרבעטער־רינג זענט איר פון קיינעם ניט דערמוטיקט געוואָרן, אונדזער פּרעסע האָט אייך מייסטנס פאַרשוויגן, און אַז איר האָט שוין געגעבן די געלונגענסטע פאָרשטעלונג האָט מען אָפט געשריבן וועגן דער געלונגענער אויפפירונג און זיך פאַרגעסן אייערע נעמען צו דער־מאָנען. אָבער צי זיינען דען צוליב דעם אייערע פאַרדינסטן קלענער געוואָרן? צי וואָלט דען מעגלעך געווען צו געבן די אַלע אָנצאָליקע טעאַטער־אָוונטן פאַר די פערציק יאָר, אָן אייך, אָן אייער אויסגעצייכנטן שפּילן, אָן אייער אַריינטראַכטן זיך און דורכלעבן די ראָלן? צי וואָלט בכלל אַ דראַמאַטישע אָרגאַניזאַציע געקענט עקזיסטירן אַזוי פיל יאָרן, אויפפירן אַזאַ גרויסע צאָל פּיעסן אָן אייער טאַלאַנט, אויסדויער און ליבע צום טעאַטער?

יעדער איינער מוז פילן, אַז זיין לעבן האָט די ווערט געהאַט געלעבט צו ווערן. ער מוז האָבן עפּעס אַ דערגרייכונג, אַן אויפטו מיט וואָס צו שטאָלצירן און רימען זיך. און אויב איך האָב אויך עפּעס אָנצואווייזן און שטאָלץ צו זיין, זענט איר דאָס, מיינע טייערע, אַלטע און יונגע קאָלעגן פון דער פאָלקסבינע. איר, וואָס האָט מיך אין מיינע שווערסטע און אָפּטמאָל יאָושדיקסטע מינוטן, באַגייסטערט און דערמוטיקט צו וויטערדיקער און נאָך שווערער אַרבעט. איר, וואָס האָט אָפט מיט אייער שפּילן דערגרייכט די העכסטע מדרגה אין שויש־שפּיל־קונסט, און ניט נאָר זיך געשאַפן אַ נאָמען אַלס שוישפּילער און כבוד און אָנערקענונג פאַר דער פאָלקסבינע, נאָר אויך באַגייסטערט טויזנטער און צענדליקער טויזנטער מענטשן פאַר דער בעסערער דראַמאַ, פאַר דער שיינער ליטעראַטור — און געשאַפן אַ באַדן און אַן עולם פאַר אַ יידישן קונסט־טעאַ־טער אין אַמעריקע.

און צו דער פייערונג פון אונדזער 40־יאָריקן יובילעי, צו די לויבגעזאַנגען און וואונשן וואָס איר האָט באַקומען פון אַזוי פיל פריינט און אָרגאַניזאַציעס, נעמט אויך צו אַ קראַנץ פרישע, לעבעדיקע בלומען, וואָס עס דערלאַנגט אייך אייער

יעקב פישמאַן.

מרדכי יחסן

דעם בינע-פאַרוואַלטער, טעכנישן לייטער, און אָפּטמאָל געהילף-רע-זשיסאָר, דערמאָנען מיר דאָ אַלס אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט און אָפּשאַצונג פאַר זיין ערנסטער איבערגעגעבענער אַרבעט ביים צוגרייטן די פאָרשטע-לונגען און ביים פאַרוואַלטן די בינע.

מרדכי יחסן איז געקומען צו דער פאָלקסבינע פון דעם פּראָפעסיאָנאַלן טעאַטער. ער איז אָנגעקומען אין דעם [illegible]עאָן פון איציק מאַנגערס „אַ גאָלד-פאַדענס חלום" און ה. לייוויקס „די [illegible]עמע מלוכה". דאָס איז געווען אינעם יאָר 1943.

נישט אַלס שוישפּילער איז ער אַריין אין דער פאָלקסבינע, נאָר איבערצו-נעמען די בינע-לייטונג און טעכנישע דירעקציע. אינעם רענעסאַנס פון דער פאָלקסבינע, האָט מרדכי יחסן גע-שפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל. ער האָט געטראָגן אויף זיך די אַחריות נישט נאָר אַלס בינע-פאַרוואַלטער, נאָר ווי אַ טעאַטראַל וואָס קאָן די בינע פון אַלף ביז תו. ער איז אַ „ספּעץ" כמעט אויף אַלע געביטן פון דער בינע-קונסט. די פאָלקסבינע אַלס אַן אָרגאַניזאַציע, די שוישפּילער, די רעזשיסערן, האָבן שטענדיק געלייגט גרויס געוויכט אויף זיין אַרבעט. „אַז יחסן איז מיט אונדז זיינען מיר רואיק" — פלעגט מען הערן פאַר דער פּרעמיערע. און מיר ווילן טאַקע צו אונדזער יום-טוב, מרדכי יחסנען, דערמאָנען מיט אַ סך דאַנק-באַרקייט פאַר זיין מי און אַרבעט לטובת אונדזער אַלעמענס פאָלקסבינע.

די פאַרוואַלטונג,
רעדאַקציע און
פאָלקסבינע אַנסאַמבל

אַ סצענע פון „יהודית", פון פ. העבעל

פון רעכטס: יוסף וואָלפסאָן, משה דערווין, יהושע זעלדיס, שרה סטייבין, פּאָלאַ אייזנער, ציליע מעסלער, רבקה אַדלער, אַנאַ בעק, ראובן אַרנאָו, מאָריס אַדלער.
צווייטע ריי: חנה לעווין, מיכל ניידיטש, לואי בעק, יעקב האָלץ, בען טשעכאַנאָוו.
אויבן רעכטס: בנימין קעסלער, בנימין קרעמער און יעקב שוכמאַן. (עס ליגט) ברוך פּייוועלאָוויטש.

בעל דידזשאָ און דזשוליאַ לעווין

(כאָרעאָגראַפיע און טענץ ביי דער פאָלקסבינע)

בעל דידזשאָ איז אַ יונגע קינסטלערין, וועלכע האָט פאַר זיך געשאַפן אַ פיינעם נאָמען אַלס אַ מאָ־דערנע טענצערין ניט נאָר אין אַמעריקע, נאָר אויך אין אייראָפּע און אין ישראל וואו זי איז אויפגעטראָטן אַלס טאַנץ־סאָליסטין. זי איז אַ טאָכטער פון אַ ניו־יאָרקער באַלעבאַטישער יידישער פאַמיליע, זי האָט אָנטייל גענומען אין באַלעט פון מעטראָפּאָליטאַן אָפּערא הויז, און פאַרפולקאָמט איר טאַנץ־קונסט ביי דעם רוסישן באַלעט־מייסטער מיכאַאיל פאָקין און מערי וויגמאַן.

בעל דידזשאָס ביישטייער צו דער פ. ב. איז באַ־שטאַנען אין שאַפן און איינשטעלן גרופּירונגען און צופּאַסן טענץ צו די אויפפירונגען פון די פּיעסן. אַלע טעאַטער־רעצענזענטן האָבן זיך זייער וואַרעם אָפּגערופן אויף בעל דידזשאָס ביישטייער צו די אויפ־פירונגען. ווילן מיר דעריבער ביי דער געלעגנהייט אַריינשרייבן אין אונדזער יובל־בוך דעם נאָמען בעל דידזשאָ מיט אונדזער דאַנק פאַר אירע לייסטונגען.

פאַר די לעצטע צען יאָר האָט די פאָלקסבינע אויפגעפירט ניט בלויז דראַמען נאָר אויך אַ צאָל מוזיקאַלישע קאָמעדיען און מוזיק־דראַמען אין וועלכע עס זיינען אויך אריינגעפירט געוואָרן קלאַסישע און פאָלקס־טענץ. דאָס מיינט אָבער ניט, אַז מיר האָבן דורכגעפירט באַלעטן אָדער באַלעט טענץ, כדי דאָס צו באַווייזן וואָלטן מיר זיך גענויטיגט אין אַ באַלעט־שול אָדער טאַנץ־סטודיאָ, און אַזאַ אינסטיטוציע האָבן מיר, לײדער ניט. עס האָט זיך אָבער דאָך געפאָדערט אין איינציקע אויפפירונגען אַריינצופירן פאָלקס־טענץ און אינטער־פּרעטיווע טאַנץ־נומערן, האָט די פאָלקסבינע געקראָגן די מיטהילף פון די צוויי יונגע קינסטלערינס אויף דעם געביט פון כאָרעאָגראַפיע און מאָדערנער טאַנץ־קונסט — בעל דידזשאָ און דזשוליאַ לעווין, און זיי האָבן זייער פיל בייגעטראָגן צום קינסטלערישן דערפאָלג פון אַ צאָל פּיעסן.

ווילן מיר טאַקע דאָ אין אונדזער פערציק־יאָריקן יובל־בוך אויך דערמאָ־נען די צוויי קינסטלערינס, די טענצערינס, — בעל דידזשאָ און דזשוליאַ לעווין.



דזשוליאַ לעווין איז אַ יונגע קינסטלערין, וועלכע שטאַמט פון אַ יידישער פאַמיליע אין ניו־יאָרק. איר פאָטער איז אַ קולטור־טוער און אַן אַקטיווער מיטגליד אין דער פאָלקסבינע; איר מוטער — אַ פּאָעטעסע און דערציילערין. דזשוליאַ לעווין איז דערצויגן געוואָרן אין יידישע קולטור־קרייזן. זי האָט געקראָגן איר יידישע דערציאונג אין די שלום עליכם שולן. איר טאַנץ־שטודיום האָט זי דורכגעמאַכט מיט דער איזאַדאָראַ דאָנקאַן באַלעט־טרופּע; זי האָט אויך פאַר אַ צייט אָנגעפירט מיט אַ טאַנץ־סטודיאָ פאַר מאָדערנע טענץ; זי אַליין איז אויך אויפגעטראָטן אין ניו־יאָרק אין סאָלאָ־טענץ און האָט זייער אויסגענומען ביי באַלעט־רעצענזענטן.

מיט דער פאָלקסבינע איז דזשוליאַ פאַרבונדן אַ לאַנגע צייט, און זי האָט געשאַפן די כאָרעאָגראַפיע און איינגעשטעלט די טענץ פאַר אַ סך אויפפירונגען פון יעקב ראָטבאַום און דוד ליכט און האָט באַוויזן אַ סך דערגרייכונגען מיט דעם פאָלקסבינע אַנסאַמבל אין דער דורכפירונג פון קלאַסישע און פאָלקס־טענץ.

פאַר אַלע אירע באַמיאונגען און דערפאָלגן פאַרדינט זי, אַז זי זאָל מיט דאַנק דערמאָנט ווערן אין אונדזער יובל־בוך.

בעל דידזשאַ האָט געשאַפן די כאָרעאָגראַפיע און אויפגעפירט די טענץ פון „סמבטיון“ פון א. גאָלדפאַדען; „דער זינגער פון זיין טרויער“ פון אָסיפּ דימאָוו; „קאַמף פאַרן נגב“ פון יגאל מאָסענזאָן; און „דער קעניג און דער שוסטער“ פון ס. גראָנעמאַן.

דזשוליאַ לעווין האָט געשאַפן די כאָרעאָגראַפיע פאַר „אין פּאַליש אויף דער קייט“ פון י. ל. פּרץ; „מנחם מענדל חלומט“ און „דאָס גרויסע געווינס“ פון שלום עליכם; „יהודית“ פון פרידריך העבעל; און „אַ מעשה מיט אַ פּרינץ“ ון דוד ליכט.

צבי שטאָק

וועגן דעם ענין איבערזעצונגען *)

זייער אַ סך איז שוין געשריבן געוואָרן וועגן דעם, ווי אַזוי מ'דאַרף איבערזעצן פון איין שפּראַך אין אַן אַנדערער. אין העברעאיש הייסט עס, מלשון אל לשון, אָדער מכלי אל כלי. דאָס מיינט, אַז אַן איבערזעצונג פון אַ ליטעראַרישער שאַפונג דאַרף אַזוי געמאַכט ווערן, ווי מ'וואָלט איבערגיסן גוטן ווייַן פון איין כלי אין אַן אַנדערער, און דערביי זאָל זיך נישט פאַרלירן קיין איין טראָפּן...

אונדזערע אַמאָליקע גדולים, איבערזעצער, זייַנען צוגעגאַנגען צום איבערזעצונג־פאַך מיט גרויס קדושה און יראת־הכבוד. די סיבה דערפון איז אַ גאַנץ לאָגישע: יידן זייַנען פון זייער אַנטשטייאונג אַן געווען (און זייַנען אויך היינט) אַן עם־עולם, אַ וועלט־פאָלק. ביזן היינטיקן טאָג האָבן יידן געגעבן דער וועלט פון זייער גייסט און קולטור. אין דער זעלבער צייט האָבן מיר אויך גענומען ביי דער וועלט, ביי די אומות־העולם. מיר האָבן דערפאַר געמוזט אָנקומען צו דעם וואָס רופט זיך ביי אונדז תרגום.

יאָ, אָבער ווען קען אַן איבערזעצונג באַצייכנט ווערן ווי אַן אויטענטישע, אָריגינעלע, ליטעראַרישע שאַפונג, אַ צוגאָב אָדער צושטייער צו דער ליטעראַטור און שפּראַך, אין וועלכער זי ווערט געשאַפן? ווען דער איבערזעצער האַלט זיך ביים כלל, אַז ס'איז דאָ, אָדער עס איז געווען אַ מחבר, וואָס האָט ברוח־הקודש געשאַפן דעם אָריגינאַל. אָדער, אויב עס איז אַ פאָלקס־שאַפונג, אָדער אַ געמיש פון די ליטעראַרישע אָדער קונסט־שאַפונגען פון אַ סך פעלקער — סינקרעטיזם — מוז דער איבערזעצער געדענקען, אַז עס איז געווען אַ פאָלק, אָדער פעלקער, וועלכע האָבן געשאַפן דעם אָריגינאַל.

רבי יהודה זאָגט: „ווען איינער איבערזעצט אַ פסוק לויט זיין (פּרעצי־זער) פאָרם, איז ער אַ ליגנער, און דער, וואָס גיט־צו (כאַפּט אַריבער די מאָס...) איז ער אַ לעסטערער און פאַרשווערער"... (קידושין מ"ט).

אַ סימבאָלישער אַנדייט ליגט אין דעם וואָס יידן זייַנען מעביר סדרה שנים מקרא ואחד תרגום (צוויי מאָל דעם אָריגינאַל און איין מאָל די אַראַמישע איבערזעצונג), כדי צו געדענקען, אַז ס'איז דאָ אַן אָריגינאַל, וואָס איז אַ גרויסער עיקר...

---

*) צבי שטאָק איז אַ העברעאיש־יידישער דיכטער און אַן איבערזעצער. ער האָט פאַרעפנטלעכט לידער אין „בצרון", אין „הדואר" און אין „הבוקר" אין ישראל. ער האָט איבערזעצט „ריישע" פון בעריש ווינשטיין, אַ טייל פון דער יידישער ליטורגיע אין אבא גאָרדינס „יידישע שריפטן" און די פּיעסע „קאַמף פאַרן נגב" פון יגאל מאָסענזאָן, וועלכע די פאָלקסבינע האָט אויפגעפירט לעצטן ווינטער.

אונקלוס דער גר האָט געמאַכט זיין תרגום פון דער תורה, וואָס איז געוואָרן אַזוי פאָרהייליקט, אַז אָן אים רירן זיך נישט אונדזערע גרעסטע מפרשים (עקסצעגענטן), ווי רש״י, דער רמב״ם און אַלע אַנדערע.

דער תרגום ירושלמי און דער תרגום פון יונתן בן עוזיאל זיינען שטאַרק פאַרהייליקט געוואָרן אין אונדזער פאָלקס גייסטיקער ירושה.

אין די שפּעטערדיקע תקופות האָט מען זיך באַנוצט אויך מיטן העברעאישן וואָרט העתקה, וואָס מיינט אייגנטלעך נישט מער ווי איבערקאָפּירן, דאָס איז וואַרשיינלעך אויך אַן אָנדייטונג, אַז אַן איבערזעצונג מוז זיין פּונקט אַזוי אויטענטיש ווי דער אָריגינאַל.

מיטן וואָרט העתקה פאַר איבערזעצונג האָבן זיך באַנוצט די איבערזעצער אין דער גאָלדענער צייט פון דער שפּאַניש־אַראַבישער עפּאָכע, ווי די באַרימטע אבן תבונס, אלחריזי און אַנדערע, וועלכע האָבן איבערזעצט די חכמת־ישראל פון אַראַביש: די גרויסע ווערק פון ר׳ סעדיה גאון, דעם רמב״ם, ר׳ יהודה הלוי, קרשקש, בן גבירול און אַנדערע.

גרויסע שוועריקייטן זיינען געווען ביי יידן ביים איבערזעצן די ערשטע אוצרות פון פאָלקס־עפּאָס, פאָלקלאָר און די אַנאָנימע, פּרימיטיווע פאָלקס־שאַפונגען, ווי די שירות פון תנ״ך, די שירת הים, שירת הבאר, שירת דבורה, שירת האזינו, און אַזוי ווייטער. אין די ספרים ווערן אויסגערעכנט צען אַזעלכע שירות, פאַרשטייט זיך, אַז יידן וואָס וואַרטן כסדר אויף משיחן האָבן אויך אַריינגערעכנט די שירה לעתיד... (בעל הטורים, שמות, בשלח).

איך דערמאָן דאָ יענע שאַפונגען, וואָרעם אין זיי איז דאָ דראַמע, שפּיל־טאַנץ, און זשעסט, און איך האָב דאָ אין זינען די איבערזעצונגען פון דראַמע, שוישפּיל און טעאַטער־שאַפונגען.

דאָס איז גאָר אַ באַזונדערע פּראָבלעם פאַר אַן איבערזעצער. דער עיקר איז, אַז צו איבערזעצן פאַרן טעאַטער, מוז דער איבערזעצער זיך רעכענען אַ סך מיטן חוש־השמיעה און מיטן חוש־הראיה פון דעם עולם צושויער. דערביי מוז ער ניט פאַרגעסן, אַז דער מחבר האָט זיין אייגענעם נוסח, זיין אייגענעם טאָן, זיין אייגענעם וועג פון באַנוצן זיך מיט אידיאָמאַטיק אין לשון און ער מוז זיין געטריי און ערלעך צום טעקסט: אין דער זעלבער צייט נישט אויפגעהויבן זיין קול העכער פון דעם מחברס... נאָר אַזאַ איבערזעצונג קען אָנגערופן ווערן אַן אויטענטישע שאַפונג.

מיר באַגריסן די פאָלקסבינע צו איר 40־יאָריקן יובליי
און ווינשן איר כ״ה לחי!

צבי און הדסה שטאָק
און קינדער


מאָריס אַדלער

רבקה אַדלער

ליובאַ בלום־קאַנדעל

אילאי אַרנאָו

רובין אַרנאָו

אַנאַ בעק

פּאָולין אייזנער


פּאַולין באַדנער

אברהם בעקער

מאַרים אַדלער

געבוירן אין פּשיסכע, פּוילן. געלערנט אין חדר. געלערנט 3 יאָר אין היי סקול. אָנגע־הויבן שפּילן יידיש טעאַטער אין ניו אָרלינס אין אַ דראַמאַטישע גרופּע, און איז געוואָרן אַ מיטגליד אין יאָר 1934. געשפּילט אין פאָלקס בינע אַנסאַמבל פּאַלגנדע ראָלן. דער לייוונט פּאַרקויפער אין „גאָלדפאַדענס חלום", פון איציק מאַנגער. משה גרויס אין „אָנקעל מאָזעס" פון שלום אַש. דער לאַקעי אין „דאָס גרויסע געווינס", פון שלום עליכם. אין „מנחם מענדל", פון שלום עליכם. דעם רבי אין „פּאַליש אויף דער קייט" פון י. ל. פּרץ. כהן גדול אין „יהודית", פון פרידריך העבעל. יואל סאַרווער אין „וואָס אין פידעלע שטעקט", פון י. ל. פּרץ. אליהו הנביא אין „אַ חתונה אין פערנוואַלד", פון ה. לייוויק. דער בעל־הבית אין „אַ מעשה מיט אַ פּרינץ", פון דוד ליכט. דער גביר אין דעם „זינגער פון זיין טרויער", פון אָסיפּ דימאָוו. דודיע אין „סמבטיון", פון אברהם גאָלדפאַדען. איתמר אין „קאַמף פאַרן נגב", פון יגאל מאָסענזאָן. דוד בן נחום אין „שלמה המלך און דער שוסטער", פון ס. גראָנעמאַן. מ. א. איז דער פּאַרזיצער פון דער פאָלקס־בינע. און 18 יאָר געווען דער סעקרעטאַר.

רבקה אַדלער

געבוירן אין ניו־יאָרק. געלערנט יידיש ביי אַ פּריוואַטן לערער. האָט געשפּילט טעאַטער דאָ אין לאַנד אין ענגליש, אין ניו־אָרלינס און אין סאַן־פראַנציסקאָ. געוואָרן אַ מיטגליד אין דער פאָלקס־בינע. און געשפּילט מאַכלי אין „פּראָסט בלומען, פון פּ. הירשביין אין דאָס „שוואַרצע געלעכטער" פון ענדערסאָן. די נעגער־דינסט אין „קענטאָקי", פון י. שוואַרץ. ראָזע אין די „איבערגעבליבענע", פון דזשין ראָוז. און שרה אין „שלמה רב חיימס", פון מענדעלע מוכר ספרים. געשפּילט די באָבע און איזאַבעל אין „אייביקע מאַרטירער". מאַדאַם דזשאַפּע, אין „ריווערסייד דראַיוו" פון ל. קאָברין. ביילע אין „גאָלדפאַדענס חלום", פון איציק מאַנגער. בלומע זלאָטע אין „מנחם מענדל", פון שלום עליכם. טויבע אין „וואָס אין פידעלע שטעקט", פון י. ל. פּרץ. אלכימא אין „יהודית", פון פרידריך העבעל. די יידענע מיט דער ציג אין „סמבטיון", פון אברהם גאָלדפאַדען.

אילאי אַרנאָו

געבוירן אין לאָדזש, פּוילן. געלערנט אין חדר און אין ישיבה. געקומען אין אַמעריקע און געלערנט אין ענגלישער פּאָלק־שול. גע־שפּילט יידיש טעאַטער אין אייראָפּע, מיט דער לאָדזשער „האַרפע", מיט בערנאַרדיס טרופּע און אין בערלין מיט דער גוטענטאַג טרופּע. אויך געשפּילט מיט אַן ענגלישע קאָמפּאַני אין פילאַדעלפיע, ניו הייווען, האַרטפאָרד. געשפּילט אין כמעט אַלע פּיעסן וועלכע די פאָלקס־בינע האָט אויפגעפירט. אין „מיזורער", פון יוש־קעוויטש. „שווער צו זיין אַ ייד", פון שלום עליכם. „„הירש לעקערט", פון ה. לייוויק. „פּראָווינץ", פון ל. ראַבינס. „מנשה" פון ראַ־נעטי ראמאַן. „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק", פון י. ל. פּרץ. די „האַריקע מאַלפע", פון יודזשין אָ׳ניעל. אין אַנדערע פּיעסן געשפּילט לאַנדאו אין „אייביקע מאַרטירער", דעם פּרינץ, אין „אַ מעשה מיט אַ פּרינץ", פון דוד ליכט. דער שענקער אין „וואָס אין פידעלע שטעקט", פון י. ל. פּרץ. סעמיאָנטשיק אין „זינגער פון זיין טרויער", פון אָסיפּ דימאָוו. דעם שדכן, אין „סמבטיון", פון אברהם גאָלדפאַדען. בנימין אין „קאַמף פאַרן נגב", פון יגאל מאָסענזאָן.

רובין אַרנאָו

געבוירן אין לאָדזש פּוילן. געלערנט אין חדר און אין אַ ישיבה. געלערנט פּויליש, רו־סיש און דייטש אין יערעטישינסקיס שול. און אין אַמעריקע האָט ער ביינאַכט געלערנט אין אַן ענגלישער פּאָלקס שול. געקומען צו דער פאָלקס־בינע, דורך זיין ברודער, אילאי אַרנאָו. געשפּילט דעם פישערמאַן, אין די „האָפענונג", פון הערמאַן הייערמאַן. געשפּילט אין „הירש לעקערט", פון ה. לייוויק. אין „מחותנים", פון גאָטעספעלד. „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק", פון י. ל. פּרץ. אין „פּראָווינץ", פון לעאָן ראַבינס. אין „שווער צו זיין אַ ייד", פון שלום עליכם. אין „מנחם מענדל", פון שלום עליכם. אין „גאָלדפאַדענס חלום", פון איציק מאַנגער. אין „יהודית", פון פרידריך העבעל, און זיך אויך באַטייליקט אין איינ־אַקטערס „הינטער די קוליסן" פון דזשין ראָוז. „פּראָסט בלומען", פון פּרץ הירשביין. „צי־גיינער", פון פּושקין. „דער טויבער", פון בער־געלסאָן. אין יאָר 1948 ווערט ער דערווילט דער געשעפט פאַרוואַלטער פון דער פאָלקס־בינע, און ער האָט אַרויסגעוויזן גרויסע פע־איקייטן אין דער פאַרוואַלטונג.

מינדל גוירנער־ווייסמאַן



יעקב האַלץ

חיים זיינער

משה דערווין

פאולין ווייטמאַן

יהושע זעלדיס



אהרן האַלץ

יוסף וואָלפסאָן



אברהם טייך

פֿאָולין אייזנער

געבוירן אין קאָלאָמעי, גאַליציע. אין די פֿאַרגאַנגענע פֿינף יאָר האָט פ. א. געשפּילט אין דער פֿאָלקס־בינע, די בלינדע זינגערין אין ה. לייוויקס „אָרעמע מלוכה”. זלאַטע אין „גאָלדפֿאַדענס חלום”, פֿון איציק מאַנגער. די יידענע אין „מנחם מענדל”, פֿון שלום עליכם. „אַ גבאיטע” און „פּאָליש אויף דער קייט”, פֿון י. ל. פּרץ. ניכשיטע אין „יהודית”, פֿון פֿרידריך העבעל. האָט זיך אויך באַטייליקט אין מאַסן סצענעס פֿון פֿאַרשיידענע פּיעסן.

פֿאָולין באַדנער

געבוירן אין אַמעריקע. געענדיקט בית יעקב ישיבה. איז אַ העברעאישע לערערין. זיך באַטייליקט אין שול אויפֿפֿירונגען מיט דער גרופּע בנה יעקב. שפּילט אין „קעניג און דער שוסטער” די ראָל פֿון שולמית.

ליובאַ בלום־קאַנדעל

געבוירן אין ניו־יאָרק. גראַדואירט פֿון שלום עליכם פֿאָלקס־שול. געלערנט אין סיטי קאַלעדזש. אָנגעהויבן שפּילן יידיש טעאַטער. פּראָפֿעסיאָנאַל מיט דער ווילנער טרופּע, אין ניו־יאָרק. געשפּילט אין פֿאַרשיידענע יידישע טעאַטערס, אין ניו־יאָרק, און פֿילאַדעלפֿיע. געשפּילט אין „גאָלדפֿאַדענס חלום”, פֿון איציק מאַנגער. אין „אָנקעל מאָזעס”, פֿון לעאָן קאָברין. אין „מנחם מענדל”, פֿון שלום עליכם. אין „גרויסן געווינס”, פֿון שלום עליכם. אין „פּאָליש אויף דער קייט”, פֿון י. ל. פּרץ. אין „יהודית”, פֿון פֿרידריך העבעל. אין „די כלה זוכט אַ פּרינץ”, פֿון דוד ליכט. און „אַ חתונה אין פֿערנוואַלד”, פֿון ה. לייוויק.

אַנאַ בעק

געבוירן אין אַדעס, רוסלאַנד, אין אַ טעאַטער אַטמאָספֿערע, ווייל איר פֿאָטער איז געווען אַ פֿאַרוואַלטער פֿון אַן אוקראַינישער טרופּע. איר פֿאָטער האָט געוואָלט זי זאָל שטודירן אין אַ דראַמאַטישער שול, און זיך פֿאָרבערייטן צו ווערן אַ שוישפּילערין. געלערנט יידיש און רוסיש ביי פּריוואַטע לערער. זי ווערט אַ מיטגליד אין דער פֿאָלקס־בינע. געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין „פּראָווינץ”, פֿון לעאָן ראָבינס. אין בערגעלסאָנס דער „טויבער”, און „ברידער אַפּערמאַן”, פֿון פֿוירכטוואַנגער. אין דוד איינהאָרנס אַ „יידישע טאָכטער” און אין „קאָמעדיאַנטן”, פֿון טונקעלער. די מיידל אין „אייביקע מאַרטירער”. שאָשע אין „גאָלדפֿאַדענס חלום”, פֿון איציק מאַנגער. אין די „אָרעמע מלוכה”, פֿון ה. לייוויק. די אַלטע מוטער אין „ריווערסייד דרייוו”, פֿון לעאָן קאָברין. אין „מנחם מענדל”, פֿון שלום עליכם. דעליאַ אין יהודית”, פֿון פֿרידריך העבעל. די פּרימאַדאָננע אין „אַ מעשה מיט אַ פּרינץ”, פֿון דוד ליכט. מאַדאַם לוריע אין „יאָשקע מוזיקאַנט”, פֿון אָסיפּ דימאָוו.

אברהם בעקער

געבוירן אין רייצעוו, רוסלאַנד. געלערנט אין חדר. געקומען אין אַמעריקע, האָט געשפּילט יידיש טעאַטער דאָ אין לאַנד אין עדיוקיישאָנאַל דראַמאַטיק קלוב פֿון ברוקלין. געוואָרען אַ מיטגליד אין דער פֿאָלקס־בינע, און האָט זיך באַטייליקט אין לעאָ ראָבינס „פּראָווינץ” און יושקעוויטשעס „מיזערער” און אין אַ גרויסער צאָל איינאַקטערס און פּיעסן. געשפּילט דעם קאַפּאַרני אין „אייביקע מאַרטירער”. א. ב. איז אויך אַ באַאַמטער און אַן עקזעקוטיוו מיטגליד אין דער פֿאָלקס־בינע.

ראובן ברי

געבוירען אין ליבאַווע, פּוילן. גראַדואירט אַ יידישע פֿאָלקס־שול, און 6 קלאַסן גימנאַזיע. אָנגעהויבן שפּילן יידיש טעאַטער אין דראַמאַטישע קרייזן אין איטאַליענישע פּליטים לאַגערן. געקומען אין דער פֿאָלקס־בינע. געשפּילט אין „אַ חתונה אין פֿערנוואַלד”, פֿון ה. לייוויק. אין „זינגער פֿון זיין טרויער”, פֿון אָסיפּ דימאָוו. אין „סמבטיון”, פֿון אברהם גאָלדפֿאַדען.

ליובא גוירבער

געבוירן אין אדעס, רוסלאַנד. געענדיקט פֿאָלקס־שול אין רוסלאַנד. געשפּילט אין „וואָס אין פֿידעלע שטעקט”, פֿון י. ל. פּרץ. אין „אַ מעשה מיט אַ פּרינץ”, פֿון דוד ליכט.

מינדל גוירנער־וויסמאַן

געבוירן אין ניו־יאָרק. געקראָגן אַ יידישע און וועלטלעכע ערציאונג. געלערנט אין אַרבעטער־רינג מיטל שול און סעמינאַר, האָט גראַדואירט האָנטער קאַלעדזש. אָנגעהויבן שפּילן יידיש טעאַטער אין דער פֿאָלקס־בינע. איר פֿאָטער האָט איר פֿאַרגעשלאָגן אַלס מיטגליד. געשפּילט אין „גאָלדפֿאַדענס חלום”, פֿון איציק מאַנגער. אין „גרויסן געווינס”, פֿון

מרדכי לוקס

לואיס מאַן

בראָניאַ ניומאַן

חנה לעווין

ציליע מעסלער

חיים נעטער


יעקב מינץ

מיכל ניידיטש

לואי סיגאַל

שלום עליכם. אין „פּאַליש אויף דער קייט״, פון י. ל. פּרץ. זיך באַטייליקט אין מאַסן סצענען אין פאַרשיידענע פּיעסן.

משה דערווין

געבוירן אין פּינסק, ווייס רוסלאַנד. געלערנט אין תלמוד תורה. געשפּילט יידיש טעאַטער דאָ אין לאַנד, אין היברו דראַמאַטיק קלוב. געוואָרן אַ מיטגליד אין דער פאָלקס־בינע און געשפּילט אין די פאָלגנדע פּיעסן. אין „די יידן״, פון טשירקאָוו. אין איבסענס „פאָלקס פריינד״. אין „פּיינדלעכע וועלטן״, פון ראַנעטי ראַמאַן. אין די „באַשעדיקטע״, פון בריע. אין „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק״, פון י. ל. פּרץ. אין „הירש לעקערט״, פון ה. לייוויק. אין „יואל״ און „תקיעת־כף״, פון פּרץ הירשביין. אין „פּראָווינץ״, פון לעאָן ראַבינס. ער האָט אויך געשפּילט אין די פאָלגענדע איינאַקטערס. אין „דאָס אייביקע ליד״, פון מ. אַרנשטיין. אין „פּראָסט בלומען״, פון פּרץ הירשביין. אין „קרעטשמע״, פון מ. גיציס. אין „ציגיינער״, פון פּושקין. אין „משוגענעם בטלן״, פון י. ל. פּרץ. אין אַן „עצה״. אין ס׳איז „אַ ליגן״, פון שלום עליכם. אין „גוטע ברידער״ פון אברהם רייזען. געשפּילט דעם מאַנאַך אין „אַ יידישע טאָכטער״, און ר׳ מנשה אין די „אייביקע מאַרטירער״, פון נעמיראָווער. אהרן מעלניקי אין „אָנקעל מאָזעס״, פון שלום אַש. מעכע אין די „אָרעמע מלוכה״, פון ה. לייוויק. קאַלטון אין „דאָס גרויסע געווינס״ פון שלום עליכם. שלים מזל אין „מנחם מענדל״, פון שלום עליכם. שמואל חכם אין „יהודית״, פון פרידריך העבעל. דער אַלטער אין „פּאַליש אויף דער קייט״, פון י. ל. פּרץ. אַ תמעוואַטער ייד אין „גאָלדפאַדענס חלום״, פון איציק מאַנגער. וויליאַם פליגל אין „אַ מעשה מיט אַ פּרינץ״, פון דוד ליכט. דער בעקער „אין זינגער פון זיין טרויער״, פון אָסיף דימאָוו. דער רב פון שטעטל אין „סמבטיון״, פון אברהם גאָלדפאַדען.

יעקב האַליץ

געבוירן אין לובלין, פּוילן. געלערנט אין חדר און אויך אין אַ מאָדערנער יידישער שול. געקומען צו דער פאָלקס־בינע אין יאָר 1947. מ. ה. האָט געשפּילט פאָלגנדע ראָלן: דער שטומער אין „יהודית״, פון פרידריך העבעל. דער בעל עגלה אין „וואָס אין פּידעלע שטעקט״, פון י. ל. פּרץ. דער אינטריגאַנט אין „אַ מעשה מיט אַ פּרינץ״, פון דוד ליכט. דער גביר אין „דער זינגער פון זיין טרויער״, פון אָסיף דימאָוו. דער קברן און פּאַליציאַנט אין „סמבטיון״, פון אברהם גאָלדפאַדען. אברהם אין „קאַמף פאַרן נגב״, פון יגאל מאָסענזאָן.

אהרן האַליץ

געבוירן אין אמשלאנאָוו, פּוילן. געענדיקט אַ קורס אין שלום עליכם „פאָלקס אינסטיטוט״. געלערנט ענגליש, אין איראַן פּריפּעראַטאָרי סקול. און אין „דעוויט קלינטאָן היי סקול״. א. ה. האָט געשפּילט אין דעם פאָלקס־בינע אַנסאַמבל אין די פאָלגנדע פּיעסן: אין „דאָס גרויסע געווינס״, פון שלום עליכם. אין „פּאַליש אויף דער קייט״, פון י. ל. פּרץ. אין „יהודית״, פון פרידריך העבעל. און אויך געשפּילט אין איינאַקטערס, פון פאַרשיידענע יידישע שרייבער.

יוסף וואָלפסאָן

געבוירן אין באַברויסק, רוסלאַנד. געלערנט אין תלמוד תורה. און אָנגעהויבן שפּילן יידיש טעאַטער אין יאָר 1915, אין דעם ליטעראַרישן דראַמאַטיק קלוב אין ברוקלין, (המכונה בראָנזוויל). די לעצטע יאָרן זיך אָנגעשלאָסן אַלס אַ מיטגליד אין דער פאָלקס־בינע, און געשפּילט אין דעם פאָלקס־בינע אַנסאַמבל. הער פיין אין „דאָס גרויסע געווינס״, פון שלום עליכם. „ראָטשילד״ אין „מנחם מענדל״, פון שלום עליכם. דער האָלץ האַקער אין „פּאַליש אויף דער קייט״, פון י. ל. פּרץ. דער צווייטער כהן אין „יהודית״, פון פרידריך העבעל. דער שיינקער אין „וואָס אין פּידעלע שטעקט״, פון י. ל. פּרץ. זיך באַטייליקט אין מאַסן סצענעס אין פאַרשיידענע פּיעסן פון רעפּערטואַר.

פּאולין וויטמאַן

געבוירן אין רוסלאַנד. געלערנט יידיש אין אַ פּריוואַטער שול, רוסיש אין אַ פאָלקס־שול. אָנגעהויבן שפּילן יידיש טעאַטער אין וועסט ענד דראַמאַטיק קלוב ניו־יאָרק. געשפּילט אין „דער אָרעמער מלוכה״, פון לייוויק. אין דאָס „גרויסע געווינס״, פון שלום עליכם. אין „גאָלדפאַדענס חלום״, פון איציק מאַנגער. אין „מנחם מענדלס חלום״. אין „יואל דער קלעזמער״ פון י. ל. פּרץ. און זיך אויך באַטייליקט אין מאַסן סצענעס פון פאַרשיידענע פּיעסן.

שרה סטייבין

רענעי ספּעקטאָר

שואל פיורי

מרדכי פּאָלאַק


אוירווינג פיליפּס


טייבעלע פריימאַן

לייב פּשעפּיורקע

ברוך פּייוועלאָוויטש

ארנא קאָזשדאַן

חיים זיינער

געבוירן אין קישענעוו, בעסאַראַביע צו יענער צייט. געלערנט יידיש אין תלמוד תורה און אין אַ יידישער שול, רוסיש אין פאָלקסשול. אָנגעהויבן שפּילן יידיש טעאַטער אין אייראָפּע און אין דער דראַמאַטישער געזעלשאַפט אין קאַיראָ, עגיפּטען. געקומען אין אַמעריקע, און געשפּילט יידיש טעאַטער אין ניו־יאָרק, אין סעקאָנד עוועניו, אין ליבערטי טעאַטער אין ברוקלין, און האָפּקינסאָן טעאַטער. אין דער פאָלקס־בינע געשפּילט. גרעגואר אין י. גאָרדינס „קרייצער סאנאטא", הירשקע אין „הירש לעקערט", פון ה. לייוויק. מיכעלסאָן אין גאָטעספעלדס קאָמעדיע „פּונקט פאַרקערט". ד"ר בראַון אין לעאָן ראָבינס „פּראָווינץ". דעם רייטמייסטער אין דעם „פּאָטער", פון סטרינדבערג. געשפּילט אין איינאַקטערס פון גאָרקי, טשעכאָוו, הירשביין, שלום עליכם און פּינסקי. טרעט אויף צו ליטעראַרישע אָוונטן און צו קאָנצערטן און רעציטאַציעס פון יידישע און רוסישע פּאָעטן. געשפּילט יאָזעף און דאָן פּעדראָ אין „אייביקע מאַרטירער". עוזר אין „גאָלדפאַדענס חלום", פון איציק מאַנגער. אין די „אָרעמע מלוכה", פון ה. לייוויק. שימעלע סאָראָקער אין „דאָס גרויסע געווינס", פון שלום עליכם. אין „מנחם מענדל חלומט". יואל קלעזמער אין „וואָס אין פידעלע שטעקט". דער משוגענער אין „פּאַליש אויף דער קייט", פון י. ל. פּרץ. דער ייד וואָס פּראָטעסטירט, אין אַ „חתונה אין פערנוואַלד", פון ה. לייוויק. דודיע אין „סמבטיון", פון א. גאָלדפאַדען. דעם מלכס סופר אין „שלמה המלך און דער שוסטער".

יהושע זעלדים

געבוירן אין אומאַן, רוסלאַנד. ביז 13 יאָר געלערנט אין חדר. דערנאָך אין גימנאַזיע. אויך געלערנט אַ יאָר אין קיעווער אוניווערסיטעט. געשפּילט יידיש טעאַטער מיטן דראַמאַטישן קרייז, אונטער דער אויפזיכט פון „קולטור ליג". אין יאָר 1918 געשפּילט אין אַ רוסישער טרופּע. געוואָרן אַ מיטגליד אין סאָראָבּיס קינסטלער פאַראיין אונטער דער סאָוועטן מאַכט. ער האָט געשפּילט פאָלגנדע ראָלן: דער נעגער טשאַרלי אין „מבול", קאַסטילא און גאָרקיס. אויפן „אָפּגרונט". סיאָמקע אין „שווער צו זיין אַ ייד", פון שלום עליכם. דודל אין „מיטן שטראָם", פון שלום אַש. הערץ אין „מענטשן", פון שלום עליכם. זאַץ אין „פּונקט פאַרקערט", פון גאָטעספעלד. איסאַק אין לייוויקס „הירש לעקערט". דעם לץ אין „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק", פון י. ל. פּרץ. אין 1935 געשפּילט אין סעקאָנד עוועניו טעאַטער מיט ס. גאָלדינבורג און בולאָוון אין דימאָווס פּיעסע „דייטשלאַנד ברענט". אויך געשפּילט אין דימאָווס פּיעסע „שאָטנס איבער האַרלעם". ער טרעט אויף אויף קאָנצערטן, אין ליטעראַרישע אָוונטן ווי אַ רעציטאַטאָר און הומאָריסטישער פּאָרלעזער. געשפּילט דודל אין אַ „יידישע טאָכטער" און יוסף אין „טרוימער פון דער געטאָ" און „אייביקע מאַרטירער". ערשטער האָצמאַך אין א. מאַנגערס „גאָלדפאַדענס חלום". חיים אַ ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט אין ה. לייוויקס די „אָרעמע מלוכה". קאָפּל אין „דאָס גרויסע געווינס", פון שלום עליכם. מנחם מענדל אין „מנחם מענדל", פון שלום עליכם. הושע אין „יהודית", פון פּ. העבעל. ברוך דער שטאָט משוגענער אין „וואָס אין פידעלע שטעקט", פון י. ל. פּרץ. בעני קאַבצנזאָן אין „אַ מעשה מיט אַ פּרינץ", פון דוד ליכט. מענדל אין „דער זינגער פון זיין טרויער", פון אָסיפּ דימאָוו. דעם פאָטאָגראַפּשטשיק אין „סמבטיון", פון אברהם גאָלדפאַדען. צבי אין „קאַמף פאַרן נגב", פון י. מאָסענזאָן. שלמי דער שוסטער אין „דער קעניג און דער שוסטער".

אברהם טייך

געבוירן אין ווישנעוויטץ, רוסלאַנד. געלערנט יידיש ביי פּריוואַטע לערער, און ענגליש אין דער פאָלקס־שול. געקומען צו דער פאָלקס־בינע פון יעקב גאָרדין דראַמאַטיק קלוב, אין יאָר 1916. אָנגעהויבן שפּילן טעאַטער אין פאָלקס־בינע אַנסאַמבל אין יאָר 1944. געשפּילט אין „גאָלדפאַדענס חלולם", פון איציק מאַנגער. אין דאָס „גרויסע געווינס", פון שלום עליכם. אין „מנחם מענדל", פון שלום עליכם. אין „דער זינגער פון זיין טרויער", פון אָסיפּ דימאָוו. אין „סמבטיון" פון א. גאָלדפאַדען. און זיך באַטייליקט אין מאַסן סצענעס, אין פאַרשיידענע פּיעסן. א. טייך איז אויך אַ מיטגליד אין דער עקזעקוטיוו קאָמיטע, און בכלל אַקטיוו אין דער אַרבעט פאַר די אינטערעסן פון דער פאָלקס־בינע.



בנימין קרעמער

הירש רובין

ראָזע ראָזענצווייג

בנימין קעסלער

פעני ראָזענבלום

אידיט ראָס

בעני ראָזענצווייג

פּאָלאַ רעזניק



יעקב שוכמאַן

בערניס טהאו

געבוירן אין ניו־יאָרק. געלערנט אין דאון טאַון תלמוד תורה און דערנאָך אין היי־סקול. געשפּילט דאָס קינד אין „די חתונה אין פּערנ־וואַלד”, פון ה. לייוויק.

מיכל לוקס

געבוירן אין גאַליציע. געלערנט יידיש אין תלמוד תורה, און פּויליש אין פאָלקס־שול. אָנגעהויבן שפּילן יידיש טעאַטער אין ניי סאָנ־ציג מיט דער יידישער טעאַטער־געזעלשאַפט, וועלכע האָט געהאַט אַ טעאַטער סטודיאָ. אין יאָר 1947 געקומען אין אַמעריקע. געוואָרן אַ מיטגליד אין פ. ב. און געשפּילט פאָלגנ־דע ראָלן. אפרים אין „יהודית”, פון פרידריך העבעל. דעם זון אין „וואָס אין פידעלע שטעקט”, פון י. ל. פּרץ. יאָשקע, אין דער „זינגער פון זיין טרויער”, פון אָסיפ דימאָוו. שעפּסל משרת אין „די מעשה מיט אַ פּרינץ”, פון דוד ליבט. מאָטקע אין „סמבטיון”, פון אברהם גאָלדפאַדען. משיח בן יוסף אין „אַ חתונה אין פּערנוואַלד”, פון ה. לייוויק.

חנה לעווין

געבוירן אין טשאָרטקאָוו, גאַליציע. גע־לערנט יידיש, העברעאיש, דייטש און פּויליש ביי פּריוואַטע לערער. געענדיקט אַ פאָלקס־שול. געקומען קיין אַמעריקע. געוואָרן אַ מיטגליד און געשפּילט אין בוקאַווינער דראַמאַטישן פאַראיין. עטלעכע יאָר שפּעטער געוואָרן אַ מיטגליד אין דער פאָלקס־בינע. געשפּילט די מאַדאַם אין „מענטשן”, און אין „מזל טוב”, פון שלום עליכם. פרוי פרידלענדער אין יעקב גאָרדינס „קרייצער־סאָנאַטאַ”. לואיז אין הייערמאַנס די „האָפענונג” און אין אַנדערע פּיעסן און איינאַקטערס. ה. ל. האָט געשפּילט אין פאָלקס־בינע אַנסאַמבל. די שטיפמאַמע אין „גאָלדפאַדענס חלום”, פון איציק מאַנגער. הינדע אין די „אָרעמע מלוכה”, פון ה. לײ־וויק. מאַדאַם פיין אין „דאָס גרויסע געווינס”, פון שלום עליכם. קריינדל אין „מנחם מענדל”, פון שלום עליכם. מחותנתטע אין „פאַליש אויף דער קייט”, פון י. ל. פּרץ. די שכנה אין „וואָס אין פידעלע שטעקט”. די דינסט אין „סמבטיון”, פון אברהם גאָלדפאַדען. רות די נוירס, אין „קאַמף פאַרן נגב” פון י. מאָסענזאָהן.

פּעני מאַרקאָ

געבוירן אין מינסק, רוסלאַנד. געקראָגן יידישע דערציאונג אין רוסלאַנד. זיך באַטיי־ליקט אין „גאָלדפאַדענס חלום”, און „זינגער פון זיין טרויער”, פון אָסיפ דימאָוו. די „אָרעמע מלוכה”, פון ה. לייוויק. „דער קע־ניג און דער שוסטער”. געשפּילט אין מאַסן־סצענעס.

יעקב מינץ

געבוירן אין פּוילן. זיך באַטייליקט און געשפּילט מיט אַמאַטאָרן גרופּן. געקומען קיין אַמעריקע אין 1951. איז אַ געשולטער זינגער. אַריין אין דער פ. ב. אין 1954. שפּילט אמנון אין „דער קעניג און דער שוסטער”.

לואיס מאַן

געבוירן אין באַלימאָוו, וואַרשעווער קרייז, פּוילן. געלערנט יידיש אין חדר, פּויליש און דייטש אין פאָלקס־שול. אין די פאַרגאַנגענע צען יאָר האָט ל. מ. געשפּילט אין דעם פאָלקס־בינע אַנסאַמבל. קוני לעמל אין „גאָלד־פאַדענס חלום”, פון איציק מאַנגער. בוכהאַל־טער אין „דאָס גרויסע געווינס”, פון שלום עליכם. גאַמביטא אין „מנחם מענדל”, פון שלום עליכם. דער מחותן אין „פאַליש אויף דער קייט”, פון י. ל. פּרץ.

ציליע מעסלער

געבוירן אין ביאַליסטאָק. געלערנט יידיש אין שול, רוסיש אין פאָלקס־שול. אָנגעהויבן שפּילן יידיש טעאַטער אין ביאַליסטאָק אין אַ דראַמאַטישן קרייז. געקומען צו דער פאָלקס־בינע אין יאָר 1942. זיך באַטייליקט אין דעם פאָלקס־בינע אַנסאַמבל אין פאָלגענדע פּיעסן. אין „פאַליש אויף דער קייט”, פון י. ל. פּרץ. אין „יהודית”, פון פרידריך הע־בעל. אין „סמבטיון”, פון אברהם גאָלדפאַדען. און אויך זיך באַטייליקט אין מאַסן סצענעס פון פאַרשיידענע פּיעסן.

בראָניאַ ניומאַן

געבוירן אין זשיראַרדאָוו, פּוילן. געלערנט אין יידישע און רוסישע פאָלקס־שולן. גע־קומען קיין אַמעריקע. געשפּילט יידיש טעאַ־טער דאָ אין לאַנד, אין יידישן קונסט טעאַטער. געוואָרן אַ מיטגליד אין דער פאָלקס־בינע. געשפּילט אין לייוויקס דראַמאַטישער פּאָעמע. „הירש לעקערט” און „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק”, פון י. ל. פּרץ. אין „קאָמעדיאַנטן”,

שלום ראָזין

מרדכי שטראַל



מענדעל שוואַרץ

פון טונקעלער. „עץ וויקערס״, פון סינקלער לואיס. אין „פראָסט בלומען״, פון פּרץ הירש־ביין. אין די קרעטשמע״, פון מ. גיציס. און אין אַנדערע איינאַקטערס. זי טרעט אויף צו קאָנצערטן, אין רעציטאַציעס, פון יידישע פּאָעטן, געווען אַ מיטגליד אין דער פאָלקס־בינע עקזעקוטיווע. געשפּילט העלענאַ אין „אייביקע מאַרטירער״. האָט אויך געשפּילט שאָשע, אין „גאָלדפאַדענס חלום״, פון איציק מאַנגער. יעטאַ אין די „אָרעמע מלוכה״, פון ה. לייוויק. די זינדיקע אין „פּאָליש אויף דער קייט״, פון י. ל. פּרץ. פּעשע, אין „וואָס אין פידעלע שטעקט״, פון י. ל. פּרץ. יהודית אין דער דראַמע „יהודית״, פון פרידריך העבעל. מאַרושקא די ציגיינערין, אין „סמבטיון״, פון אברהם גאָלדפאַדען.

מיכל נוידיטש

געבוירן אין פּינסק, רוסלאַנד. געלערנט יידיש אין תלמוד תורה, רוסיש אין פאָלקס־שול. געקומען אין אַמעריקע. געשפּילט יידיש טעאַטער אין בראָנזווילער דראַמאַטיק קלוב עטלעכע יאָר, שפּעטער אין דער פאָלקסבינע. געשפּילט קוני־לעמל, און נתן הכהן אין „גאָלדפאַדענס חלום״, פון איציק מאַנגער. דעם שדכן אין „דאָס גרויסע געווינס״, פון שלום עליכם. דער לאָמער אין די „אָרעמע מלוכה״, פון ה. לייוויק. דער שרייבער אין „מנחם מענדל״, פון שלום עליכם. פריילעכער אָרעמאַן אין „פּאָליש אויף דער קייט״, פון י. ל. פּרץ. אכאָב אין „יהודית״, פון פרידריך העבעל. אויך זיך באַטייליקט אין „די חתונה אין פערנוואַלד״, פון ה. לייוויק.

חיים נעטער

געבוירן אין בערמלע, וואָלינער גובערניע. געלערנט יידיש ביי פּריוואַטע לערער, רוסיש אין פאָלקס־שול. ח. נ. האָט געשפּילט אין דעם פאָלקס־בינע אַנסאַמבל. אין „דאָס גרויסע געווינס״, פון שלום עליכם. אין „פּאָליש אויף דער קייט״, פון י. ל. פּרץ. טראַבאַנד, אין „יהודית״, פון פרידריך העבעל. און זיך באַטייליקט אין מאַסן סצענעס, אין פאַרשיידענע פּיעסן.

שרה סטייבין

געבוירן אין פולאַן, וואָלינער גובערניע. געלערנט יידיש ביי אַ פּריוואַטע לערערין, רוסיש אין פאָלקס־שול. האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער „ליטעראַרישער בינע״. די ערשטע ראָלע וואָס זי האָט געשפּילט איז געווען חנהלע, אין „דאָס אייביקע ליד״, פון מאַרק אָרענשטיין. זי ווערט אַ מיטגליד אין דער פאָלקס־בינע ביי איר גרינדונג. געשפּילט אין איבסענס „פאָלקס פיינד״. געשפּילט עוואַ אין „שניי״, פון פּשיבישעווסקי. מירא, אין „הונגער״, פון יושקעוויטש. אַביל אין „קאָמעראַדן״, פון סטרינדבערג. פרוי וואַקעראַט אין „איינזאַמע מענטשן״, פון האַופּטמאַן. פרוי קראַמער אין „מיכאַיל קראַמער״ פון האַופּטמאַן. אין „פאַרברעכן און שטראָף״, פון דאָסטאָיעווסקי. אין א. ווייטערס „פאַרטאָג״. נאַטאַשאַ, אין „קרייצער סאָנאַטאַ״, פון יעקב גאָרדין. אין די „קאַפּריזנע טאָכטער״, פון א. גאָלדפאַדען. סטעראַ, אין פּרץ הירש־ביינס „גרינע פעלדער״. דזשינקע אין „מיזערער״, פון יושקעוויטש. דבורה, אין נאָמ־

בערגס „משפּחה". בערטאַ „אויף נייע וועגן", פון ש. דייקסעל. אין „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק", פון י. ל. פּרץ. סאָניאַ, אין ל. ראַבינס „פּראָווינץ". אין הירשביינס „פּראָסט בלוי־מען". אין די „קרעטשמע", פון מ. גיציס. די מאַמע און אַ יידישע טאָכטער אין „איי־ביקע מאַרטירער". די מוטער אין „„אָנקעל מאָזעס", פון שלום אַש. באַבע יאַכנע אין „גאָלדפאַדענס חלום", פון א. מאַנגער. עטי־מעניע אין „דאָס גרויסע געווינס", פון שלום עליכם. ברכיהס ווייב אין „פּאַליש אויף דער קייט", פון י. ל. פּרץ. כאַמיטאַל אין „יהודית" פון פרידריך העבעל. מירל, אין „וואָס אין פידעלע שטעקט". מלכה, אין „אַ מעשה מיט אַ פּרינץ". האָדעס אין „דער זינגער פון זיין טרויער" פון דימאָוו. „סמבטיון", פון א. גאָלד־פאַדען. די מוטער אין „קאַמף פאַרן נגב", פון י. מאָסענזאָהן. בת שבע אין דעם „קעניג און דער שוסטער".

לואיס סיגאַל

געבוירן אין קרעמעניץ, רוסלאַנד. געלערנט אין אַ פּריוואַטער ישיבה פאַר רעליגיעזע דערציאונג. געענדיקט פּוילישן לערער סע־מינאַר אין קרעמעניץ. געלערנט אין אַ דראַ־מאַטישער שול אין וואַרשע. צוויי יאָר שטו־דירט אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט. אָנגע־הויבן שפּילן יידיש טעאַטער אין קרעמעניץ, און אין ראָוונע, וואָלין, אין אַ דראַמאַטישן קרייז. געקומען אין אַמעריקע. האָט ער גע־וואָלט זיך אויסלעבן ביים יידישן טעאַטער. ל. ס. האָט געשפּילט אין דעם פאָלקס־בינע אַנסאַמבל פאָלגענדע ראָלן: מאָטל אין „דאָס גרויסע געווינס", פון שלום עליכם. בעל מגזם אין „מנחם מענדל", פון שלום עליכם. דער זינדיקער, אין „פּאַליש אויף דער קייט", פון י. ל. פּרץ. אפרים אין „יהודית", פון פרידריך העבעל.

רענעי ספּעקטאָר

געבוירן אין לאָנדאָן, ענגלאַנד. געלערנט יידיש ביי אַ פּריוואַטן לערער. געקומען אין ניו־יאָרק, גראַדואירט פּאַבליק־סקול. ר. ס. האָט געשפּילט אין דער פאָלקס־בינע אַדעל אין „ריווערסייד דרייוו", פון לעאָן קאָברין. ציפּה, אין „גאָלדפאַדענס חלום", פון איציק מאַנגער. די מויד, אין „דאָס גרויסע געווינס", פון שלום עליכם. די משוגענע, אין די „אָרעמע מלוכה", פון ה. לייוויק. חנה, אין „וואָס אין פידעלע שטעקט", פון י. ל. פּרץ. פריידל, אין „אַ מעשה מיט אַ פּרינץ", פון דוד ליכט. שרה, אין „אַ חתונה אין פּערנ־וואַלד", פון ה. לייוויק. שיינע, אין דעם „זינגער פון זיין טרויער", פון אָסיפּ דימאָוו. שאָשע אין „קאַמף פאַרן נגב", פון יגאל מאָסענזאָהן. נעמי דעם שוסטערס ווייב, אין „דער קעניג און דער שוסטער".

לייב פּשעפּיורקאַ

געבוירן אין וואַרשע, פּוילן. געלערנט יידיש און וועלטלעכע דערציאונג אין בית ספר גבוה תחכמוני אין וואַרשע. אָנגעהויבן שפּילן יידיש טעאַטער אין וואַרשע און אין אַנדערע שטעט פון פּוילן. נאָכן קריג געשפּילט אין די די. פּי. לאַגערן אין דייטשלאַנד. גע־גרינדעט און אָנגעפירט מיט דער דראַמאַטי־שער גרופּע אין באַד־זאַצשליף, דייטשלאַנד, אין די יאָרן 1947—1948, רעזשיסירט מיטן קינדער־טעאַטער ביים קינדער־היים אין באַדנ־היים, ביי פראַנקפורט. געקומען אין אַמע־ריקע. געוואָרן אַ מיטגליד אין דער פאָלקס־בינע אין יאָר 1952. געשפּילט אין פאָלקס־בינע אַנסאַמבל אין אברהם גאָלדפאַדענס „סמבטיון". אין יגאל מאָסענזאָהנס „קאַמף פאַרן נגב".

שואל פּיורי

געבוירן אין קרינעק, פּוילן. געלערנט יידיש אין חדר, און רוסיש אין פאָלקס־שול. געשפּילט יידיש טעאַטער אין קרינעק, גראָד־נער גובערניע, פּוילן, אין אַ דראַמאַטישן קרייז. שואל פּיורי האָט געשפּילט אין דעם פאָלקס־בינע אַנסאַמבל פאָלגענדע ראָלן: אבשלום טוב אין „אַ מעשה מיט אַ פּרינץ", פון דוד ליכט. הערש אין „אַ חתונה אין פּערנוואַלד", פון ה. לייוויק. יצחק, אין „סמבטיון", פון אברהם גאָלדפאַדען.

אירווינג פיליפּס

געבוירן אין זעמבראָווע, פּוילן צו יענער צייט. געלערנט אין חדר, און אויך געלערנט יידיש ביי פּריוואַטע לערער. געקומען אין אַמעריקע. גראַדואירט וואַשינגטאָן אירווינג היי־סקול. און געשפּילט יידיש טעאַטער מיט מאָריס שוואַרץ. א. פ. האָט געשפּילט אין דעם פאָלקסבינע אַנסאַמבל אין די פאָלגענדע פּיעסן. איצעלע אין „וואָס אין פידעלע שטעקט", פון

י. ל. פּרץ. אימפּראָסאַריאָ אין „אַ מעשׂה מיט אַ פּרינץ", פון דוד ליכט. דער קברן אין „סמבטיון", פון אברהם גאָלדפאַדען. און האָט זיך באַטייליקט אין מאַסן סצענעס אין פאַרשיידענע פּיעסן.

טייבעלע פריימאַן

געבוירן אין ברוקלין. אַ קינד פון מאַניע און שמחה פריימאַן. געלערנט אין שלום עליכם שול. געשפּילט אין „מנחם מענדל" אַלס קינד. אין „יהודית". גייט איצט אין קאָלעדזש און איז אַ פיינע טענצערין.

מרדכי פאָלאַק

געבוירן אין קישענעוו, בעסאַראַביע. געלערנט יידיש אין תלמוד תורה. געקומען צו דער פאָלקס־בינע דורך זיינע פריינד. האָט געשפּילט דעם פּריסטאַוו אין „גאָלדפאַדענס חלום", פון איציק מאַנגער. דעם שמש אין „פּאַליש אויף דער קייט", פון י. ל. פּרץ. און האָט זיך באַטייליקט אין אַ צאָל פּיעסן פון פאָלקס־בינע רעפּערטואַר.

ברוך פּייוועלאָוויטש

